Insurance
so good, it's
#forgettable

jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY

Vol. 10 • #50 (480) Friday **September 9, '22** • ב"ה • פרייטאָג כי תצא, י"ג אלול תשפ"ב לפ"ק

loop REALTY
845-388-1155
info@looprealtyinc.com
52 Bakertown Rd. Suit #419
נפתלי הירצקא לאנדא | הערש אלימלך ניערדמאן
Residential | Commercial | Sales | Rentals

## תְּרוֹמַמְנָה קַרְנוֹת צַדִּיק!

# גלאַפּירנדע הרחבת גבולי הקדושה אין ק"ק קרית יואל

**בכל עיר ועיר אשר דבר המלך מגיע:**



### תושבי שכונת בלומינגראָוו-קרית יואל לעבן מיט געהויבענעם באַוזד פון כ"ק אדמו"ר שליט"א לרגל הרחבת גבולי הק', און "ערשטער שבת" אינעם 'ביהמ"ד דקהל יטב לב שכונת מעריוואָוד' אויפ'ן שטח הבנין האדיר החדש

אומגלויבליכע פארשריט ביי אויפבוי פון בנינים אדירים דקיט"ל אויף "מעריוואָלד" און "דועלק"

**ישמח משה במתנת חלקו:**



### גרויס פרייד ביי תושבי שכונת סעקשאַן 4 והסביבה צום באנייאונג פון פרישע 'מנינים צענטער' מיט ערעפענונג פון נייע פראכטפולע "מקוה המפואר" אין 'ביהמ"ד ישמח משה' דקהל יטב לב

סדר פון רונדע מניני שחרית גייט אריין אין שוואונג דעם זונטאג כי תבוא ט"ו אלול הבעל"ט

**ויוא"ל משה אמת ותורתו אמת:**



### גלאַפּירנדע בוי ארבעט ביים נייעם 'ביהמ"ד ומקוה מפוארה דקיט"ל' אין צענטער פון 'שכונת ויואל משה' צו די פרייד פון תושבי השכונה וואס קוקן ארויס אויף נאענטער ערעפענונג לקראת די ימים נוראים תשפ"ג הבעל"ט

ארבייטער-מאנשאפט דזשומען ביי די מקוה המפואר, חדרי התפלה, עזרת נשים, בית הוראה וואס ווערט געבויעט אין בליץ שנעלקייט אויפצובויען גרעסטן ביהמ"ד לתועלת תושבי השכונה

ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה!

מאסיווע "בליץ" רעגיסטראציע דרייוו" פון 'אחים לדעה' קרית יואל צו רעגיסטרירן יעדן תושב העיר
סאטמאר אחים לדעה קרית יואל

כלל ישראל פלאַקערט מיט רחמנות צו ערצייגן היסטאָרישע "מעגאַ רעזולטאַטן", 5 מיליאָן, פאַר גלאַבאַלע "רפואה העלפליין" ארג.
רפואה העלפ-ליין REFUAH HELPLINE
2 טעג • 36 שעה • 5 מיליאָן!

**קרוב צו 100 דייני ניו יאָרק** באַהאַנדלען "מענטאל העלט" ביי ערפאלגרייכע אסיפת הרבנים

Regional Bikur Cholim MENTAL CARE

כי למחי' שלחנו: **געפילן פון פרייד ביי אימפאזאנטע מעמד יציקת היסודות פון גרויסער לאָקאַל פון לאקאלע סופערמאַרקעט, אין צענטער פון בלומינגראוו**

**ערשטע יאָרצייט פון כ"ק הגה"צ חו"פ מרן דומ"ץ סאַטמאַר מאָנטרעאַל זצ"ל בעל "מנחם משיב" וועט געפּראַוועט ווערן דעם קומענדיגן שב"ק י"ד אלול**

וישרא"ל עושה חיל: **אויסטערלישע שמחה צווישן תושבי שכונת "קוועיקער הילל-פעני קאָורט" אין "טאון אוו מאָנראָו" צו פריידיגע חנוכת המקוה פון סאַמע - ערשטע קביעות'דיגע מקוה מפוארה פאר דער גאַנצער אומגעגנט אין ביהמ"ד המפואר סטאוויניץ**

בורא עולם בקנין השלם זה הבנין!
**פאַרצווייגטער "דריי מיליאָן דאָלער" קאַמפּיין געלאָזט אין שוואונג צום אויפבוי פון פרעכטיגן ביהמ"ד המפואר "וואדבורי ווילאַס"**

העוֹל"ה קודש קדשים:

# קרית יואל זעט פייערדיגע הייבונג אין החזקת התורה אין ערשטע וואָך פון "תקופת העולים"

**איבערראַשנדע אָפּרוף ביי הונדערטער "תורה" שותפים צו העכערן זכותים מיט'ן העכערן תמיכה פאַר לומדי "כולל סאטמאר קרית יואל"**

תקופת העולים - כולל סאטמאר קרית יואל

בס"ד




# רפואה העלפליין'ס
## מאכטפולע רעזולטאַטן

צענדליגער ערפארענע קעיס-ווארקערס זענען זיך געטריי מוסר נפש און דעליווערן בעז"ה גליקליכע רעזולטאטן פאר חולי ישראל, פאר כלל ישראל!

**די מאַכטפולע "רעזולטאטן" רעדן פאר זיך אליינס – א "רעזולטאט" פון כלל ישראל'ס האַרציגע שטיצע**

friedcomedia.com

זיין לעבן איז געהאָנגען אויף אַ האָר,

# ווידעראַמאָל זוכה צו בּענטשן די קינדער!

נא להתפלל ולעורר רחמי שמים האָבן די צעטלעך אין שול געשריגן. אוי, **אַ טאַטע אין אזא יונגע יאָרגאַנג דאַרף דרינגענד דורכגיין אַ טרענספלענט,** די מצב איז אָנגעצויגן, די משפחה איז פארלוירן. דער טאטע ווייסט גוט זיין מצב **"צו וועל איך נאך אמאל קענען בענטשן מיינע קינדערלעך?"**

די מינוט רפואה העלפליין איז אריינגעשפרונגן אינעם קעיס, האט זיך די מצב גענצליך איבערגעדרייט. די משפחה האט געשפירט רואיג, די קעיס ווערט געפירט דורך די ווארעמהארציגע רפואה העלפליין "קעיס ווארקערס" וועלכע פארמאגן עקספערטיז באגלייט מיט אידישע געפיל. **בייטאג און ביינאכט האט מען נישט גערוהט,** מיט זייערע פאַרבינדונגען האט מען עקספעדייטעד די פּראָצעדורן די טרענספלענט זאל פאסירן, **די גרעסטע דאָקטוירים זענען געווארן איינגעשפּאַנט,** ביז די ישועה בעז"ה.

**אַצינד, ישימך אלוקים,** טאקע נאך אפגעשוואכט, אבער דער טאטע איז צוריק דא און בענטשט די קינדערלעך מיט געפילן פון התרגשות.



POWERING RESULTS FOR CHOLEI YISROEL
RESULTS
אומגלויבליכע רעזולטאטן פאר חולי ישראל

$5,000,000

SEPTEMBER 14-15 | דינסטאג און מיטוואך תבוא

CHARIDY.COM/REFUAH | 845.606.9222

בעזהי"ת

# קרן אלמנות ויתומים דארה"ב וקאנאדא

## בשר ודגים - מדי יום ביומו - ומדי שבת בשבתו - ומועד במועדו

25 Ross St. Brooklyn NY 11249 718-782-5349 Fax 646-993-6741

**1,778**
**משפחות אלמנות**
**3,263**
**יתומים (ילדים בבית)**

**סניף קרית יואל - עם הקמחא דפסחא**

| תשפ"ב עד ר"ח תמוז | תשפ"א | תש"פ |
|---|---|---|
| $1,315,380.00 | $1,015,733.00 | $843,303.00 |

**חשבון השנה**

תמוז אב תשפ"א $910,784.00
אלול תשרי תשפ"ב $1,826,492.00
חשון - חצי טבת תשפ"ב $1,379,714.00
חצי טבת - אדר א' תשפ"ב $1,472,695.00
אדר ב' ניסן תשפ"ב $4,830,458.00
(עם הקמחא דפסחא)
אייר סיון תשפ"ב $1,781,181.00
**ס"ה $12,201,324.00**

**חשבון הקרן**
נתייסד אייר תשע"ו עד תמוז תשפ"ב
**$34,796,240.00**

# הארציגע דאנק בריוו פון אלמנות שתחי'

**מכתב 0239 (E10.022)**

הרב לויפער נ"י

יישר כח פארן רואיגן געוויסן. איר העלפט אונז מיט אסאך מער ווי די טעגליכע און וועכנטליכע הוצאות אויף איינצוקויפן פיש, טשיקן און פלייש. איר נעמט אראפ פרעשור פון מיר, און די מנוחת הנפש איז א ריזיגע מתנה פאר מיין משפחה און פאר מיר.

עס איז מוסיף א ים צו אונזער שמחת יום טוב, ווי אויך יעדן שבת.

ברכה והצלחה וכל טוב, מרת ..... ומשפחתה

**מכתב 0240 (E32.001)**

לכבוד הרב לויפער,

דא שרייבט צו אייך .......... פון ........ איך שרייב זיך אויסצודריקן ווי שטארק איינדרוקספול עס איז דאס וואס איר טוט פאר מיין משפחה.

אזוי ווי איך האב אייך געזאגט אויפן טעלעפאן, בין איך א מאמע פון 11 קינדער. דאס אינגסטע, א מיידעלע פון 31 יאר, איז מעדעציניש פעלערהאפטיג מיט ספעציעלע געברויכן, וועלכע געפינט זיך ברוך השם אין "שערי חמלה", אין מאנרא. זייט ..... מיט 7 יאר צוריק, שטיי איך אויס א גערצנגל צו שפייזן און זיך זארגן פאר מיינע קינדער איך איינע אליין, אן קיין שום הילף פון ערגעץ נישט. ..... אויפשטיין אום 6 אזייגער אינדערפרי אנצוהייבן דעם טאג מיט מיינע קינדער כדי צו קענען שטעלן עפעס עסן אויפן טיש און די סאמע פשוט'סטע געברויכן אין שטוב, אבער פארט איז מיר אוממעגליך צו דעקן אלע בילס, און צייטנווייז מאכט זיך אז איך האב פשוט ממש גארנישט קיין עסן אין הויז, ניטאמאל קיין ברויט און מילך. ס'איז שוין מער ווי א גאנץ יאר וואס איך קען בכלל נישט ארבעטן זייט מיין טאכטער'ס געזונט האט זיך כסדר שטארק פארערגערט. עס פארלאנגט זיך פון מיר אז איך זאל איר שענקען מיין טאטאלע וועזנהייט און זיין גרייט פאר איר אלע שטונדן פון טאג.

אלס א מאמע האב איך געמוזט שטיין און צוקוקן וויאזוי מיינע קינדערליידן נעבעך און גייען דורך אלע זייערע יסורים און נסיונות וואס דער אייבירשטער האט זיי געשיקט. איך ווייס אז דער אייבירשטער שיקט זיי די אלע זאכן נאר כדי זיי אויפצובויען, זיי צו מאכן שטארקער (איר מעגט מיר גלייבן אז די זאכן וואס יעדעס איינציגע פון מיינע קינדער איז דורך, זאל קיין שום איד קיינמאל נישט דארפן מיטמאכן), און אז הקב"ה וועט זיי קיינמאל נישט שיקן א זאך נאר וואס – אפגעזען ווי א שווערע צרה ס'זאל נאר זיין – עס וועט סוף כל סוף זיין א טובה. איך ווייס ביי מיר אין הארץ אז אין זכות פון אלע זייערע זיידעס פון ביידע זייטן, דער בעל שם טוב, דער איזשביצער, און דער בית יעקב, וועלן אלע מיינע קינדער זיך נאר לערנען און שטייגן פון אלע זייערע נסיונות, און שטיין אינאיינעם מיט כלל ישראל צו ברענגען משיח'ן.

אבער נאך אלץ, דער צער פון א מאמע צו שטיין און צוקוקן, אפילו נאר צו טראכטן דערפון, מיט גארנישט חוץ מיינע טרערן און תפלות, איז ביטער שווער. איך זיץ מיט אזעלכע יסורים ווי גלייך א מעסער ווערט אריינגעדרייט אין מיין הארץ, פראבירנדיג צו שטיין גרייט פאר מיינע קינדער אויפן בעסטן וועג ווי ס'איז נאר שייך – זיי צו אקצעפטירן נישט קיין חילוק וויאזוי זיי פירן זיך אויף – אבער דאך אומפעאיג זיי צו צושטעלן אפילו דאס מינדעסטע. עס איז מיר אוממעגליך זיי אנצוגרייטן דאס עסן וואס זיי חלש'ן דערפאר אזוי שטארק ווען זיי קומען אהיים. בלויז די ידיעה אז כאטש וואס איך זאג זיי ווי שטארק איך האב זיי ליב, כאטש וואס איך בין שטאלץ מיט זיי, אז איך בין אלעמאל דא פאר זיי נישט קיין חילוק וואס ס'זאל נאר זיין, און אז זיי זענען מיר אזוי חשוב ווי די גאנצע וועלט – דארפן זיי נאך אלץ א ליבליכע סעודה אויך פון זייער מאמע – ווערטער אליין זענען פשוט נישט גענוג.

אבער יעצט, ווען זיי קומען אהיים, האבן זיי שוין דעם שמעק פון זייערע באליבטע עסנווארג, און זיי שמייכלען, וואס דערפרייט מיר דאס הארץ יעדעס מאל וואס איך זע דעם שמייכל, באטראכטנדיג זיי וויאזוי זיי האבן אזא הנאה פון אן עכטע סעודה.

איך האב זיי געזאגט פון וואו די אלע זאכן קומען, וויאזוי איר טוט אזא אומגעהויערן חסד פאר אזעלכע משפחות אין נויט, עס איז זיי אזוי וויכטיג זיי זאלן דאס זען, עס עפנט זייערע אויגן צו זען אז ס'איז נישט בלויז צער און ווייטאג פון וואו זיי שטאמען, נאר עס איז אויך פארהאן חסד, אזויפיל גוטס, ליבשאפט און אקצעפטירונג.

איך האב אזויפיל הכרת הטוב פאר וואס איר טוט, איך דאנק השי"ת יעדעס מאל ווען איך גיי איינקויפן, ווען איך קאך, און ווען איך זע מיינע קינדערלעך עסן וואס הקב"ה האט זיי געשיקט דורך אייך זייענדיג זיין שליח צו העלפן מיין משפחה, און אלע משפחות וועמען איר העלפט, זאלט איר זוכה זיין צו קענען ממשיך זיין אייער הילף, און ממילא ווייס איך אז דער אייבירשטער וועט זיכער בענטשן ..... מיט קינדער וואס וועלן זיין געזונט און אויסוואקסן צדיקים, תלמידי חכמים, בעלי חסדים, צניעות מיט חן, וואס וועלן ברענגן לויטער נחת פארן באשעפער, זייערע עלטערן און אור-עלטערן.

אייער גאנצע משפחה זאל נאר וויסן פון שמחה, ברכה, פרנסה, געזונט אין אלע ענינים, הצלחה און שמירה פון אייבערשטן.

אויב איך מעג בעטן דעם רב צוצולייגן די נעמען פון מיינע קינדער צו סיי וועלכע ליסטעט ס'איז דא לתפלה ובקשה.

איך פארענדיג מיט די מערסטע הכרת הטוב וואס איז נאר מעגליך,

מרת .....

**מכתב 0241 (Y01.028)**

לכבוד הרב ר' אברהם לויפער נ"י

א גרויסע יישר כח פאר די הערליכע ד' מינים סעט, דאס האט פארשאפט פאר אונז א עונג יום טוב.

די באשעפער זאל העלפן עס זאל מקוים ווערן ביי אייך "אם אתה משמח את שלי אני משמח את שלך".

מרת.... אשת.... ע"ה

**הרב אברהם לויפער שליט"א**
**אבד"ק דראגּ**
**מייסד ומנהל**

**ברוקלין:**
וויליאמסבורג
בארא פארק
פלעטבוש - קענזיגטאן
קראונהייטס
סיגעיט - בעי רידזש
בענסענהורסט - מארין פארק
דזשארזש טאון - מיל בעיסען
**סטעטען איילענד - איסט סייד**

**קווינס:**
פלאשינג - קיו גארדענס
ריגא פארק

**פייוו טאונס:**
פאר ראקעוועי - לארענס
וואדמיר - סידערהורסט

**אפסטעיט:**
קרית יואל
מאנסי - סקווירא
סאוט פאלסבורג
נייטרא - קאשוי

**ניו דזשערזי:**
לעיקוואוד - דזשעקסאן
דזשערזי סיטי - יוניאן סיטי
פאסעיק - קליפטאן
עליזאבעט - דיעל
בערגענפיעלד - וויינלאנד

**פענסילוועניא:**
פילאדעלפיא - פיטסבורג

**קאנעטיקוט:** ניו העיווען
**קליוולאנד - באלטימאר**
**לאס אנדזשעלעס**

**קאנאדא:**
מאנטריאל - טאהש - טאראנטא

יכולין לשלוח טשעק על שם
**CONG. OHEL TORAH**
**25 Ross St.**
**Brooklyn NY 11249**
**(TX. I.D. 11-305-0300)**
*
יכולים לקרוא 24 שעה
718-782-5349 #1
וליתן נדבתו ע"י קרעדיט קארד
*
יכולים ליתן ישר מבאנק
אקאונט שלו ע"י .ACH
נא לקרוא
718-782-5349 #2
*
ע"י Chase Quickpay
kerenalmones@gmail.com
718-809-5495
*
יכולין לסדר תשלומין על
האקאונט שלו בחנות של בשר
או של דגים, וכן ע"י .O.J.C
או Fidelity Charitable
The Donors Fund וכדומה
*
**לסדר מעמדות קבועים**
**מדי שבוע בשבוע**
**או חודש בחדשו - לקרוא**
**718-782-5349 #2**
**או לשלוח אימעיל**
**kerenalmones@gmail.com**
**בקרית יואל יכולים למסור**
**המעות להרב ר' יואל (בר"ב)**
**לויפער שליט"א**

| פרנס אלמנה ויתומים לכל השנה | חודש תשרי | חודש ניסן | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|
| משפחה ברוכי ילדים - $300.00 לשבוע | $2,500.00 | $3,600.00 | $18,000.00 |
| משפחה גדולה - $200.00 לשבוע | $1,800.00 | $2,500.00 | $12,000.00 |
| משפחה רגילה - $150.00 לשבוע | $1,200.00 | $1,800.00 | $10,000.00 |
| משפחה בינוני - $120.00 לשבוע | $900.00 | $1,200.00 | $7,800.00 |
| משפחה - $100.00 לשבוע | $720.00 | $1,000.00 | $6,300.00 |
| משפחה קטנה - $75.00 לשבוע | $600.00 | $900.00 | $5,200.00 |

| מעמדות לכל השנה | חודש תשרי | חודש ניסן | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|
| מעמדות לשבוע - $26 בשר $26 דגים | $500.00 | $720.00 | $3,600.00 |
| מעמדות לשבוע - $18 בשר $18 דגים | $360.00 | $500.00 | $2,600.00 |
| מעמדות לשבוע - $18 בשר ודגים | $180.00 | $360.00 | $1,300.00 |
| מעמדות לחודש - $18 בשר $18 דגים | $150.00 | $250.00 | $780.00 |
| מעמדות לחודש - $18 בשר ודגים | $120.00 | $180.00 | $500.00 |

| פרנס לכל האלמנות |
|---|
| לשבת קודש ולכל השבוע $180,000.00 |
| פרנס השבת קודש $72,000.00 |
| פרנס היום $26,000.00 |

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

# ביהמ"ד ישמח משה

## היכל ישכר בעריש

## דקהל יטב לב סאטמאר, קרית יואל

נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

Cong. Yetev Lev Satmar Kiryas Joel · 18 Israel Zupnick Drive · Monroe NY 10950

בשמחה ובטוב לבב הננו בזה להודיע לכל הקודש אנשי שלומינו
מתפללי בית מדרשינו תושבי השכונה והסביבה הע"י

על התחלת סדר

# מנייני שחרית בימות החול

בחדרי תפלה בתוככי בית מדרשינו ישמח משה

## עם פתיחת שערי המקוה המפוארה

# ביום א' כי תבא הבעל"ט

לס' והלכת אל המקום אשר יבחר ה"א לשכן שמו שם

## היכל בית מדרשינו המפואר "היכל ישכר בעריש"
## מיוחד ומוכן ללימוד התורה בכל שעות היום

עם אוצר מלא של ספרים מספרים שונים להרחבת דעתן של הלומדים

את קולו שמענו:

**אסור להשתמש עם סמארטפאון בכל בנין הביהמ"ד, ונא לבוא בביהמ"ד כראוי וכיאות לכבוד בית אלקינו!**

כמו שהשמיע כ"ק מרן רבינו שליט"א
מוצש"ק קרח העעל"ט אצל חנוכת
בית מדרשינו בית כהנא

## פתיחת שערי המקוה עם המשמש שטיבל
## ביום ערש"ק תצא הבעל"ט

יהי' אפשרות לקנות "מקוה קארטלעך"
אצל מו"ה **משה יאקאבאוויטש** הי"ו
משמש נאמן דבית מדרשינו

יה"ר שחפץ ה' בידינו יצליח להגדיל תורה ולהאדירה לרומם קרן קהלתינו הק' בדרך הסלולה לנו ממרן רביה"ק זי"ע תחת דגלו של כ"ק מרן רבינו שליט"א עד ביאגו"צ בב"א

בכבוד רב

**הגבאים**



שהדיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!



בס"ד
קרית יואל פייערט דאס עפענונג פונעם פראכטפולן מיללער שטריימל געשעפט אינעם עיר מלוכה.
קרית יואל
GRAND OPENING
SALE!
אינעם פראכטפולן נייעם קרית יואל לאקאל 9 GARFIELD RD
845.385.9600 // זונטאג: 1:00 ביז 10:30 מאנטאג ביז דאנערשטאג: 3:00 ביז 10:30


גאַנץ קרית יואל קען זיך ערלויבן
אַן הערליכן מיללער שטריימל!
$1,999
$3,999
אפגרעידעד שטריימל
מיללער שטריימל
אריין און ארויס!
כאַפּט ווילאַנג ס'נאָך דאָ!
זונטאג כי תבוא ביז
זונטאג נצבים א' סליחות
ויז איין וואך!
friedcomedia.com

# ברכה לראש משביר

והגית בו יומם ולילה
כולל חצות

ר צון יראיו יעשה כאשר ענדו כתר של כבוד לראשו עטרת של האי גברא רבא אור בהי ר
ב קי בחדרי תורה ונהיר בשבילי דאורייתא, עיניו כיונים על אפיקי המקרא משנה וגמר א
י דיו רב לו בדבר ה׳ זו הלכה, ולהורות נתן בלבו ללמד את הדרך הישר והטוב לעם קדו ש
י ען וביען חשקו נפשו בתורה, והוסיף אומץ והרבה פעלים בעסק אתוותא ביקרת הער כ
צ דיק בתהלוכותיו וחסיד במעשיו, מתחסד עם קונו בכל לבו ונפשו ויראת ה׳ היא אוצר ו
ח סד ואמת יסובבוהו, מוכתר ומעוטר בכל מידה נכונה, להיותו מאיר לארץ באור יהי ל
ק דמו עיניו באשמורות לעסוק בדברי תורה בחצות הלילה, ובאהבתה ישגה בה יום ולי ל
ב חיר החבורה וראש הכולל לתפארה, משליך נפשו מנגד בתעצומות ואונים ואמיץ כ ח
ר אשון הוא למקראי קודש, להיות כמלאך העומד על ראש דרך, מסוד ונאמן עד אין ק צ
י עידון יגידון על מפעלותיו להגדיל תורה ולהאדירה, לעשות נחת רוח לבורא יתברך שמ ו
ז ר זהב על ראשו יצורו בני עם סגולה, לכהן ולשרת לכבוד ולתפארת על גפי מרומי קר ת
ל הודיע דרכי ה׳ לישראל ולגדור גדר ולעמוד בפרץ כרב ומורה צדק לעדת צאן קדשים

הלא הוא הגאון המפורסם, כבוד שמו מפארים

## הרב יצחק בריזל שליט״א

בן כ״ק אדמו״ר מדזשירקא שליט״א
חתן הגה״צ אבד״ק בעהוץ שליט״א
ראש כולל חצות קרית יואל
בביהמ״ד ראדאשיץ

## לרגל שעלה ונתעלה לכהן כדיין ומו״צ
## בקהל יטב לב דסאטמאר בקרית יואל

יזכהו השם יתברך לנהל עדתו על מי מנוחות, וינחם במעגלי צדק ובתבונות כפיו, ויהי נא ברוחו פי שניים להאהיב שם שמים, ולהגדיל תורה ולהאדירה בשערים המצויינים, מתוך הרחבת הדעת ובריות גופא, נהורא מעליא וסייעתא דשמיא, וירווה רוב נחת מכל יוצאי חלציו ומכל החוסים תחת צילו בשלום ובשלוה השקט ובטח, בשמחה וטוב לבב מרוב כל, באין מחסור כל ובלי שום מניעות

### המברכים מעומק הלב בכבוד התורה כראוי וכנכון

הרב מיכאל יוסף שווארטץ, הרב צבי יעקב בריזל, הרב יחזקאל שרגא מערק, הרב אברהם שלמה מאשקאוויטש, הרב ברוך ארי׳ פאגעל, הרב דוד יודא הענדלער, הרב שלמה גפן, הרב יהושע יעקב שווארטץ, הרב יוסף שווארטץ, הרב יצחק ברוך שפיטצער, הרב ישראל דוד ראטנער, הרב ליפא סאמעט, הרב מאיר משה שפיצער, הרב משה אברהם דעסער, הרב הערשל געלב, הרב שלמה זלמן עפשטיין, הרב אהרן לויפער, הרב חיים צדוק שווייד, הרב ליפא בראווער, הרב שבתי קעסטענבוים, הרב אברהם אבא גאלדבערגער, הרב אהרן הערש שטערן

חברי כולל חצות בקרית יואל

גם אני מצטרף

## הרב נחמי׳ האפפמאן

מייסד ומנהל כולל חצות

Tagline | 845.824.1600


DYNAMIC BUSINESS
ENVIRONMENT FOR GROWTH
NEXT LEVEL OF BUSINESS
INTRODUCING
STONEGATE Center
ROUTE 208 / 2 STONEGATE DRIVE, MONROE, NY 10950
NOW LEASING
Customized built to your style & needs
Large windows
Modern conference room
Airy roof deck
24 hour building access
Close to NYS-Thruway / 17M
Main road access - Route 208
Parking space galore
Supermarket in the building
Transportation shuttles
SUPERMARKET
2
STONEGATE
Center
CALL TO INQUIRE TODAY!
845.388.1900
info@BloomingRealty.com
Moche Halpern
718-930-1877
moche@bloomingrealty.com
Lazar Schvimmer
845-238-0247
lazar@bloomingrealty.com
Shia Lieberman
347-781-4545
shia@bloomingrealty.com
PROJECT BY:
BLOOMING
REALTY



IT'S PEPPERMINT.
TASTE THE FRESHNESS.
FULL LINE OF:
SUSHI
PIZZA/PANINI
FRENCH FRIES
SANDWICHES
SALADS
HOT FOOD/SIDE DISHES
RAZZLE/MILKSHAKE
Tasty
Gourmet Food
FREE PICKUP & DELIVERY
TAAM EDEN
WE CARRY A FULL LINE OF TAM EDEN BAKED GOODS.
FRESH CHALLAHS & SOURDOUGH EVERY THURSDAY & FRIDAY!
NEW
Peppermint supermarket
845.492.8777
33 DINEV RD.
supermarketkj@gmail.com
www.peppermintsupermarket.com




ראטעוועט נשמות!
ראטעוועט דורות!

ספאנסערט אן **עלעמענטרי קינד** **$100** לחודש

ספאנסערט אן **ערוואקסן קינד** **$150** לחודש

יעצט קען מען נאך!

NECHOMAS YISROEL
נחמת ישראל

**718.851.0340**
1338 41 Street Brooklyn, NY 11218
nechomasyisroel@yeshivanet.com

# For Sale

JUST GIVE US A CALL AND
LET US GUIDE YOU HOME

## 112 Forest Avenue Monroe NY 10950



**PRICE ADJUSTMENT!**
**$825,000**

*An Inside View*









**3,022 sqft**
**5 Beds / 3 Baths**

**0.65 Acres**
**of Privacy**

**Beautiful**
**Master Suite**

**Walking Distance**
**to KJ**

**MK REALTY**
Residential & Commercial

**845.782.0205**
sales@mkrealtyusa.com
48 Bakertown Road
Suite 502, Monroe NY

משה שמחה קויפמאן
לייסענס 10311206102
845.537.0475

אליעזר דוד האפפמאן
לייסענס 10401304475
845.662.3574

אברהם חיים לעווי
לייסענס 10401327281
845.238.1162

דוד לייב קרויס
לייסענס 10401317322
845.274.3765

נפתלי הירצקא זינגער
לייסענס 10401300864
845.728.1429

אברהם הערש גפן
אפיס אדמיניסטראטאר
845.782.0205x 115

# כלל ישראל אין אַנגסט איבער שטאַרקע אָנדייטונגען אַז באָורד אָוו רידזשענט פּלאַנט דורכצופירן די פאַרגעשלאָגענע גזירת החינוך ביז צוויי וואָכן

אָלבאַני - אין די צייט וואָס די ישיבות ומוסדות התורה גרייטן זיך צוריקצועפענען נאָכ'ן זומער, און גרייטן זיך צום בעפאָרשטייענדן שנת הלימודים, ווערט אויפגענומען מיט גרויס אַנגסט די גאָר קלאָרע אָנדייטונגען וואָס קומען אַז די ניו סטעיט עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט גרייט זיך אויפצוברענגען זייערע פאָרגעשלאָגענע רעגולאַציעס קעגן דעם ערליכן חינוך ביי די בעפאָרשטייענדע באָורד אָוו רידזשענטס מיטינג, דעם בעפאָרשטייענדן ט"ז און י"ז אלול, און זיי וועלן מעלדן אַז זיי ווילן עס דורכפירן אָן קיין ווענזנטליכע טוישונגען. עס שיינט אויך אַז די עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט וועט פּרובירן זאָפאָרט אָפּצוהאַלטן אַן אָפּשטימונג צווישן די באָורד אָוו רידזשענטס, אָן געבן צייט פאַר די רידזשענטס עס איבערצוקלערן.

כלל ישראל איז באַזאָרגט און אויפגעברויזט אַז די עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט וועט איגנאָרירן דעם הילכיגן וויי-געשריי פון די הונדערטער טויזנטער קאָמענטאַרן וואָס זענען אָריינגעקומען פון עלטערן און דעם ברייטן ציבור, וואו מ'האָט זיך געבעטן ביי זיי נישט צו צורירן דעם ערליכן חינוך. מ'שטייט גרייט צו נעמען אַלע מיטלען זיך קעגנצושטעלן די ביטערע גזירה, און מ'וועט נישט ערלויבן קיין רעגירונג אַריינדרינג אינעם חינוך, דער שוואַרץ-אַפּעל פון אונזער אויג.

אין די זעלבע צייט אַרבעטן די געטרייע פּערל"ס אָרגאַניזאַציע מיט די אַדוואָקאַטן און עקספּערטן אָנצוגרייטן אַ לעגאַלע קעיס קעגן די ביטערע גזירה, און צו פּלאַנירן די קומענדיגע שריט ווי אַזוי זיך קעגנצושטעלן די גזירה. איין זאַך איז קלאָר, כלל ישראל וועט נישט ערלויבן צוצורירן דעם ערליכן חינוך. ס'האָט זיך שווער געגלייבט אַז מ'וועט נאָך האָבן אַזאַ גזירה אין די דעמאָקראַטישע פאַראייניגטע שטאַטן, אָבער אַז מ'ווערט קאָנפראָנטירט דערמיט, וועט מען טאָן דעם אויסגעטרעטענעם וועג פון לא קם ולא זע, מ'וועט זיך חלילה נישט רירן און אָפּטרעטן פון באַשיצן דעם ערליכן חינוך לויט די ערליכע מסורה.

ווי באַוויסט, איז איצט דער דריטער מאָל וואָס די SED פּרובירט דורכצופירן אַ גזירה אויפ'ן ערליכן חינוך:

## די ערשטע גזירה - אָפּגעקעמפט אין געריכט

דאָס ערשטע מאָל וואָס די גזירת החינוך איז ערשינען איז געווען מיט מער ווי דריי יאָר צוריק, אָנהייב ווינטער תשע"ט, ווען די SED האָט אַרויסגעלייגט נייע 'גיידליינס' און טשעק-ליסטעס, וועלכע אַלגעמיינע סאָבדזשעקטס מ'דאַרף לערנען אין אַלע שולעס און וויפיל צייט. עס האָט אַרויסגעלייגט אַ לאַנגע ליסטע לימודים וואָס מ'דאַרף לערנען אין אַלע קלאַסן, און שטרענגע אינספּעקציעס און איבערזיכטן יעדע עטליכע יאָר.

נאָך וואָס די שתדלנות האָבן נישט געהאָלפן אָפּצוהאַלטן די גזירה, האָט פּערל"ס אַריינגעטראָגן אַן אָנקלאַגע קעגן די סטעיט'ס נייע גזירה אויפ'ן חינוך. אין די זעלבע צייט האָבן אויך די קאַטוילישע און אינדעפּענדענט שולעס אַריינגעטראָגן קלאַגעס קעגן די רעגולאַציעס. דער גענייטער אַדוואָקאַט, ר' אַבי שיק, האָבן געאַרבעט מיט די אַלע גרופּעס צו קאָאָרדינירן סטראַטעגיע און דאָס אַריינגעבן די אָנקלאַגעס כדי ס'זאָל האָבן די בעסטע שאַנסן פאַר הצלחה. די פּערל"ס אָנקלאַגע האָט איינגעשלאָסן עטליכע פּונקטן, אַריינגערעכנט אַז די סטעיט האָט נישט קיין רעכט אַזוי שטאַרק זיך צו מישן אין פּריוואַטע שולעס, און אַז זיי מוזן רעספּעקטירן די רעליגיעזע רעכטן פון מחנך זיין קינדער אויפ'ן ערליכן וועג.

אָנהייב ניסן תשע"ט איז געקומען די גוטע בשורה אַז די געריכט האָט אַרויסגעשליידערט די סטעיט עדיוקעישאָן רעגולאַציעס און עס באַצייכנט אַלס "נול און אומגילטיג". די ריכטערין האָט אָנגענומען די טענה אַז די סטעיט האָט נישט געהאַט קיין רעכט דורכצופירן די גזירה אָן דורכגיין דעם פאָרמעלן פּראָצעדור וואָס פעלט אויס ביים דורכפירן אַ נייע רעגולאַציע.

## די צווייטע גזירה - אָפּגעשלאָגן דורך קאָמענטאַרן

אין אַ צווייטן פאַרזוך, האָט די סטעיט נאָכאַמאָל ארויסגעלייגט די רעגולאציעס - כמעט די זעלבע ווי דאס ערשטע מאל - נאר אונטער א פארמעלע פראצעדור וואס שליסט אריין 60 טעג פון אננעמען פארמעלע קאמענטארן.

במשך זומער תשע"ט האט פערל"ס ארגאניזירט א ריזן דרייוו ארײנצושיקן קאמענטארן. עס זענען אריינגעשיקט געוואָרן ווייט די גרעסטע צאל קאמענטארן וואָס די SED האָט סיי ווען באַקומען פאַר סיי וועלכע רעגולאַציע. פון די איבער 140,000 קאָמענטאַרן וואָס זיי האָבן באַקומען איז מער ווי 95 פראצענט זענען געווען קעגן די רעגולאציעס. אדאנק דעם פאראייניגטן כח האט פערל"ס ב"ה באוויזן אריינצוברענגען דער היסטארישער מספר און זיי האבן איינגעזען אז מ'מוז זיך דערמיט רעכענען.

ווען עס איז געקומען שלש עשרה מדות - ערב יום כיפור תש"פ - דער דאטום ווען די באורד אוו רידזשענטס מיטינג וואו מ'האט געדארפט שטימען אויף די נייע רעגולאציעס, האבן זיי געמאלדן אז זיי לייגן אפ דעם באשלוס ווייל עס נעמט זייער לאנג איבערצוקוקן די צענדליגער טויזנטער קאמענטארן. ביים רידזשענטס מיטינג פון חמשה עשר בשבט תש"פ האט די סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט געמאלדן אז זיי וועלן נישט שטימען אויף די רעגולאציעס נאר מ'גייט צוריק ארבעטן אויפ'ן געזעץ, און מ'וועט אויסהערן אלע 'סטעיקהאולדערס' (דאס הייסט פריוואטע סקולס און אלע וואס האבן אן אינטערעסע איבער די אישו) בעפאָר מ'גיט אַרויס אַ נייעם פאָרשלאַג.

במשך די פאָלגנדע צוויי יאָר האָט די סטעיט אַרויסגעלייגט סורוועיס, אָפּגעהאַלטן אַ רייע עפנטליכע און פּריוואַטע מיטינגען, און גענומען קאָמענטאַרן פון די פּובליק, אַהערשטעלנדיג אַז זיי ווילן הערן עפנטליכע מיינונגען דערוועגן.



## די דריטע גזירה - כלל ישראל שטייט גרייט צו באַקעמפן

דעם חודש ניסן האָט די SED אַרויסגעלייגט פרישע פאָרגעשלאָגענע רעגולאַציעס, וואָס טראָגן אַז ס'האָט געהאַט טוישונגען פון די פריערדיגע ווערסיעס, איז הצד השוה שבהן אַ שרעקליכער אַריינדרינג אינעם ערליכן חינוך, מיט אַ גאַנצע ליסטעס פון 'סאָבדזשעקטס' וואָס מ'דאַרף לערנען און רעגלמעסיגע אינספּעקציעס אויף די בתי חינוך.

בעת עס האָט געגעבן אָפּציעס ווי אַזוי מ'קען אויסמיידן די אינספּעקציעס, דורך באַשטעטיגן אויף אַנדערע וועגן אַז דער חינוך קומט נאָך די פאַרלאַנגטע סטאַנדאַרטן, שטעלט זיך אַרויס אַז בעת די אויסנאַמען וועלן העלפן אַנדערע פּריוואַטע שולעס אויסצומיידן אַ רעגירונג אַריינדרינגונג, וועט עס קנאַפּ העלפן מוסדות התורה וואָס וועלן נאָך אַלץ אויסשטיין רעגלמעסיגע אינספּעקציעס פון ביוראָקראַטן וואָס פאַרשטיין נישט דעם געוואַלדיגן חינוך וואָס אונזערע תלמידים ותלמידות באַקומען, ווי אַזוי דאָס פאָרמירט דעם מענטש און שאַרפט דעם קאָפּ וכו', און זיי פאַרשטייען נישט צו רעספּעקטירן דעם ערליכן חינוך וואָס די ישיבות הקדושות פלאַנצן איין אין אונזערע קינדער.

אין צוגאָב, האָבן די איצטיגע רעגולאַציעס צוגעלייגט די מעגליכקייט פאַר יעדן איינעם אַרייצוגעבן אַ קאָמפּלעינט קעגן סיי וועלכע שולע, און דאָס וועט פירן צו אַ פרישע רונדע פון אינספּעקציעס.

די רעגולאַציעס צייגן אויך אָן צו די טרועַנסי געזעצן, וואָס באַדייטן אַז עלטערן וואָס שיקן קינדער אין מוסדות וואָס פאַלן דורך די אינספּעקציעס קענען אויסשטיין געלט און טורמע שטראָפן.

בעת ווען די רעגולאַציעס זענען ערשינען, האָט געהערשט אַ זאָרג אַז כלל ישראל וועט שוין נישט אויפגעטרייסעלט ווערן פון די סכנה. עסקנים האָבן געציטערט אַז עס וועט הערשן אַן אַפּאַטיע נאָכ'ן הערן יאָרן אַז עס שוועבט די גזירת החינוך, און מ'וועט שוין נישט באַגרייפן די סכנה, און עס וועט זיין שווערער צו אָרגאָניזירן אַזוי פיל קאָמענטאַרן דערקעגן.

ברוך השם אַז דער ציבור האָט זיך אָבער אויפגעוועקט, און אין די צוויי מאָנאַטן וואָס מ'האָט געקענט אַריינשיקן קאָמענטאַרן זענען אַריינגעשיקט געוואָרן עטליכע הונדערט טויזנט קאָמענטאַרן, פיל מער ווי די ערשטע רונדע.


This Wednesday!
Is
Real Estate
for You?
No money? No experience? You can be successful anyway! Find out how in our one day crash course.
THE OWNERS CLASS
Grasp the fundamentals of real estate investing
Gain crucial knowledge in creating valuable relationships & obtaining financial backing
Class is tailored for frum entrepreneurs with little to no experience in real estate
Hosted by ROBERT SHEMIN, a world renowned real estate investment expert, mentor & author of 16 bestselling books.
WEDNESDAY
9.14.22
CROWNE PLAZA
3 EXECUTIVE BLVD
Monsey
TO SIGN UP OR FOR MORE INFO
theownersclass.com
Sign up here
Feel free to reach out to us with any questions at 718-400-0TOC (0862) or at info@theownersclass.com
a project of Mishpacha

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY

P.O. Box 113 • Monroe NY 10949 • Tel. 845-774-6234
Fax: 845-501-0246 • E-Mail: ads@kyweekly.com

**נייעס און באריכטן פון קהילות, מוסדות, און וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, מוז אַריינגעשיקט ווערן דורך אי-מעיל, און דערנאָך זיך פאַרבינדן מיט'ן אָפיס פאַר באַשטעטיגונג.**

די מיינונגען פון שרייבער אין אונזער אויסגאַבע, ווי אויך בריוו אין דער רעדאַקציע, שטעלן נישט פאָר די מיינונג פון די רעדאַקציע.

מיר טראָגן נישט קיין אחריות פאַר די כשרות פון אַרטיקלען און פּראָדוקטען וואָס ווערן אַדווערטייזט אין אונזער צייטונג.

## אינהאלט

לוח הלימודים - זכרו 49

לוח הזמנים לעיר קרית יואל 58

משמרת חומתינו 76

געזעגן און געהערט 82

זמני בית הוראה לעיר קרית יואל 84

המוסדות 88

אַ בליק אויף די נייעס פון קרית יואל רבתי 92

אלו ואלו 104

על הצדיקים 110

זיבעציג יאר פון דעם רבינ'ס נסיעה קיין ארץ ישראל תשי"ב 113

פון נאַציַשן יאָמערטאָל 117
אַ סעריע רירנדיגע זכרונות פון הגאון האדיר רבי פנחס הירשפּרונג זצ"ל אב"ד מאָנטרעאָל, איבער די מלחמה יאָרן

שהשמחה במעונם 119

KJ Weekly (USPS #22640) is published weekly by Vuchenschrift Inc. "Periodicals Postage Paid at Monroe, NY" Postmaster: Please send address changes to KJ Weekly, 15 Van Buren Dr. #311 Monroe NY 10950.

מ'האָט געהאָפּט אַז הערנדיג דעם שטאַנדהאַפטיגן ווידערשטאַנד, וועט די SED נעמען אַ טריט אויף צוריק און איבערקוקן די רעגולאַציעס, עס צוריקציען אָדער כאָטש דראַסטיש מאָדיפיצירן. צום באַדויערן, האָט מען אין די לעצטע וואָכן געהערט גאַנץ קלאָרע ווערטער פון רידזשענט מיטגלידער, די קאָמישאָנער און נאָך אַז זיי זענען אַנטשלאָסן ווייטער פּאָראויסצוגיין מיט די פאָרגעשלאָגנע רעגולאַציעס, און זיי גרייטן זיך עס אַרויפצוברענגן אויף די אַגענדע אין זייער מיטינג דעם צוועלפן און דרייצנטן פון סעפּטעמבער.

לויט ווי מ'הערט איז דאָ אַ שטאַרקע וואַרשיינליכקייט אַז די באָורד אָוו רידזשענט וועט זאָפאָרט שטימען אויפ'ן געזעץ, און דאָס חלילה זאָפאָרט אָנהייבן אימפּלעמענטירן און דורכפירן. דאָס באַדייט אַז די מוסדות התורה וועלן זאָפאָרט אָנהייבן אויסצושטיין די גזירה, היל"ת.

דאָס אַזוי שנעל פּלאַנען דורכצופירן די גזירה, בלויז דריי חדשים נאָך די ענדע פון די קאָמענטאַרן פעריאָדע, ווען עס איז נאָך אפילו נישט געווען מעגליך איבערצוקוקן און אַנאַליזירן אַזוי פיל קאָמענטאַרן, צייגט אַז די עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט האָט צום באַדויערן נישט ערנסט גענומען די קאָמענטאַרן, נאָר האָבן שוין פון פריער געפּלאַנט דורכצופירן די גזירה פאַר יעדן פּרייז.

עס גייען נאָך אָן לעצט-מינוטיגע פאַרזוכן אָפּצושטופּן דאָס אַרויסשטעלן די רעגולאַציעס פאַר אַן אָפּשטימונג, אָבער אויב דאָס איז חלילה נישט מצליח, דאַרף כלל ישראל שטיין קאַמפּס-גרייט צו קעמפן מיט אַלע מיטלען דאָס אָפּצושטעלן און חלילה נישט ערלויבן די רעגירונג אַריינדרינג אין די בתי חינוך. אין די זעלבע צייט, אַרבעט פּערל"ס אויף די קומענדיגע לעגאַלע שריט און אַנדערע מיטלען אָפּצושרייען רוע הגזירה.

גדולי הרבנים האבן דורכאויס די לעצטע חדשים כסדר מרעיש עולמות געווען מרבה צו זיין בתפלה קעגן די גזירה, באגרייפנדיג אז די גזירה איז נאך ליידער אקטועל, און אז די סכנה איז ווייט פון פארביי. כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האָט ממש ביי יעדע מאורע דורכאויס די זומער חדשים מעורר געווען אז מ'דארף רחמי שמים אפצושרייען די גזירה. "אין לך יום שאין קללתו מרובה מחבירו, מ'דארף האבן סייעתא דשמיא אין אלע מקומות, ס'איז דא גזירות אויף תינוקות של בית רבן, גזירות אויפן חנוך דאהי און איבעראל, מ'דארף האבן אסאך און אסאך סייעתא דשמיא, צו קענען גיין און מגדל זיין אונזערע קינדער טאקע מיט די בחינה פון שמע ישראל ה' אלקינו, שמע ישראל סבא, באותו דבר שתצוינו עדיין נוהג אתנו, זאל מען קענען גיין ווייטער אויף דעם וועג," האָט דער רבי שליט"א געזאגט דעם פאַרלאָפענעם כ"ח תמוז, די הילולא פון ישמח משה זי"ע.

הרה"ח ר' משה דוד ניעדערמאַן הי"ו, פּרעזידענט פון די יו.דזשעי.אָ. און פון די פירנדע עסקנים פון פּערל"ס. האָט רעאַגירט צו די פּלענער פון די SED אויפצוברענגען די גזירה: "די אָנדייטונגען אַז די ניו יאָרק סטעיט עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט האַלט ביים טאָטאַל איגנאָרירן די הונדערטער טויזנטער מיטגלידער פונעם ציבור וועלכע האָבן געלאָזט הערן זייער קעגנערשאַפט און זאָרגן צו די פאָרגעשלאָגענע רעגולאַציעס, זענען טיף אַנטוישענד. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן געשפּרעכן מיט פאַרשידענע רידזשענטס מיטגליד און נייסע"ד באַאַמטע, אָבער מיר האָבן דערוויל, צום באַדויערן, נישט געטראָפן קיין אוזן קשבת," ר' משה דוד האָט צוגעגעבן "מיר האָבן נאָך קליינע האָפענונגען אַז די רידזשענט מיטגלידער וועלן איינזען אַז די רעגולאַציעס וועלן האָבן אַן ערד-אויפטרייסלנדע אַפעקט אויף הונדערטער טויזנטער ניו יאָרקער, און וועלן נישט פשוט געבן זייער זיגל פאַר די רעגולאַציעס, נאָר וועלן אָנהייבן ריכטיגע געשפּרעכן."

"סיי וואָס עס פּאַסירט, זענען מיר גרייט! די פאָרגעשלאָגענע רעגולאַציעס זענען אומאַקצעפּטירבאַר. מיר וועלן נישט זיין וואַקעלדיג פון באַשיצן עלטערנ'ס רעכטן און רעליגיעזע רעכטן. מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף, וועלן מיר זיגן. מיר בעטן די רעגירונג צוריקטרעטן און פאַרמיידן אַ צוזאַמענשטויס. די רעגירונג זאָל אַקאַמאָדירן און נישט שטערן דעם גאָר גוטן חינוך וואָס מיר געבן אונזערע קינדער," האָט ר' משה דוד אויסגעפירט זיין סטעיטמענט.

**המה כרעו ונפלו ואנחנו קמנו ונתועדד - ולה' הישועה!**



### וזרקתי עליכם מים טהורים:

# גרויס התרגשות ביים "מעמד יציקת הבורות" פאר'ן נייעם גיגאנטישער מקוה המפוארה "טהרת מרדכי" אינעם מייעסטעטישן "בנין אליהו" אויף פארעסט זייט פון גרויסן בית מדרש דק"ק קרית יואל

## בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א דייני קהלתינו שליט"א נדבני ובוני ומקימי הבנינים שע"י קהלתינו הקדושה

### - דערהויבענע מעמד פארגעקומען דינסטאג שופטים לשמחת לב אנ"ש -



פרעימינג אויף די 3 בורות הטבילה

קרית יואל. - אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים מה מקוה מטהר את הטמאים אף הקדוש ברוך הוא מטהר את ישראל. דאס זענען די ווערטער וואס זענען געזינגען געווארן איינמאל און נאכאמאל דעם פארלאפענעם דינסטאג שופטים לסדר "בכל שעריך" העל"ט ווען עס איז געגאסן געווארן עמער'ס צעמענט געמישט מיט התרגשות'דיגע טרערן פאר די בורות הטבילה אינעם נייעם מקוה פונעם בית המדרש הגדול דק"ק קרית יואל.

בכל יום ויום, טאג טעגליך, קוקן זיך קרית יואל'ע איינוואוינער תושבי העיר רבתי עם צו די גאר שנעל פראגרעסירענדע ארבעט ביים פארעסט זייט פונעם גרויסן ביהמ"ד ווען פון צופרי ביז ביינאכט מארשירט די מלאכת הבנויה פון איין שטאפל צום נעקסטן אויף א גאר שנעלן פארמאט און עס שטארט זיך ארויס אזא מאסיווער בנין כלול בהדרו כלולת יופי משוש כל העיר.

דער נייער בנין אדיר ונשגב "בנין אליהו" שטייט מיט שטאלץ אין הארץ פון קרית יואל, און עס איז זעלבסט דאס הארץ פון קרית יואל, ווען יעדנס הארץ איז געווענדן צום תל תלפיות שכל פיות אליו פונים, און דער נייער בנין רופט אויס א שטאלץ פאר סאטמאר, א שטאלץ פאר קרית יואל, א שטאלץ פאר קהלתינו הקדושה.

דאס הארץ וואקסט מיט פרייד צוקוקנדיג ווי מען האלט שוין, אז אט אט גרייט מען זיך שוין צו אפרעכטן דעם חנוכת הבית פאר'ן בית גדול רם ונשא, בית אשר מגדלין בו תורה ועבודה וגמ"ח, אויפ'ן דרך הסלולה פונעם מייסד העיר רביה"ק זי"ע, תחת דגלו פון אבינו רועינו כבוד קדושת מרן אדמו"ר עטרת ראשינו שליט"א.

איז טאקע פארדעם נישט קיין וואונדער אז דער "יציקת הבורות" פאר'ן נייעם מקוה "טהרת מרדכי" רופט אויס הרגשים פון שמחה וחדוה עילאית.

אצינד האט מען געגאסן די בורות הטבילה לשמחת אלפי המוני תושבי העיר. דער נייער מקוה אנטשפרעכט צו זיין גאר שיין און רחבות'דיג מיט דריי בורות, קרוב צו דרייסיג שויערס, רייעס מיט בענק בהרחבה גדולה אינעם גרויסן חדר המקוה, פאר די אלפי באי ומתפללי בית מדרש הגדול,



געטרייע עושי המלאכה מיטן בעל מכשיר הרב ר' יצחק טריגער שליט"א
אינאיינעם מיטן יו"ר ר' מאיר מרדכי הי"ו



הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א ביים גיסן די יסודות טהרה



הרה"ח הנגיד ר' מרדכי גוטמאן הי"ו פטרון המקוה ביים גיסן די בורות



הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א דומ"ץ שכונת לעמבערג המורחבת



הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א דומ"ץ שכונת סעקשאן 4



הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א מו"ץ בקהלתינו הק'

לתועלת ולשביעת רצונם, זיך צו קענען מטהר זיין, לפני ד' תטהרו, מיט אן הרחבת הדעת.

דער מקוה ווערט געבויעט מיט אלע חומרות והידורים פונעם מייסד העיר והקהילה מרן רבינו הקדוש זי"ע, תחת פיקוחו פונעם דיין שליט"א ורבני קהלתינו שליט"א וועלכע באגלייטן דאס מיט גרויס אחריות דבר דבר על אופנו.

איצטערט ווען שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, ווען מ'גיסט שוין די בורות, און מ'גרייט זיך שוין צו פארפולקאמען דעם מקוה האדיר ונהדרה, איז ווי פארשטענדליך אזא מעמד יציקת הבורות, פארגעקומען מיט גרויס עקסטאז און ענטוזיאזם.

דינסטאג פארמיטאג נאכ'ן מנין שחרית פון כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א איז כבוד קדושת דער רבי שליט"א אראפגעגאנגען אינעם צענטראלן האלוועי פונעם גרויסן בית מדרש, ווי פון דארט איז די רבי שליט"א צוגעגאנגען צום מייעסטעטישן בנין אליהו און דאן צום מקוה שטאק ווי עס איז געווען פארזאמלט א גרויסער ציבור וועלכע זענען געקומען מיטהאלטן אזא היסטארישן מאמענט.

במשך המעמד האבן די געטרייע בוני הבנין און עסקנים פונעם פראיעקט געשטאנען על המשמר אז אלע טעכנישע אנגעלעגנהייטן זאל קלאפן עצהיו"ט צו האבן די פארנומענע צענטראלע פארעסט ראוד מסודר מיט די לויפנדע טרעפיק ווען אזויפיל צעמענט טראקס האבן זיך געשטעלט אין לאנגע שורות צו האבן א חלק אין די הרמת קרן הטהרה בקרב עירינו.

אויפ'ן ארט זענען געווען אנוועזנד די מחזיקים און שותפים פונעם קרן הבנינים דקהל יטב לב. די ראשי הקהילה וראשי העיר קרית יואל, די פילאנטראפן מקימי ובוני הבנין, בראשות הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א דייני הקהילה ורבני העיר שליט"א.

ספעציעל איז געווען אנוועזנד דער בארימטער סאטמארע טהרה פילאנטראפ הרבני הנגיד המרומם והנעלה מוהר"ר מרדכי גוטמאן שליט"א ובניו החשובים הדגולים הע"י, הר"ר מרדכי הי"ו האט דער זכיה צו מנדב זיין מקוואות אינערהאלב קהלתינו הקדושה די בכל אתר ואתר מיט זיין ווארעם הארץ לכל דבר שבקדושה, ספעציעל האט שוין הר"ר מרדכי מנדב געווען דעם עקזיסטירענדע מקוה "טהרת מרדכי" אינעם גרויסן בית מדרש, און איצטערט משמי' קא זכי ליה צו זיין דער נדבן פונעם נייעם גרויסן מקוה.

צוערשט האט דער רבי שליט"א זיך אומגעקוקט אויף די בורות, אויפ'ן הלכה'דיגע חלק אז אלעס זאל טאקע זיין כדת וכדין כפי הוראת רבותינו הקדושים נבג"מ ובפרט פון מרן רביה"ק זי"ע מייסד העיר, און אינאיינעם מיט הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א און די משגיחי המקוה איבערגעגאנגען אלע חומרות והידורים מיט וואס דער מקוה ווערט געבויעט.

א חרדת קודש האט ארומגענומען די פארזאמעלטע ציבור ווען דער רעיא מהימנא קדישא כבוד קדושת מרן אדונינו מורינו ורבינו עטרת ראשינו שליט"א האט צוגעטראטן צום גיסן די יסודות המקוה, צו אוועקשטעלן א רוח טהרה בקרב קרית יואל, לקדש ולטהר העיר בעשר קדושות, צו באפעסטיגן די יסודות במים טהורים.

א זעלטענע התרגשות דקדושה האט זיך אנגעזעהן על פני הקודש פון רבי'ן שליט"א ביים גיסן דער צעמענט, מיט א תפילה לנורא עלילה, אז מ'זאל זוכה זיין צו זיך קענען מקדש ומטהר זיין, און אוועקשטעלן דעם בית מדרש, און דער קהילה ע"ד הסלולה לנו, זיך צו קענען ווייטער פירן בדרכי רבותינו בלי שום שינוי.

דערנאך האט מרן רבינו שליט"א מכבד געווען הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א און הרבני הגאונים הצדיקים רבני ודייני ומורי צדק דקהלתינו הקדושה שליט"א. באזונדער דער חשוב'ער נדבן המקוה הרבני הנגיד ר' מרדכי שליט"א זיינע חשוב'ע קינדער, די ראשי הקהילה, די בוני הבנין, זקני אנ"ש, נכבדי אנשי שלומינו פונעם דור דעה.

אזוי אויך איז געווען א געלעגנהייט פאר די חשוב'ע אינגעלייט 'נדבני קרן הבנינים' וועלכע זענען אנגעשלאסן לעשות רצון צדיק און נעמען אנטייל מיט די ריזיגע סכומים און אלע הרחבת גבולי הקדושה פראיעקטן לענגאויס קרית יואל רבתי, מיט א זעלטענע מסירת נפש, אצינד האבנדיג די זכי' זיי זאלן קענען גיסן בגוף די בורות המקוה און נעמען א אקטיווע ראלע אין די גרויסע הרחבת גבולי הקודשה געגוי אזוי ווי זיי האבן די זכי' זיך משתתף צו זיין בממון... מיטן גיסן ריזיגע סכומים פארן עתיד העיר רבתי עם.

נאכן מעמד יציקת הבורות האט זיך דער ציבור ארויסגעלאזט אין ריקודין עילאין אויפ'ן ניגון "אמר רבי עקיבא" ווי עס איז געווען קענטליך דאס אויסנאמליכע התרגשות און הודאה להשי"ת אז מ'איז זוכה דאס מיטצולעבן, מיט א תפילה אז


הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א דומ"ץ שכונת קארלסבורג - עצי תמרים


הרבני המרומם ר' יואל מאנן הי"ו מגדולי הנדבנים בקרב קהלתינו הק'


ויוסף הוא המשביר: הרבני המרומם ר' יוסף יוזפא לאנדא הי"ו
מראשי העיר וחבר הנהלת הקהלה מנצח על המלאכה


הרבני המרומם ר' חיים אברהם ראזענפעלד הי"ו חבר הנהלת
הקהלה אינעם נייעם מקוה

מ'זאל זוכה זיין לברך על המוגמר.

דערנאך איז דער רבי זאל זיין געזונט ופמליא דיליה ארויף צו די העכערע שטאקן אינעם בנין האדיר ווי די חברי הנהלת הקהילה האבן צוגעוויזן פאר'ן רבי'ן די שנעלע בוי ארבעט און אלע אפטיילונגען, די פרעימינג פאר די ווענט, די נייע חדרי תפלה, די פילפאכיג פארגרעסערטע היכל ביהמ"ד, די היכלי התורה, די פראגרעסירנדע פארשריט מיט עיר-קאנדישאן און פלאמבינג

פונעם "בנין אליהו" און דער רבי שליט"א האט ארויסגעוויזן א געוואלדיגער קורת רוח.

פון דארט איז דער ציבור מיטן פמליא אריבער צום התרגשות'דיגן מעמד מסיבת לחיים וואס איז פארגעקומען אינעם בראשות פונעם רבי'ן שליט"א אינאיינעם מיט'ן התמנות פאר די דריי נייע דיינים בקרב קהלתינו, ווי עס איז אנוועזנד געוועזן די נדבנים בוני הבנין (וואס איז געוועזן באזונדער באריכטעט די פארגאנגענע וואך).

מיט דעם האט זיך פארענדיגט די היסטארישער אומפארגעסליכע מעמד הנשגב ונהדר "יציקת הבורות", און מען קוקט ווייטער ארויס צו קענען פארענדיגן דעם בית גדול לה' ולתורתו, מיט אן אומאיינגעהאלטענעם אטעם צום היסטארישן חנוכת הבית.

מיט א תפילה צום בוכ"ע אז די געטרייע מסירת נפש'דיגע הנהלת הקהילה זאלן ווייטער קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה אין יעדע געגענט בתוככי העיר רבתי עם, אן קיין אפשטעל, און עס איז זיכער אז רבותינו הקדושים משמי מעל קוקן זיך צו מיט פרייד ווי דער הייליג שטאט קרית יואל ווערט אזוי דערהויבן מיט בנינים אדירים ומבצרים לתורה ולתפילה וגמ"ח תחת דגלו פונעם מרא דאתרא קדישא כבוד קדושת עטרת ראשינו ותפארתינו רבינו שליט"א עד ביאת הגואל.

**טיהר את עיר קרית יואל עשה אותו נקיה.**



הרבני המרומם ר' לוי יצחק שווארץ הי"ו חבר הנהלת הקהילה ביים יציקת הבורות



הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א ביים מעמד לחיים


אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו

# ערשטע בחינה אין מס' מנחות במסגרת חבורת זכרו
# וועט פארקומען במקהלות הונדערטער לומדי החבורה
# קומענדיגן זונטאג תבא הבעל"ט אין ביהמ"ד הגדול

**זמן חלוקת הבחינה פון 7:30 ביז 8:25 בדיוק - חזרת הבחינה ביז 8:50**

זכרו
• תורת מש"ה •
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל
מוסר • ש"ס • הלכה
• קרית יואל •

אין אדם נבח"ן אלא באופן שלבו חפץ

**לרגל די נייע מס' וועט בעז"ה זיין צוויי סארט בחינות, צו פארגרינגערן פאר נאך פילע לומדי החבורה צו שפירן דעם זיסן טעם פון שמחה לאיש במענה פיו**

**1) די געווענטליכע בחינה אזוי ווי ביז היינט, מיטן ארייגשרייבן די ריכטיגע תשובה**

**2) א בחינה וואס איר דארפט אויסוועלן איין תשובה פון די דריי וואס איז פארגעשריבן אויפן בחינה**

פאר די וואס נעמען די סארט בחינה בויגן וועט געגעבן ווערן **האלב** פון די געווענליכע סכום התשלומין פאר די בחינות

# מאכט זיכער אז איר פאלט נישט ארויס

נוצט אויס די געציילטע טעג ביז די בחינה צו חזר'ן די בלעטער צו זיין גרייט לעמוד על כור המבחן


בס"ד
אין עוד מלבדו
RAPID CARE
YOUR COMMUNITY URGENT CARE
COVID TESTING
No out of pocket cost
Schedule
Sunday - Friday:
4:00PM - 12:00AM
Saturday
12:00PM - 12:00AM
Our professional staff of top rated ER Doctors are ready to serve you to your utmost satisfaction!
Best of Health!
WALK IN!
NO appointments needed!
815 NY-208
South Blooming Grove (former Bank)
845.525.2000
The Blooming Grove Shuttle will drop off and pick up at the location on all routes
Blooming Grove Shuttle
845-637-1414


בס"ד
א נאכט פון
קלארקייט
איבער אונזערע
פארפליכטונגען צום
נגע הטעכנאלאגיע
מעג איך האבן די כלים?
ווען איך מוז האבן די כלים?
וויאזוי דארף איך זיך אומגיין מיט כלים?
טראנספארטאציע
פון אלע געגענטער
צו באשטעלן רופט:
347.788.1101
Pentagon | 718.400.9035
א נאכט
פון ברירות
לשמוע את דבר ה׳ מפי המשפיע
המפורסם, המלהיב לבבות בני ישראל
הרה"ג רבי צבי מאיר
זילבערבערג שליט"א
ראש חבורת נחלת יעקב
כינוס
אני
לדודי
להציל ולהינצל
מפגעי
הטעכנאלאגיע
לשמוע את
דבר ה׳ ברמה
מפי הגאון המדריך
הר"ר צבי מאיר זילבערבערג שליט"א
פאר כסדר'דיגע
נייעס און
באריכטן רופט
דעם ספעציעלן
האטליין
347.788.1101
כינוס רבתי אני לדודי
דעם זונטאג כי תבוא || באולם הגדול עידן פאלאס בוויליאמסבורג
לשמוע את דבר ה׳ מפי המשפיע המפורסם, המלהיב לבבות בני ישראל
הרה"ג רבי צבי מאיר זילבערבערג שליט"א
ראש חבורת נחלת יעקב

# פייערדיגע הייבונג אין החזקת התורה אין ערשטע וואָך פון "תקופת העולים"

## איבערראַשנדע אָפּרוף ביי הונדערטער "תורתי" שותפים צו העכערן זכותים מיט'ן העכערן תמיכה פאַר לומדי "כולל סאטמאר קרית יואל"

קרית יואל רבתי והגלילות – א פלאקערדיגע אויר שטורעמט אויף די הייליגע שטאט קרית יואל רבתי והגלילות, שטייענדיג שוין א וואך אריין אין א ווענדפונקטפולע עפאכע פאר די תורה-לייכטורעם אין שטאט, דער עמודא דנהורא "כולל סאטמאר קרית יואל", די אכסניא של תורה והוראה פאר די 500 לומדים מופלגים, וועלכע באצירן און באשיצן די שטאט מיט זייער כח התורה און זעלטענע השלמות בכל מקצועות התורה.

### זאת תורת העול״ה

ווי שוין פראמינענט באריכטעט אין פאריגן נומער, איז באשטימט געווארן א דיאמאנטליכע "תקופת העולים", וואס שטעלט פאר א תקופה מוזהבת אפצייכענענדיג די וואונדערליכע התעלות נשגבות דורכאויס די פילע ראמען פון די פופצן פרעכטיגע חבורות אינעם כולל, מיט פילע סיומים אויף מקצועות אדירות ומופלגות, וואס ווערט פארענדיגט די יעצטיגע טעג, לעת תקופת השנה, ווען מ'גרייט זיך צו שליסן דעם העכסט מוצלח'דיגן שנת הלימודים תשפ״ב, ותכלה שנה בברכת התורה.

די קייט סיומים און השלמות מקצועות, טוט סימבאליזירן אן עילאה'דיגע דערגרייכונג פון "יגעת ומצאת תאמין", ווען נאך א פלייסיגע התמדה דורך די אריות שבחבורה, די הונדערטער יושבי אהל, וואס אין להם בעולמם כלום, סיידן די ד' אמות של הלכה, זענען זיי זוכה צו "ברנה יקצורו", שניידן די פרוכטבארע פירות פון זייער שווערע הארעוואניע, און תיכף גיין מחיל אל חיל, זיך ארייינלאזנדיג אין פרישע מקצועות נרחבות, שטייגנדיג אינעם סולם ההוראה, צו באריכערן דעם כח הרוחני בקרב קהלתינו ומוסדותינו הק' מיט די מוכשר'דיגע כלים מפוארים, מורה הוראה און מרביצי תורה און אלע כלי קודש וואס פארלאנגט זיך אין פארגלייך צום בליענדן וואוקס בליעה״ר.

### התעלות קרן 'החזרות'

ביי דעם פונקט קומט ווידער צום אויסדרוק די קעגנזייטיגע טיפע הערכה און אינערליכע באגייסטערונג פון תושבי העיר רבתי, דער גאנצער ציבור אנ״ש, תומכי תורה באלפי', רעאגירן מיט געפלעפטע געמיטער צו די אויסנאמליכע הרמת קרן התורה וואס שפילט זיך אויס אינערהאלב דעם הייליגן כולל, וואס מאכט תמיד אזעלכע הערליכע תורה'דיגע פארשריט, למעלה מן המשוער.

די שטוינונג גיסט זיך ארויס מיט פאקטישע הלכה למעשה, דער ציבור איז דא מיט א פולע פלאם צו גיסן ווארעמהארציגע שטיצע בכל עת ועונה, צו ערמעגליכן די שוואונג פון תורה והוראה אויפבליען מיט'ן שענסטן גלאנץ, ספעציעל שטייענדיג נאך א זאך יאר, ווען עס איז אויסטערליש נתעלה געווארן דער "קרן החזרות", ווען עס איז געווארן צוגעלייגט א שלל פון חבורות בלויז אויף 'חזרה', מיט באזונדערע "הערליכע תמיכות" פער יעדע בחינה, מדי חודש בחדשו, און באזונדער צו די גרויסע חזרה בצאת הזמן והשנה, וואס בלויז די חזרה-תמיכות באטרעפט א נייעם יערליכן בודזשעט פון א מעגא "300,000".

### 35% שפרינג אין 'הוספה עלי-ה'

דאס איז נאך איידער מ'רעדט פונעם אלגעמיינעם בודזשעט, וואס קאסט אפ די "פעיראל" פאר די 500 לומדים, וואס ווערט ב״ה געצאלט מיט אן אקוראטע פונקטליכקייט. דורכאויס די לעצטע פאר יאר איז דער היזיגער כולל א פיאנער אין צושטאנד ברענגט א רעוואלוציע אין "הוספות", דערגרייכנדיג שוין היי-יאר א היסטארישער רעקארד פון א "35% בודזשעט העכערונג", אזעלכע שריט וואס ווערט נאכגעפאלגט און נאכקאפירט אלוועלטליך, געבנדיג דעם טאן וואס עס הייסט "החזקת הלומדים", זיכער צו מאכן אז די לומדים קענען אנגיין מיט זייערע לימודים אומגעשטערט.

שליסנדיג א פרישן שנת הכולל, ווערט מען באריכטעט פון די בוכהאלטעריי אפטיילונג אינעם כולל-אפיס איבער א דראסטישע שפרינג אינעם "כולל בודזשעט", וואס דערגרייכט אן אומגלויבליכע "2.5 מיליאן דאלאר", בלויז די רעגלמעסיגע תמיכה-טשעקס.

דער פרישער בודזשעט איז א 'פריידיגער', עס פארמירט א נייעם סארט באגריף פון "הרחבת דעתן של תלמידי חכמים", אבער איז צו דער זעלבער צייט א 'שרעקעדיגער', און די הנהלת הכולל איז אנגעלאנט אויף די "תורתי שותפים" וואס האט פארמירט א באזע פון הונדערטער תומכים קבועים וואס ערמעגליכט ב״ה צו דעקן דעם בודזשעט.

### א יאר פון "תורתי"

גענוי א יאר צוריק איז עס געווען, ווען דער ציבור האט זיך באגעגנט מיט א שפאגל-נייעם באגריף: תורתי. פאר א מינימאלע וועכנטליכע סומע פון $23 קריגט מען א שטענדיגע זכות אינעם עסק התורה פון א כולל יונגערמאן. עס איז געווען באזירט אויף א טרוקענע הלכה אין שו״ע, אז דער ארבייטער וואס קען נישט לערנען א גאנצן טאג – ווי דער לכתחילה איז ביי יעדן איד – אבער מיט דעם וואס ער העלפט א צווייטן איד לערנען, איז "כאילו לומד בעצמו".

די לעכצונג וואס שטורעמט ביים ציבור צו זיין א טייל פון די 'לומדי תורה כל היום' האט זיך ארויסגעריסן פונעם נשמה שבמח מיט א באלדיגע הלכה למעשה. מען האט ממש נישט געגלייבט אז דער ציבור וואלט שוין לאנג געווען גרייט צו געבן, מ'דורשט שוין לאנג צו זיין א ווירקליכער יושב אהל, מ'האט פשוט געדארפט איניציאטירן דעם זכות און דער קאנטראקט איז געשלאסן.

מען שטייט א יאר שפעטער, און עס זאגט זיך פריידיג ווי סוקסעספול די 'תורתי' רעוואלוציע האט זיך איינגעגעבן ביים ציבור. עס איז א כבוד און שטאלץ פאר עיר רבתי קרית יואל, צו פארמאגן אזא בריליאנטענע באזע פון "תורתי שותפים" וואס שטיצן מיט א ברייט האנט די הונדערטער לומדי תורה אין אונזער שטאט, פינאנצירן די מעכטיגע תורה אימפעריע וואס שלייפט אויס תלמידי חכמים מופלגים, מורי הוראה מובהקים און אלע סארט כלי קודש ומזכי הרבים וואס איז נאר דא צו געפינען.

דאס "געהויבענע געפיל", די לעכטיגע הרגשה און ערהאבענע גייסט וואס באנעמט א 'תורתי' מיטגליד, וועלכער איז דורכגענעצט מיט א דביקות אמיץ בתורה, איז נישט מעגליך צו שילדערן פאר איינעם וואס איז נישט דערינען. מען איז באמת דערהויבן מיט א גליקליכע שטאלץ און זכי', מיט דאנקבארע געפילן צום נותן התורה, פאר'ן שענקען אזא געוואלדיגע זכי', צו נעמען א פערזענליכע טייל אינעם עמוד התורה וואס באלייכט און באשיצט די גאנצע שטאט.

אט די הרגשה עמוקה וואס קען זיך נישט ארויסגעבן אינעם געשריבענעם ווארט, וועט זיך איצט נאך מער העליש צעפלאמען, אין דער גראנדיעזער "תקופת העולים", ווען אלע געטרייע שותפים, די פריוועליגירטע מחזיקים, די גייסטפולע 'תורתי' נדיבים, וועלן זיך נאך מער 'דערהייבן', מיט'ן איינקויפן פרישע חלקים נכבדים אינעם "כאילו לומד כל היום".

### "תקופת העולים" אין שטורמישע שוואונג!

דאס טוט זיך יעצט אויסווירקן אריינטרעטנדיג אינעם 'תקופת העולים', ווען במשך די קומענדיגע דריי חדשים, חדשי אלול תשרי חשון, תשפ״ג, וועט די שטאט קרית יואל רבתי פארוואנדלט ווערן אין א לעכטיגע עפאכע פון הגבהת קרנינו למעלה, לעילא מכל ברכתא, ווען די אלע 'תורתי' שותפים וועלן הייבן זייערע קביעות'דיגע שותפות מיט א בלויזע פּאָר דאלאר, צו א וועכנטליכע ביישטייערונג פון מינימאלע $31, מקיים זיין דעם 'לא' ימוש ספר התורה הזה מפיך.

דער "תקופת העולים" אנטשפרעכט צו 'הייבן' די מחזיקי תורה מיט העכערע באגריפן אין החזקת התורה, און זיך צוגלייך 'דערהייבן' אין זייער אייגענע לימוד התורה, דורכ'ן שטיצן די תלמידי חכמים וואס זיצן א גאנצן טאג על התורה, ווי די הלכה לויטעט, אז א בעה״ב וואס צאלט פאר א לומד תורה, איז "כאילו לומד בעצמו".

די העכערונג צו $31 קלינגט אפ מיט א פאזיטיווע ווידערקלאנג, א בלויזע 8 דאלאר וואוקס אינעם זכות כביר פון "תורתי", און דערמיט זיך איינקויפן פרישע ריזיגע הויפענס זכותים נצחיים און פאקטישע עסק התורה מיט פילפאכיגערע השגות פון זכותים וואס ווערט געליפערט פונעם לומד דירעקט צום נדיב.

די 'דערהויבענע' שותפות וועט שפילן א דירעקטע ראלע אין נאך מער דערהייבן, נאך הייסער ארויפציען די התרוממות קרן התורה וואס ווערט פראדוצירט דורכ'ן "כולל סאטמאר קרית יואל" וואס האלט פארגאפט דעם כח התורה בק״ק סאטמאר, ארויסשטייענדיג אלס תל תלפיות לתורה והוראה, פון וואו עס שטייגן אויס אזעלכע בארימטע ת״ח און תורה-לייבן וואס טרעפט זיך נישט זיינ'ס גלייכן בעולם הכוללים.

עס וועט ערמעגליכן פאר די געטרייע הנהלה צו קענען נאך מער מרחיב זיין דעתן של ת״ח, דערלייכטערן זייער פינאנציעלע לאגע, און זיי באפרייען פון דאגת פרנסה און צרכי החיים, צו פולקאם האלטן דעם מח קאנצענטרירט פאר פלאג אין תורה, דערגרייכן השלמות מופלאות בחלקי הוראה, לשם ולתהלה.

א 'תקופת העולים' אפעלירט צוגלייך צום גאנצן 'עולם'. יעדער ווערט מיטגעשלעפט מיט די שוואונג פון החזקת התורה. אויב איז פארהאן א באגריף פון 'קנאת סופרים' צווישן לומדי תורה, שפיגלט זיך עס סינאנים אפ ביי די 'כאילו לומדים כל היום' תורה-לערנער, וועלכע וועלן זיך געוויס מיטכאפן מיט'ן פלייץ תורתי שותפים, קיינער וועט בע״ה נישט בלייבן אינדרויסן, יעדער קויפט שותפות מיט די תורה הק', און יעדער געניסט השפעות במדה טובה ישועה ורחמים.

בְּרִנָּה נַעֲלֶה!


ושמחת בחגך והיית אך שמח
Where will you be this Sukkos?
CHOOSE LUXURY
Guestay
guestay.com
845.999.8452
YOM TOV WITHOUT THE HASSLE.
Close to shuls and kosher eateries.
Linen & towels. Fully equipped kosher kitchen.
Beautiful sukkahs on premises.
admarkny.com

### אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה:

# התרגשות׳דיגער ׳אבן הפנה׳ פארן נייעם פארגרעסערטן ביהמ״ד אהל מרדכי ד׳טאהש פארגעקומען מאנטאג כי תצא העעל״ט בראשות כ״ק אדמו״ר מטאהש שליט״א

קרית יואל. - אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה. מיט פרייד און עקסטאז האבן תלמידי וחסידי טאהש ותושבי קרית יואל בכלל מיטגעלעבט די פריידיגע פארשריט ביים נייעם טאהש׳ן ביהמ״ד וואו עס זעצט פאר די ארבעט מיט גרויס אימפעט פילפאכיג צו פארגרעסערן פארשענערן און פארדאפלען דעם עקזעסטירנדן ביהמ״ד וואס ווירבלט טעגליך אויף א מאסיוון פארנעם מיט מנינים, שיעורים, תורה, עבודה, וגמ״ח אויף א אויסטערלישן פארנעם תחת נשיאת קדשו פונעם מנהיג העדה כ״ק אדמו״ר מטאהש שליט״א.

דעם פארלאפענעם מאנטאג לסדר כי תבנה בית חדש איז פארגעקומען מיט גרויס שמחה וחדוה די גרויסע מעמד יציקת היסודות אויפן שטח הבנוי׳ וועלכע אנטשפרעכט דארט געבויעט צו ווערן די מייעסטעטישע בנין נאה ומפואר כליל בהדרו.

די אויפבוי צו פארדאפלען און אויסברייטערן דעם בנין קומט גלייך נאכדעם וואס מען האט פארענדיגט די ערשטע פאזע פונעם צד מערבית פונעם בנין וואו מען האט געלאזט אויפבויען א הערליכן מאסיוון געביידע בפני עצמו אויף די ארשיווע זייט, וואס האט צוגעברענגט א געוואלדיגע הרחבה לענגאויס אלע שטאקן פונעם ביהמ״ד פאר די הונדערטער באי ומתפללי בית השם תלמידי וחסידי טאהש קרית יואל און די ארומיגע תושבי השכונה והסביבה.

אויך האט דער ניי פארברייטערטע בנין אריינגעבלאזן א געוואלדיגע רוח חדשה אינערהאלב ק״ק טאהש צו קענען פארברייטערן די פעולות פון שיעורי תורה וואס ווערט פיאנירט דורך די געטרייע הנהלת התאחדות אברכים דקהלה קדושה טאהש, בפרט די בארימטע שיעורים פון הגה״צ דער טאהש׳ער דיין רבי שלמה יונגער שליט״א וועלכע האט באקומען א פנים חדשות און א געוואלדיגע ציבור מקשיבי ומשתתפי השיעור נאכן מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט רחבות׳דיגע חדרים לתורה צו קענען אפרעכטן די שיעורים וכו׳

תיכף ביים פארענדיגן די ערשטע פאזע האט די עסקני הקהלה אריינגעווארפן פארצוזעצן אויף ווייטער מיט מאסיווע אויסברייטערונגען צו ערגענצן דעם בנין האדיר מיט א שלימות לתועלת ולהשלמת הביהמ״ד און בהתייעצות הקודש פון כבוד קדושת אדמו״ר מטאהש שליט״א האט מען זיך אריינגעלייגט פארצושטעלן די פלענער אהערצושטעלן א פאסיגן פלאן פארן נייעם בנין.

לאנגע חדשים און שווערע אלפים איז אינוועסטירט געווארן ביזן אהערשטעלן א גאר געלונגענעם סקיצע און לעיאוט פארן נייעם בנין, וואס שטעלט מיט זיך פאר א בנין מפואר וואס שטייט מיט אירע פולע פראכט געבויעט פראקטיש און פארנוצט יעדן אינטש פארן ריכטיגן תכלית הנרצה צו קענען ארויסנעמען דאס מקסימום פארן באקוועמליכקייט פון די פילע באי ומתפללי ביהמ״ד.

ווי נאר די פלענער זענען פארענדיגט געווארן בתכלית היופי איז דאס פארגעשטעלט געווארן פארן די ווילעדזש באאמטע וועלכע האבן דאס איבערגעקוקט און באשטעטיגט צו קענען זיך פאראויסרוקן מיט די ארבעט.

אין די צייט ווען מען האט שוין אנגעהויבן זען פאקטישע בוי ארבעט אויפן שטח הבנוי׳ איז דאס





Ayesha Fashions
HONG KONG TAILOR

HONG KONG TAILOR WELL KNOWN IN
HONG KONG, LONDON, NEW YORK,
SERVING JEWISH COMMUNITY FOR YEARS!

ONCE AGAIN MR TARIQ WILL BE IN YOUR CITY
WITH NEW SAMPLES FOR CUSTOM SUITS AND SHIRTS

PLEASE MARK THE DATE ON YOUR CALENDAR

For an appointment please call the hotel operator and ask for **Mr. Tariq Mahmood** or call his cell: **917.539.9126** during trip only.

CUSTOM SUITS FROM $395 | CUSTOM SHIRTS FROM $49

SEPT 5TH
LAWRENCE
Five Towns Inn
655 Rockaway Turnpike
Lawrence, NY
(516) 371-2600

SEPT 8TH & 9TH
SUFFERN
Crowne Plaza
3 Executive Blvd
Suffern, NY
(845) 357-4800

SEPT 13TH & 14TH
BALTIMORE
DoubleTree by Hilton
1726 Reisterstown Rd, Pikesville
(410) 653-1100

SEPT 6TH
WILLIAMSBURG
Pointe Plaza
2 Franklin Ave Brooklyn, NY
(718) 782-7000

SEPT 11TH
MONROE
Sleep Inn & Suites
1 Sleep Way Monroe NY
(845) 604-4326

SEPT 7TH
BROOKLYN
Avenue Plaza Hotel
13 Ave - 47 St Brooklyn, NY
(718) 552-3200

SEPT 12TH
LAKEWOOD
Ramada Hotel
2373 RT9 Toms River, NJ
(732) 905-2626

SEPT 15TH & 16TH
CHICAGO
Holiday Inn & Suites
5300 W Touhy Ave Skokie, IL



Office Unite #5 2/F Mirador Mansion KLN
Tel: 852-69001447 email: hktailor1@gmail.com
USA Tel : 917.539.9126

שוין געקומען נאך פילע חדשים ארבעט אויף יעדן קלענסטן דעטאל מיט אומגעהויערע קאסטן פאר די פלאנירונג שטאפלען. און ברוב סייעתא דשמיא האט מען מיט עטליכע וואכן צוריק אנגעהויבן מיטהאלטן די ערשטע טריט פארן נייעם בנין האדיר.

צום ערשט איז פארקירעוועט געווארן די גאנצע עלעקטריק קראפט וואס איז געשטאנען אין א זייטיגע שטיבל צווישן די יעצטיגע בנין און די ניי אויסברייטערונגען וואס גייט יעצט אן אויף די סאטמאר גאס זייט. ווי די גאנצע ווייערינג איז פאכמאניש דירעקטירט געווארן צו א נייעם עלעקטריק שטיבל. די ארבעט האט זיך געצויגן עטליכע וואכן ווערנדיג געטון געניט מיט גרויס פארזיכטיגקייט נישט צו שטערן די אנגייענדע געווירבל שלא יבוטל התמיד.

ווי נאר די קאמפלעצירטע ארבעט פון טראנספארמירן די ווייערינג איז פארפולקאמט געווארן האט מען זיך גענומען צו די קומענדיגע שטאפל פון ארומצוימען דעם שטח און אנגעהויבן מיט די ערשטע גראב ארבעט אויפן שטח צו קענען ווייטער פראגרעסירן מיט די בוי ארבעט.

פארגאנגענע וואך האט מען באזייטיגט די גאנצע פאדערשטע טייל פונעם בנין וואס נעמט אריין די שטיגן וואס פירט ארויף צו די העכערע שטאקן און אזוי אויך די באלקאן פארנט פונעם בנין מיט באזונדערע צייטווייליגע שטיגן ביי די זייט פארן באנוץ דורכאויס די בוי ארבעט.

ווען די אלע נויטיגע צוגרייטונגען און איינריכטונגען זענען פארענדיגט געווארן האט מען זיך שוין געגרייט מיט גרויס שמחה צו קענען אנהייב די ארבעט אויפן בנין גופא אויף וואס מען קוקט שוין ארויס אזא לאנגע צייט.

פארלאפענעם מאנטאג האט מען געהאט די גרויסע כבוד און זכי' צו קענען צוטרעטן אנצוהייבן מיט די ענדגילטיגע הצקת היסודות פארן נייעם בנין הביהמ"ד. די מעמד איז באשיינט געווארן בראשות כ"ק אדמו"ר מטאהש שליט"א.

צוערשט האט דער רבי שליט"א זיך געשטעלט צו תפלת מנחה ברוב עם הדרת מלך בהיכל הביהמ"ד ווי דער ציבור איז אריבערגעגאנגען שלום נעמען מפני הקודש.

דאן איז דער רבי שליט"א מיטן ציבור ארויס צום שטח הבנוי' וואו מען האט געזאגט מזמורי תהלים מיט א געוואלדיגע רגש מיט תפלה צום אויבערשטן אז מען זאל זוכה זיין שיתקדש ש"ש דורכ'ן נייעם בנין אויפצושטעלן דעם בנין אדיר לה' ולתורתו אויפן דרך פון רביה"ק מטאהש זי"ע וועלכע האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות פון עבודת התפלה אינעם ציבור אנ"ש, און האט אליין מחנך געווען דעם בנין ביהמ"ד וואס ווערט יעצט פארגרעסערט פי כמה בכמות ובאיכות.

מיט גרויס חדוה און אומבאנומענע פרייד האט דער ציבור מיטגעהאלטן ווי דער רבי שליט"א נעמט מטבעות קודש וואס איז געבענטשט געווארן ממר אביו הרה"ק מטאהש זצוק"ל און האט דאס אריינגעווארפן אין די יסודות הבנין מיט א תפלה חרושה אז זכותו הגדול והקדוש זאל מגין זיין לעדת צאן מרעיתו און אויפן גרויסן פראיעקט און וואס די הייליגע קהלה גייט יעצט אריין להרחיב ולרומם קרן הקהלה.

תלמידי וחסידי טאהש ומתפללי ביהמ"ד קוקן זיך צו מיט קענטיגע פרייד צו די אומגלויבליכע בילד און שנעלע פארשריט ביי די בוי ארבעט ההולכת ונבנית אויפצובויען דעם הייליגן ביהמ"ד פאר קהלה קדושה טאהש וואס וועט באלייכטן דעם גאנצן שטאט לשם ולתפארת.

בורא עולם בקנין השלם זה הבנין.

# ערשטע יאָרצייט פון כ"ק הגה"צ חו"פ מרן דומ"ץ סאַטמאַר מאָנטרעאַל זצ"ל בעל "מנחם משיב" וועט געפּראַוועט ווערן דעם קומענדיגן שב"ק י"ד אלול

**הונדערטער תלמידים, תושבי קרית יואל, וועלן זיך פאראייניגן צו פּראַוועגען דעם "שבת יאָרצייט", בשבת אחים גם יחד, בראשות בנו הרה"ג רבי שלמה טירנויער שליט"א, להתחזק ולהתעורר בזכרו הטהורה ובמשנתו הבהירה**

## צענטראַלע סעודת הילולא וסיום הש"ס ומשניות וועט פּאָרקומען מוצש"ק אין זאַל פון "כתר ריזל" אין וויליאַמסבורג




אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאַטמאַר בכלל, און די פילע טויזנטער תלמידי ויוצאי ישיבת תורת משה בפרט, וועלן דעם שב"ק אָפּצייכענען מיט התרגשות די ערשטע יומא דהילולא רבא פון הגאון הצדיק המפורסם דומ"ץ סאַטמאַר מאָנטרעאָל וראש ישיבת תורת משה זצ"ל, וואָס געפאַלט אויס אין דעם טאָג פון י"ד אלול הבעל"ט.

אין אַלע שטעט און געגנטער וועלן זיך תלמידים צאַמקומען צו פּראַוועגען דעם שבת יומא דהילולא, און מעלה זיין על נס די לעכטיגע זכרונות וואָס מען האָט מיטגעלעבט בצלו פון רבם ומאורם, ווען מען האָט געהאַט די זכי' צו לערנען במחיצתו און קונה זיין אזויפיל תורה און יראת שמים פון דעם גרויסן רבי'ן וואָס האָט זיי באַגלייט אויף יעדן טריט און שריט.

אין וויליאַמסבורג וועט מען זיך צונויף קומען אין ביהמ"ד תורת משה, וואָס ווערט געפירט בראשות בנו בכורו הגה"צ רבי יששכר דוב טירנויער שליט"א. אין מאָנסי וועט מען זיך צוזאַמקומען דאַווענען די תפלות צוזאַמען מיט'ן זון פונעם דיין זצ"ל, הר"ר יחזקאל שרגא שליט"א. אויך אין פריפאָנטעין ווערט ערוואַרטעט אַ הערליכער שבת ביי די תלמידי ישיבה 'תורת משה'.

דאָ אין קרית יואל ווערט ערוואַרטעט אַ גרויסער ציבור תלמידים הקרואים בנים, וואָס וועלן זיך מאחד זיין אינאיינעם צו פּראַוועגען אַלע תפלות שב"ק, לחזק ולהתחזק במשנתו פונעם דיין זצ"ל. צו דער געלעגנהייט וועט זיין צוגאַסט אין שטאָט בנו פונעם דיין זצ"ל, הרב הגאון ר' שלמה שליט"א, וואָס וועט משמיע זיין דברי התעוררות והתחזקות במשנתו פונעם דיין זצ"ל. אַזוי אויך וועט מען במשך דעם גאַנצן שב"ק הערן זכרונות און ענינים פון נאָנטע תלמידים, וואָס וועלן אַרומרעדן איבער דאָס גרויסקייט אין אַלע ג' עמודי עולם וואָס מען האָט געזען ביים דיין זצ"ל.

מוצש"ק וועט פּאָרקומען די צענטראַלע "כינוס התלמידים" אין די זאַלן פון "כתר ריזל" אין וויליאַמסבורג, אינאיינעם מיט דער סעודת הילולא וסיום הש"ס ומשניות בראשות בניו ותלמידיו החשובים פונעם בעל ההילולא זצ"ל. צוליב די שפּעטע שעה פון מוצאי שבת וועט זיך דאָס אָנהייבן פּונקטליך 11:00 אַזייגער כדי דער ציבור פון אַנדערע שטעט זאָלן קענען אָנקומען באַצייטנס. ברכת המזון וועט זיין אי"ה 1:00 אַזייגער כדי נישט אויפצוהאַלטן דעם עולם.

לרגל די יאָרצייט טוט אויך ערשיינען דער ערשטער באַנד פון דעם ספר הנפלא, שו"ת "מנחם משיב", מיט די תשובות להלכה בד' חלקי שו"ע, וואָס דער דיין זצ"ל האָט אָפּגעשריבן מיט אַ געוואַלדיגן עמקות און בהירות, מיוסד אויף די גמ' מיט ראשונים, שו"ע ונו"כ, ישמח לב מבקשי ה'.

די עלי' לציון בראשות בניו הגאונים והצדיקים שליט"א וועט זיין זונטאָג פר' כי תבא בשעה 4:00 (פון 3:00 ביז 4:00 איז באַשטימט צו גיין נאָר פאַר די נשים צדקניות), ויה"ר מ'זאָל פועל'ן אַלעס גוטס און זוכה זיין צו אַ כתיבה וחתימה טובה אכיה"ר.

זכותו הגדול פונעם דיין זצ"ל זאָל מגין זיין אויף אַלע תלמידים און אויף גאַנץ כלל ישראל, והוא ימליץ טוב בעדינו.

---

וישן מפני חדש תוציאו:

# ערשטע שטאק פון מבצר התורה כולל דרך החיים אנגעהויבן ארויפציען אויף ווען ביורען

**בנין הייבט אן ארויסשפראצן העכער און ווערט געזען און מיטגעהאלטן די פראגרעסירנדע בוי אקטיוויטעטן**





מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו – זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו:

# אנ"ש בלומינגראוו-קרית יואל איינגעהילט אין יום טוב'דיגער שטימונג נאך געהויבענעם באזוך פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל הרחבת גבולי הקדושה, און "ערשטער שבת" אינעם ביהמ"ד אויפ'ן שטח הבנין האדיר החדש שכונת מעריוואלד

**כי טובים השנים: מנהיג העדה עטרת תפארת ראשינו קוועלט פון נחת דקדושה ביים באטראכטן אומגלויבליכע פארשריט ביי פראגרעסירנדע אויפבוי פון צוויי בנינים אדירים ומפוארים, ביהמ"ד הגדול אויף "מעריוואלד" און ביים ביהמ"ד החדש והמפואר אויף "דועלק", וועלכע בויען זיך ביידע אויף אין בליץ־שנעלקייט אלס די רוחניות'דיגע מגדלי העיר, די צענטראלע סאטמארער פעסטונגען לג' עמודי העולם**

בלומינגראוו־קרית יואל. – א יום טוב'דיגע שטימונג טוט איינהילן די הונדערטער אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר אינעם בליענדן בלומינגראוו געגענט, נאך וואס מ'האט ב"ה זוכה געווען מיטצולעבן דעם געהויבענעם טאג, דאנערשטאג פרשת שופטים, בצל הקודש פון עטרת תפארת ראשינו הוד כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א, נאכגעפאלגט פון א ליכטיגן שבת המתאחדת נועם הנשמות ועונג הרוחות, וואס אנ"ש האבן געפראוועט אין דעם נייעם ביהמ"ד דקהל יטב לב וואס איז ב"ה אהערגעשטעלט געווארן ברוב פאר והדר ביז דער נייער מלכות'דיגער ביהמ"ד וועט ווערן אויפגעבויעט ברוב פאר והדר.

דער געהויבענער טאג האט זיך אפגעשפילט אין א זמן פון מאסיווע פארזעצנדע הרחבת גבולי הקדושה, וואס לאזן זיך גארנישט גלייבן, ווי אומעטום ימה וקדמה צפונה ונגבה שפילן זיך אפ אזעלכע וואונדערליכע פארשריט-אנטוויקלונגען, ווען אויף ביידע עקן פון דער וואקסנדער בליענדער בלומינגראוו, סיי אויף מעריוואלד און סיי אויף דועלק, בויען זיך פרעכטיגע בתי מדרשים לה' ולתורתו, און דא האט מען אין דער בליץ-שנעלקייט אויפגעבויעט אזא הערליכער צייטווייליגער ביהמ"ד, בעת אויף דער אנדערער זייט ווידמען זיך די פלענער פון די מוסדות הקדושים אויפצובויען בנינים אדירים לה' ולתורתו, וואס אזוי ארום ווערט גאנץ בלומינגראוו ארומגערינגעלט מיט כלילת מגדלים נאים, מעכטיגע געביידעס וואס פון דארט וועט זיך ווידמען דער כח הגברת הקהלה והמוסדות פון אונזער עדה הקדושה לשם ולתפארת.




## היא נפלאת בעינינו: ביהמ"ד החדש "2 דועלק" וועלכע בויעט זיך אין בליץ שנעלקייט

כ"ק מרן רבינו שליט"א איז אנגעקומען אינאיינעם מיט דער פמליא הנכבדה דאנערשטאג אווענט בערך 7:45 לעת ערב.

די ערשטע סטאנציע איז געווען און קודם זיך אויפ'ן שטח ביים נייעם ביהמ"ד וואס בויעט זיך אויף 2 דועלק גאס, וואס וועט אי"ה באדינען דער גאנצער אומגעגענט, מיט א הערליכן בנין מפואר, א היכל גדול פאר'ן ביהמ"ד, חדרי התורה והתפלה, א מקוה מפוארה, חדר הוראה, עזרת נשים, וכל המתסעף, וואס אנטשפרעכט א ליכט-טורעם פאר אנ"ש פון דער גאנצער סביבה, אונטער'ן דגל מחנה קהלתינו הקדושה.

דארט אויפ'ן שטח האבן שוין אפגעווארט די חברי הוועד קרן הבנין, אין שפיץ פון הרבני הנגיד הנכבד הרה"ח ר' אברהם בער יאקאבאוויטש הי"ו, סגן ראש הקהל דקהלתינו הק' אין וויליאמסבורג. די חברי ועד קרן הבנין האבן אנגעצייגט פאר'ן רבי'ן שליט"א דעם גענויען פלאץ מיט די פלענער פון דעם נייעם ביהמ"ד וואס האלט זיך אינמיטן אויפבויען אין פולסטן גאלאפ. מען האט צוגעוויזן ווי מ'האלט שוין ב"ה נאכ'ן פארענדיגן דעם ערשטן שטאק, וואו דער סטרוקטור שטייט שוין, און מ'האט שוין ב"ה אנגעהויבן "אויספרעימען" דעם היכל הביהמ"ד, וואס אנטשפרעכט א מלכות'דיגער היכל, ובהיכלו כולו אומר כבוד.

די חברי וועד קרן הבנין האבן געצייגט פאר'ן רבי'ן שליט"א די פלענער וויאזוי מ'וועט פארזעצן ווייטער די בוי-ארבעט, שטאפל נאך שטאפל, איבערהויפט האט מען אנגעוויזן די מקוה המפוארה, מיט די אלע הידורים וחומרות וואס מ'האט אריינגעלייגט על פי הוראותיו והדרכותיו פון מרן רבינו הקוה"ט זי"ע, אז ס'זאל זיין כראוי וכיאות פאר אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר, חברי קהלתינו הק', וועלכע וועלן אי"ה דא זיך קלאמערן אלס זייער רוחניות'דיגע היים.

רבינו שליט"א האט זיך גרינטליך נאכגעפרעגט אויף אלע פרטים ופרטי פרטים, און אויסגעדרוקט זיין מורא'דיגן קורת רוח צו זען ווי ווייט מ'האט זיך ב"ה פאראויסגערוקט מיט אזא דראמאטיש-שנעלן ריטעם, און געוואונטשן אז מ'זאל קענען פארזעצן ביתר שאת וביתר עז, מחיל אל חיל, וזה הבנין גדול יהי', והבית הזה יהי' עליון ס'זאל ארויסקומען א

כבוד שמים.

## הבית אשר אני בונה גדול והפלא: ביים אויפבוי שטח פון בנין האדיר אויף "מעריוואָלד"

פון דאָרט, מחיל אל חיל, איז דער רבי וויטער געפארן אין באגלייטונג פון דער גאנצער פמליא, אינאיינעם מיט חברי וועד קרן הבנין, צום שטח האדיר החדש אויף 31 מעריוואלד, וואו עס ווערט אויפגעבויעט דער צענטראַלער ביהמ"ד הגדול פון דער גאַנצער אומגעגענט, וואו אויך דאָ פראָגרעסירט די בוי-ארבעט אין אַן אומגעהויערער בליץ-שנעלקייט, ווי די תושבי העיר האלטן מיט טאָג-טעגליך מיט וואונדער געמישט מיט פרייד, און אצינד האָט מען געהאט די געלעגנהייט אז צדיק זה בא לבית מלוני, און מ'האָט דאָס געקענט צייגן פאַר מנהיג העדה כ"ק מרן רבינו שליט"א, ותחי רוח יעקב אביהם.

מאת ה' היתה זאת, אַז פונקט אין דעם טאָג, דאָנערשטאָג פאַרמיטאָג, האָט מען געגאָסן דארט די ריזיגע מאַסיווע פונדאַמענטן פאַר רוב חלק פון דער ריזיגער מאיעסטעטישער 30,000 סקווער-פיס געביידע וואָס אַנטפלעקט אַ פעסטונג ממש א כלילת יופי, א הוד והדר פאר דער גאנצער אומגעגענט און פאר דער גאנצער שטאָט, קרית מלך רב!

וויבאלד עס איז שוין געווען טונקל האָבן די חברי ועד קרן הבנין געזאָרגט פון פאָראויס צוצושטעלן עלעקטערישע באַלייכטונגען אַז מ'זאָל קענען זיך אומקוקן אויף די בוי-אַרבעט. כ"ק מרן רבינו שליט"א האָט אַלעס באַטראַכט פונדערנאָענט און זיך אומגעקוקט אויף יעדן דעטאַל. בפרט האָט רבינו שליט"א זיך אומגעקוקט אויף די אלע בורות פאר די מקוואות וואס מען גייט דאָרט צושטעלן א פראכט פון אַ מקוה, כליל ביפי' ובהדרה, במיטב ההידור והכשרות.

אַזוי האָבן די חברי ועד קרן הבנין, אינאיינעם מיט הרה"ח ר' אברהם בער יאקאבאוויטש הי"ו, סגן ראה"ק דקהלתינו הק' אין וויליאמסבורג, געצייגט פאַר'ן רבי'ן שליט"א די געניע פלענער וויאַזוי מ'גייט אי"ה פאַרענדיגן דעם בנין אלס מגדל אדיר עוז, וואָס גייט זיין אַ תפארת פאר ק"ק סאטמאר בכל קצוי תבל.

דער ציבור אַרום וואָס האָט זיך מיטבאַגלייט מיט רבינו שליט"א, די ראשי קהלה, עסקנים, אנשי חיל, אנ"ש תושבי השכונה, האָבן נישט געקענט באהאלטן זייער התפעלות און רגשי שמחה, זעענדיג מיט די אייגענע אויגן, ווי דער פראָיעקט איז שוין גאָרנישט קיין חלום, נאר דאָ בויעט זיך אין מאַקסימום שנעלקייט א בנין עדי עד, וואָס גייט זיין אַ פרעכטיגער צענטראַל-פונקט פאַר די ג' עמודי העולם, אַ תל תלפיות וגולת הכותרת, וואָס וועט הייבן דעם כבוד ה' וכבוד קהלתינו המעטירה צו די העכסטע ספערן, און פון אלעמענס הערצער האט זיך ארויסגעשריגן א געבעט "השלם זה הבנין".

## מסיבת חתימת השטרות: בבית הרה"ח ר' שמואל הערש ווייס הי"ו

בעת דער ציבור איז אצינד אריבערגעגאַנגען צום נייעם ביהמ"ד המפואר וואס מ'האט אויפגעשטעלט אלס אכסני' של קהלתינו הק' פאר לעת עתה ווילאַנג מ'וועט אויפבויען דעם נייעם בנין אדיר, איז רבינו שליט"א אַריבער צום שטוב פון הרה"ח ר' שמואל הערש ווייס הי"ו, וואו זיינע צוויי חשוב'ע קינדער, האברכים הנגידים המפוארים מוה"ר אליעזר הי"ו און מוה"ר מענדל הי"ו האבן מנדב געווען בנדבת לבם א "בור טבילה" אין ביהמ"ד החדש והמפואר "בית כהנא" דקהלתינו הק' אין קרית יואל.

עס האָט אויפגעטרעטן דערביי מיט שיינע דיבורים הרה"ג ר' שמעון שמואל שווארץ שליט"א, מנהל התלמוד תורה במוסדותינו הק' אין קרית יואל ומגבאי ביהמ"ד בית כהנא, וועלכער האָט שטאַרק אויסגעלויבט די חשוב'ע נדיבים על פעלם הטוב.

פון דארט איז רבינו שליט"א צוגעפאָרן לבית הרה"ח ר' בנציון יעקב פריעדמאן הי"ו, מיקירי אנ"ש תושבי השכונה, און דאָרט קובע געווען א מזוזה על פתח ביתו החדש און איבערגעלאָזט ברכותיו הטהורות.

## מסיבת "לחיים רבתי וקביעת מזוזה" צום נייעם ביהמ"ד המפואר





דאַן איז געקומען דער קלימאַקס פונעם טאָג, ווען רבינו שליט"א איז צוגעפאָרן צום ניי-אויפגעשטעלטן ביהמ"ד החדש, וואָס איז אַהערגעשטעלט געוואָרן, אויפגעשטעלט אַ מאדיולאַר געביידע, וואָס מ'האָט שוין הערליך שיין אויסגערישט, מיט אלע הצטרכות, אויף גאָר אַ נאָבעלען פארנעם, צו זיין גרייט פאַר'ן ציבור לתורה ולעבודה ולגמילות חסדים, אַז מ'זאל זיך קענען דארט קובע מקום זיין בימות השבוע ובשבתות ומועדי השנה, תחת קורת גג אחד, אנשי שלומינו יראים ושלמים, תלמידי וחסידי רביה"ק זי"ע ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א, וועלכע פירן זיך בדרך התורה והמסורה.

עס מוז דאָ אַרויסגעהויבן ווערן בשבח פון די אונטערנעמונג, וואָס טראָץ מ'האַלט דאך אינדערמיט די מולטי-מיליאן דאלערדיגע פראיעקטן אויפצובויען די נייע בתי מדרשים האדירים, האָט אָבער דער ועד קרן הבנין מקיים געווען דעם "וגם מזה אל תנח ידך", און זיך אריינגעווארפן מיט סכומים אדירים פון הונדערטער אלפים אויפצושטעלן אַ מאַדיולאַר-בילדינג, צונויפשטעלנדיג אַ פרעכטיגן ביהמ"ד אויפן דערנעבנדיגן שטח וואָס באַלאַנגט פאר הרה"ח ר' אברהם בער יאקאבאוויטש הי"ו סגן ראה"ק דקהלתינו הק' אין וויליאמסבורג, וועלכער האָט דאָס בנדבת לבו אוועקגעשאנקען אז מ'זאל קענען דארט אויפבויען דעם בנין.

בנוסף צו דעם בנין גופא, האָט מען זיך געזארגט אויך אהערצושטעלן אויך אַ שיינעם שטח פאר פארקינג, אויסגראָדענדיג דעם באָדען אַרום פאַר לערך 100 פאַרקינג-ערטער, אַז דער ציבור זאל קענען דורכאויס די ימות השבוע קומען און גיין מיט די גרעסטע מאָס באַקוועמליכקייט, לקבוע מקומם לתורה ולתפלה.

אַריינקומענדיג אין נייעם היכל האָט דער ציבור זיך נישט געקענט איבערקומען פון התפעלות! מ'האָט זיך נישט געגלייבט די אייגענע אויגן צו זען אַזא הערליכער שפּאָגל-נייער ביהמ"ד! לופטיג, ליכטיג, ציכטיג, שיין, גרויס, איינגערישט, מיט עירקאָנדישאָן, הייצונג, טישן, בענקלעך, ספרים-שאפעס אָנגעפולט מיט ספרי קודש, אַלעס שפּאָגל-ניי, הערליך, אַזוי אַז ממש לא נודע אז בלויז א וואך בעפאר איז דער שטח געשטאנען ליידיג, און אצינד אזוי פרעכטיג אלעס איינגערישט ווען פילע "קביעות'דיגע" בתי מדרשים זענען נישט צוגעשטעלט מיט אזא שיינעם שלימות...

דער ציבור איז געוואָרן אויפגעהייטערט, אין א שמחה'דיגע שטימונג, דערזעענדיג וואס מ'האט אהערגעשטעלט מיט אזא געטריישאפט לטובת הציבור, און קלערנדיג ביי זיך, אַז אויב האָט מען שוין דעם צייטווייליגן בנין הביהמ"ד אַזוי אַהערגעשטעלט, טאָ, קען מען דאָך בלויז טראַכטן וואָס ס'ערוואַרטעט אונז בעזר ה' אין דעם נייעם מלכות'דיגן ביהמ"ד הגדול, וואָס וועט זיין אַזאַ הרמת קרן כבוד קהלתינו הקדושה עד להפליא!

## תפלת מעריב, קביעת מזוזה, ומסיבת לחיים לרגל המאורע

ווען רבינו שליט"א איז ערשינען בהדרת קדשו אינעם נייעם היכל המפואר, האבן דארט שוין אפגעווארט הונדערטער אנשי שלומינו תושבי בלומינגראָוו-קרית יואל, וועלכע האָבן בחרדת קודש און מיט א שמחה עלאה מקבל געווען את פני מנהיגנו עטרת תפארת ראשינו שליט"א.

מ'האָט זיך באַלד געשטעלט דאַווענען תפלת מעריב ברוב עם הדרת מלך. וויבאלד עס איז געווען דעם הייליגן ייטב לב'ס יארצייט האט דער רבי שליט"א געדאווענט מעריב לפני התיבה. נאך מעריב איז דער רבי שליט"א צוגעגאנגען צום הויפט-טויער פונעם היכל הביהמ"ד און מיט א התרגשות דקדושה אַרויפגעקלאַפּט די מזוזה. דערנאָך האט מען זיך אַראָפּגעזעצט צו די הערליך-צוגעגרייטע טישן, וואו עס איז געווען צוגעשטעלט א ברייטע לחיים פאַר כל העם הנאספים.

אויפ'ן אויבנאָן האָט באַשיינט כ"ק מרן רבינו שליט"א, ולידיו בניו הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א, די דיינים ומורי הוראה דקהלתינו הק', בפרט האט זיך אנגעזען די באטייליגונג פון הגה"צ אבד"ק סיגוט שליט"א.

עס האָט זיך דערביי אויך באַטייליגט א צאל חשוב'ע בעלי בתים, נדיבים ואנשי שם, ובפרט האָט אַרויסגעשיינט די אָנוועזנהייט פון די חברי הנהלת הקהלה והמוסדות פון קרית יואל וועלכע זענען זיך געקומען באַטייליגן לרגל האי יומא דקא גרים פון הרחבת גבולי הקדושה דקהלתינו הק', און באַזונדער האָט מען באַגריסט דעם בארימטן בונה ומקים פון בניני קהלתינו ומוסדותינו הק' אין קרית יואל הנגיד המפורסם הרה"ח ר' ישראל גאלדבערגער שליט"א פון קרית יואל, און אַזוי אויך הנגיד המפורסם בונה ומקים בעירנו קרית יואל יצ"ו הרה"ח ר' אברהם יקותיאל יערמיאש הי"ו, און נאָך חשוב'ע אנשים מפוארים וועלכע האָבן באַשיינט די מאורע הנשגבה.

## הטיבו אשר דברו: די הערליכע דרשות לרגל המאורע

געעפענט דעם מעמד האט דער פה מפיק מרגליות, הרב ר' יואל ברפ"ד שווארץ שליט"א, מרביץ תורה במוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג, וועלכער האָט שיין באַגריסט די מאורע הנשגבה, און אַרויסגעהויבן די געוואלדיגע הרחבת גבולי הקדושה וואָס מ'טוט דאָ בייוואוינען, ווי בנוסף צום אויפבויען אזעלכע בנינים אדירים, שוינט מען נישט קיין געלט און קיין מיה, אהערצושטעלן אויף לעת עתה א הערליכן מקום תורה ותפלה, וואו אנשי שלומינו זאלן קענען קובע מקום זיין מדי יום ביומו, וממנו תצא תורה ותפלה, לכל הקהל הקודש הזה, ביז מ'וועט זוכה זיין צו די



השלמה פון די בנינים האדירים, כלילים ביפים ובהדרם.

דאַן האט ער מכבד געווען דעם געהויבענעם דיין, הרה"ג ר' מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א, דומ"ץ דקהלתינו הק', וועלכער איז שטאַרק באַליבט אהוב ונערץ ביי אַלע אנ"ש תושבי השכונה, וואו דער דיין האָט ארויסגעברענגט דעם עוצם השמחה צו אַזאַ דערגרייכונג ב"ה, און דאַן הערליך ארומגערעדט פון קדושת הביהמ"ד מען זאל נישט רעדן ביים דאווענען און מען זאל האלטן ערליך אין דעם ביהמ"ד, אָפּהיטן מ'זאָל נישט רעדן ביים דאווענען און מ'זאָל קובע מקום זיין לתורה מיט אַן ערליכער התנהגות.

דער דיין האָט אַרויסגעברענגט אַז דאָס איז דער יסוד פון א "סאטמארער ביהמ"ד", וואס כידוע האט רביה"ק זי"ע שטענדיג פארלאנגט אז זיינע תלמידים וחסידים זאלן דאווענען דייקא אין "אייגענע בתי מדרשים", און ווי רבינו שליט"א טוט דאָס שטענדיג חזר'ן, ווייל א סאטמארער ביהמ"ד טראָגט מיט זיך אַ באזונדערער חן דקדושה, מיט אַן ערליכקייט און געהויבנקייט, און ס'ליגט אַן אחריות אויף אלע מתפללים צוצוהעלפן דערצו אַז ס'זאָל טאַקע האָבן דעם חותם פון אַ בית המדרש דקהלתינו הק', א מקום פון השראת השכינה, לתפארת הקהלה.

## דברות קודש מאת כ"ק מרן רבינו שליט"א

מיט א יראת הכבוד האָט דער גאַנצער ציבור דאַן זיך צוגעהערט צו די דברות קודש פון הוד עטרת תפארת ראשינו כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווי דער רבי שליט"א האט ארומגערעדט בתוך דברות קדשו אז א ביהמ"ד דארף זיין געשטעלט אויף די יסודות פון מרן רביה"ק זי"ע, און אז דער ציל ביים קומען אין ביהמ"ד, דארף זיין מיט א כח האחדות, און מיט א ערנסטקייט קומען אין ביהמ"ד מיט א יראת הכבוד בדחילו ורחימו, דעמאלט איז מען זוכה צו השראת השכינה.

דער רבי שליט"א האָט אַרויסגעהויבן אַז אַ סאַטמאַרער ביהמ"ד דאַרף זיך פירן מיט די תקנות הקהלה, אַזוי ווי דער רבי זי"ע האָט אַוועקגעשטעלט, און אזוי וועט מען מצליח זיין להגדיל תורה ולהאדירה. דער רבי שליט"א האט ארויסגעברענגט זיין התפעלות וואס מ'זעט דאָ אין אונזער עדה הקדושה, אַז בעלי בתים וואס זענען עוסק על המחי' ועל הכלכלה גיבן זיך אוועק צו בויען בנינים לה' ולתורתו, און ב"ה מ'זעט ווי דא טאקע אין בלומינגראוו אליין בויען זיך די צוויי גרויסע בתי מדרשים בנוסף צום יעצטיגן ביהמ"ד, און אזוי גייט מען מחיל אל חיל להגדיל תורה ולהאדירה, וואס דאס איז אלעס בכוחו ובזכותו של אותו זקן, דער מייסד הקהלה והקרי', מרן רבינו הקוה"ט זי"ע.

דערנאָך האָט רבינו שליט"א געוואונטשן אז די אלע עושים ומעשים, די געטרייע חברי ועד קרן הבנין תושבי השכונה אין בלומינגראוו און די חברי ועד הנהלת הקהלה פון קרית יואל, אז זיי זאלן אלע זוכה זיין לילך מחיל אל חיל אין אַלע פעולות הנשגבות, און די אַלע מתפללים, דער גאנצער ציבור, יעדער איינער זאל געבענטשט ווערן מיט אלע השפעות טובות, מ'שטייט יעצט פאר די הייליגע טעג, יעדער זאל געבענטשט ווערן מיט א כתיבה וחתימה טובה, בני חיי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא, ביז מ'וועט שוין זוכה זיין לביאת משיח צדקינו בב"א.

נאַכהער האָט רבינו שליט"א געטרונקען לחיים, און אלע יונגעלייט זענען אַריבער לברך ולהתברך, צו נעמען שלום פון רבי'ן שליט"א, ואף הוא עונה כנגד המברכים בצהלת פנים, אנוואונטשנדיג פאר יעדן ברכות לרוב, און דאַן האָט מען באַגלייט רבינו שליט"א מיט גרויס כבוד ביז צו דער קאַר, אונטער דעם טיפן רושם פון די לעכטיגע שעה'ן און די באשיינפערליכע הרחבת גבולי הקדושה וואס מ'איז ב"ה זוכה מיטצולעבן להגדיל תורה ולהאדירה.

## מעמד חתימת השטרות פאַר די נייע "חדרי התּורה והתפלה" פונעם ביהמ"ד החדש

אָבער מיט'ן ענדיגן אָט די מסיבה הנהדרה איז נאך דער טאָג פון הרחבת גבולי הקדושה נישט געווען פאַרטיג, נאָר מ'האָט ווידעראמאל געשפּאַנט מחיל אל חיל, אויסניצנדיג די געלעגנהייט בזמן שהצדיק בעיר, אַוועקצושטעלן די מאַקסימום יסודות פאַר'ן יסוד הרחבת הגבולים להגדיל קהלתינו הק' ולהאדירה.

אצינד איז רבינו שליט"א אַריבער צום שטוב פון הרבני הנגיד המרומם בונה ומקים הרה"ח ר' אברהם בער יאקאבאוויטש הי"ו, סגן ראש הקהל דקהלתינו הק' אין וויליאמסבורג, וועלכער פאַרמאָגט אַ דירה בשכינות פונעם ביהמ"ד, וואו דארט איז פארגעקומען א "מעמד חתימת השטרות" לטובת דעם נייעם ביהמ"ד הגדול אויף שכונת מעריוואָלד.

די פיר חשוב'ע קינדער פונעם סגן ראה"ק, ה"ה האחים הנדיבים המפוארים, מוה"ר משה אהרן הי"ו, מוה"ר זלמן לייב הי"ו, מוה"ר יואל הי"ו, מוה"ר נחום הי"ו, האָבן יעדער פון זיי באזונדער אָפּגעקויפט דעם זכות פון אַ "חדר לתורה ולתפלה" אינעם נייעם ביהמ"ד, יעדער איטליכער איין חדר, וואָס אַזוי אַרום איז אויפאיינמאָל אָפּגעקויפט געוואָרן אַלע פיר הערליכע מייסטערהאפטיגע שטיבלעך, וואָס אַנטשפּרעכן צו זיין ווי באַזונדערע קלענערע בתי מדרשים לתורה ולתפלה.

עס האָט זיך אַנטוויקלט א הערליכער שמועס איבער די אנגייענדע הרחבת גבולי הקדושה, און דאַן האָט מען אַריינגעברענגט לחיים, און די פיר שטרות זענען געוואָרן נכתב ונחתם בטבעת המלך, ווען רבינו שליט"א האָט אַרויפגעשטעלט די גושפנקא דמלכא אויף די שטרות, נאך וואס די נדיבים האָבן גע'חתמ'ט אפּצוקויפן די חדרים פאר קאלאסאלע סומעס, און דאַן האָבן זיי זוכה געווען צו א ברכת הקודש פון רבינו שליט"א, ארבעה צריכים להודות, אז זיי זאָלן בזכות נדבתם זוכה זיין לכל משאלות לבבם לטובה ולברכה לעד ולנצח.

## מסיבה מפוארה לטובת מוסדותינו הק' "יטב לב" בני ברק

פון דאָרט איז רבינו שליט"א צוגעפאָרן צום שטוב פון העסקן הנדיב המפואר, איש גבור חיל העושה והמעשה, הרה"ח ר' יואל שטערן הי"ו, מראשי העיר בלומינגראוו, וממקורבי בית רבינו שליט"א וואָס האָט געהאַט די זכי' צו דינען אַלס משמש בקודש "הויז בחור" ביי כ"ק מרן רבינו שליט"א, וברם יזכר אותו האיש לטוב וועלכער האָט די זכי' שוין די לעצטע עטליכע יאָר, מדי שנה בשנה, אדורכצופירן א מסיבה נהדרה לטובת די הייליגע מוסדות יטב לב אין בני ברק, להחיות נפש צדיק פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואס די מוסדות הק' אין בני ברק גייען בנפשו הטהורה.





עס איז געווען א נחת דקדושה ווידעראמאל צו זען און זיך איבערצייגן דאס אחדות פונעם גאנצן ציבור, ווי הונדערטער אנ"ש תושבי העיר האבן געשטראָמט, אויפ'ן רוף פונעם טייערן עסקן, און למלאות רצונו פון רבינו שליט"א, וואס איז פערזענליך געקומען זיך באַטייליגן ביי דער מסיבה הנהדרה, און אָנגעקוואָלן צו זען ווי דער ציבור שפּערט ב"ה מיט נדבות הגונות ועצומות לטובת די הייליגע מוסדות יטב לב בני ברק, ווען שליסליך ביי די ענדע פון די נאַכט האט זיך ארויסגעשטעלט דער קאלאסאלער סוקסעס ווען די מסיבה איז פאַרענדיגט געוואָרן מיט א "פערטל מיליאָן דאָלער" אין הכנסה פאַר די מוסדות הקדושים!

נאָך אַ לענגערע שעה ארוכה וואָס רבינו שליט"א האָט באַשיינט ביי די מסיבה הנהדרה, איז דער ציבור אַדורך אָפּנעמען דעם ברכת הקודש, און מ'האָט דאַן אַרויסבאַגלייט רבינו שליט"א פונעם שטוב און פון די בליענדע שכונת בלומינגראוו, ווען פון דאָרט האָט רבינו שליט"א זיך אומגעקערט קיין מחנה דברי יואל אין סוואַן-לעיק, נאָכ'ן ווײלן אגאנצע וואָך, משבת לשבת, אין קרית מלך רב קרית יואל המעטירה, פון וואו ס'איז ארויסגעקומען אזא אומגעהויערער חיזוק וביסוס המוסדות לשם ולתפארת, ובזמן שהצדיק בעיר הוא הודה זיוה והדרה, וואָס דער חותם פון די לעכטיגע טעג בלייבט איינגעקריצט ביי אַלעמען אין די הערצער לאורך ימים ושנים!

(זעט באַזונדערן קעסטל באריכט איבער דעם הערליכן שבת וואָס איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אין דעם נייעם ביהמ"ד ברוב פאר והדר, וביום השבת קודש שישו ושמחו.)

## ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ!

דער געהויבענער יום טוב'דיגער טאָג וואָס שכונת בלומינגראוו האט זוכה געווען מיטצולעבן בצלא קדישא עלאה פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, ביי וועלכער ס'איז באשיינפערליך געקומען צום אויבערפלאך די אומגלויבליכע אומגעהויערע הרחבת גבולי הקדושה מיט די מאכטפולע בוי-פראיעקטן וואס גייען אויפהייבן די הייליגע קהלה און די גאנצע עדה הקדושה אנשי שלומינו תלמידים וחסידים מעלות רמות ונעלות, האָט אַריינגעבלאָזן אַן אויסערגעוועהנליכער חיזוק והתחזקות, אַ דערפרישנדער ערמוטיגונג, אַ טל של תחי', אין די הערצער פון כל קהלא קדישא הדין, מיט אַן אחדות דקדושה, כולם אהובים כולם ברורים, לעשות רצון קונם וחפץ צורם.

רבבות אלפי אנ"ש בכל קצוי תבל קוקן זיך צו מיט ברודערליכע פרייד ווי עס פאַרוויקליכט זיך פאַר די אויגן דער "אחותינו את היי לאלפי רבבה", כל רוחות שבעולם לא יזוזו אותנו, דער כח הקדושה, דער כח האמת, דער כח התורה, דער כח הטהרה, דער כח פון רבינו הקדוש זי"ע מייסד העיר הגדולה לאלקים, וואַקסט און בליעט, פאַרשטאַרקט זיך און פאַרפעסטיגט זיך, הולך וגדול עד כי גדול מאוד! קיין כח אויף דער וועלט איז נישט אומשטאַנד דאָס אָפּצושטעלן, ואנחנו בשם ה' אלקינו נזכיר, און אַזוי קוקט מען אַרויס אויף ווייטער אַז דער הייליגער כח זאָל ווייטער באַגלייטן, מיט סייעתא דשמיא, בכוחו ובזכותו של אותו זקן, תחת דגלו והדרכתו של כ"ק מרן רבינו שליט"א, ביז מ'וועט שוין זוכה זיין לביאת משיח צדקינו, ועתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות להקבע בארץ ישראל, בב"א.

אשרי עין ראתה כל אלה! ימין ושמאל תפרוצו ואת ה' תעריצי! ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה!

הנה מה טוב ומה נעים שב"ת אחים גם יחד:

# פריידיגע און גליקליכע אחדות'דיגע אטמאספערע ביי הונדערטער אנ"ש שכונת בלומינגראָוו-קרית יואל אין ערשטן "שבת פתיחת הביהמ"ד"

**וביום השבת קודש שישו ושמחו: פרייליכע שמחות ביי אנ"ש מיט צוויי שמחות קידושא רבא – על"ו מעלות רמות: נדיבי הלב לאָזן זיך קאָסטן גרעסערע געלטער ביים עולה זיין לתורה פאַר'ן כבוד הביהמ"ד – לכבוד ולתפארת: איבערראַשונג ביים ציבור ווי "יעדער דעטאַל" קלאַפּט אויפ'ן שענסטן טאַקט – געהויבענע תפלות אונטער ערנסטע אַטמאָספערע פאַרענדיגט ביי התעוררות'דיגן שלש סעודות – יהי רצון לשבת אחרת כך!**

וביום השבת קודש שישו ושמחו! – ס'האָט נישט גענומען קיין גאנצע 24 שעה זינט כ"ק מרן רבינו שליט"א האט קובע מזוזות געווען על שערי הביהמ"ד החדש במעמד קהל ועדה, ביז ווען דער ציבור אנ"ש תושבי בלומינגראוו זענען זיך ווידעראמאל צונויפגעקומען בין כותלי בי מדרשא הדין, מיט פרייליכע גליקליכע געפילן, דאָסמאָל פאַקטיש צו באַנייען דעם ביהמ"ד החדש מיט די ערשטע שבת'דיגע תפלה, און ברוך ה' דאָרט אָפּגעראָכטן אַן אומפאַרגעסליכן שבת קודש!

"ס'האט זיך ביי אונז אַלע אין האַרץ געשפירט ווי דער אנהויב פון א נייער קאפיטל, א נייע גאלדענע עפאכע", שילדערט אונז מיט התרגשות איינער פון די אָרטיגע תושבים, מיקירי פארי אנ"ש, וויאַזוי עס האבן געשטורעמט די רגשי הלב ביים ציבור אריינשפּאַנענדיג בליל שבת קודש אינעם נייעם היכל, באַלויכטן און באַצירט מיט א שבת'דיגער חן, מיט א סאטמאר'ע ביהמ"ד של תורה ותפלה, וואו מ'וועט קענען בעז"ה דאַווענען און לערנען, און זיך דערהאַלטן אינאיינעם בדרך המסורה לנו.

## ויברכונו בבואם לביתי ביום קדשינו

כד עייל שבתא האָט זיך אָנגעזען אַ שטראם פון אלע עקן און געגענטער, ווען ס'דוכט זיך אויס ווי כל הדרכים מוליכין לפונדק אחד, יעדער שפּאַנט מיט א שבת'דיגע שמחה אויסגעגאָסן אויף די געזיכטער, און אריינקומענדיג אין ביהמ"ד באַגריסט מען זיך, איש את רעהו, מיט א ליכטיגן פרייליכן "גוט שבת", ויפג לבם מלהאמין, אז מ'האלט שוין ב"ה דאָ, מ'קען זיך שוין צונויפקומען אין א רחבות'דיגן בית מקדש מעט, א סאטמארער ביהמ"ד במלוא מובן המילה – ויברכונו בבואם לביתי ביום קדשינו!

דער ציבור האט זיך נישט געקענט גענוג אפּוואונדערן ווי אדאנק די געטרייע כוחות פון די עסקנים האָט מען צוגעשטעלט דאס ביהמ"ד מיט אלע פּיטשוועקעס. ציכטיג-ווייסע טישטוכער, אַן עמוד תפלה, אַן ארון הקודש, סידורים, חומשים, ספרים, ליכט, קאַווע מיט מילך, און אַלע צוגעהערן וואָס אַ ביהמ"ד דאַרף צו האָבן.

די גבאים פון ביהמ"ד, וועלכע זענען קוים נתמנה געווארן צו זייער אַרבעט, האבן שוין אָנגעהויבן מיט אַ שווערע אויפגאַבע... נעמליך, דער שטראם איז געווען פיל העכער ווי דערוואַרטעט, און מ'האט זיך ארומגעזען מיט אַ מאַנגעל אין פלאץ -- שוין ביי דער ערשטער תפלה אין ביהמ"ד!

## תוך אמוני עם סגולה בואו – די ערשטע תפלה בליל שבת קודש

ביי די ערשטע תפלה האבן זיך שוין געציילט א ריזן ציבור, תושבי השכונה, מסלתה ושמנה, דאָס סמעטענע, דער עולם איז אריינגעקומען מיט פרייליכע, אויפגעלייגטע פנימ'ער, מיט אַ שמחה דקדושה, עס האט זיך אנגעזען ווי יעדער איז אויפגעלייגט און איבערגענומען, אז מ'האלט שוין ב"ה דא, שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה, אז מ'האט געקענט באַנייען דעם ביהמ"ד, ומהיום והלאה האט מען אן אייגענעם מקום תורה ותפלה, פאר זיך און די קינדער, וואו מ'קען האבן די רואיגקייט, אַז מ'געפינט זיך בקרב אנ"ש, אחים לדעה, יראים ושלמים, וועלכע האָבן אַלע דעם זעלבן ציל זיך צו פירן אויפ'ן הייליגן דרך אבותינו ורבותינו, בלי שינוי כל דהוא, נאָר בדרך התורה נלך לקדש שם שמים.

מיט תפלת מנחה איז נתכבד געווארן הרה"ח ר' בנציון פריעדמאן הי"ו, וועלכער האט זיך אריינגעצויגן די היינטיגע וואָך אין דער געגענט. מיט קבלת שבת האט מען מכבד געווען הנגיד מוה"ר יואל יאקאבאוויטש הי"ו, בן הרה"ח בונה ומקים מוה"ר אברהם בער הי"ו, סגן ראה"ק דקהלתינו הק' אין וויליאַמסבורג.

די ערשטע תפלה בליל שבת קודש איז פאריבער מיט א גרויס דערהויבנקייט, און נאָכ'ן דאווענען האט זיך אנגעזען די גוטמוטיגע אויפגעלייגטקייט ביי אלע מתפללים, וועלכע האבן זיך קובע מקום געווען, באקוועם געמאַכט מיט א פלאַץ, ווען די גבאים שטעלן קלאָר אַז צוליב דעם גרויסן אָנלויפעניש דעם ערשטן שבת, וועט מען אי"ה אין די נאָענטע טעג אַרבעטן מיט אלע כוחות צוצושטעלן זיצן פאַר יעדן איינעם לויט די בעסטע מעגליכקייטן. דער ציבור איז אריבער גוט שבת זאגן פאר'ן דיין שליט"א וועלכער איז אזוי מקושר מיט'ן ציבור בקשר עליון דאורייתא.



## וביו"ם השבת שישו – דער שמחה'דיגער דאווענען שבת צופרי

בצפרא דשבתא איז געווען דער קלימאקס פונעם גרויסן שבת קודש, מיט דער באטייליגונג פון א ריזן ציבור, ובתוכם אנשים חשובים, אנשי שם, וועלכע זענען געקומען מיטהאלטן די הערליכע מאמענטן בקרב קהלתינו הק', ווען עס שנירט זיך אַזוי הערליך די קייט פון הרחבת גבולי הקדושה. פאַר'ן דאַווענען איז פאָרגעקומען דער וועכנטליכער שיעור פונעם דיין הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א, וואס האט אנגעהויבן מיט א פרישקייט און געצויגן א שיינעם ציבור וואס האבן שטארק הנאה געהאט פונעם שיינעם שיעור.

שבת צופרי איז פארגעקומען צוויי שמחות אין ביהמ"ד ביי אנ"ש תושבי השכונה, די שמחות הקידושא רבא לרגל בת הנולדה למזל טוב אצל האברך מו"ה ר' צבי אליעזר קאהן און האברך מו"ה ר' אלימלך דוב אראן הי"ו. די גבאים האבן פרובירט מיט די בעסטע מעגליכקייטן יעדן איינעם מכבד צו זיין כפי ערכם וכבודם.

מיט תפלת שחרית איז נתכבד געוואָרן הרה"ח ר' משה אר"י קאהן הי"ו, פאָטער פונעם בעל שמחה מוה"ר צבי אלעזר הי"ו, און מיט תפלת מוסף הגה"צ הדומ"ץ שליט"א וועלכער האט פארגעדאווענט מיט גרויס התעוררות.

## על"ו מעלות רמות – נדיבים בעם לאזן זיך קאָסטן להצלחת הביהמ"ד

בעל קורא איז געווען מוה"ר צבי אליעזר קאהן הי"ו, דער בעל שמחה, און ביי די עליות האָט מען מכבד געווען די חשוב'ע אנשי שם און נדיבים בעם וועלכע האבן גע'שנדר'ט גרעסערע סכומים פאַר'ן הצלחת וקיום הביהמ"ד.

צווישן די גרעסערע נדבות איז געווען: הנגיד מוה"ר יואל בן הרה"ח ר' אברהם בער יאקאבאוויטש הי"ו; הנגיד מוה"ר לוי יצחק שווארץ הי"ו חבר הנהלת ק"ק קרית יואל; הנגיד מוה"ר משה בר"ש קרויס הי"ו מחשובי תושבי השכונה, הנגיד מוה"ר יעקב חיים כ"ץ הי"ו חבר הוועד קרן הבנין; דער בעל שמחה מוה"ר משה אר"י קאהן הי"ו, און מוה"ר יושע אליעזר שטויבער הי"ו, מזכיר קהל יטב לב קרית יואל.

באַזונדער האָט דער ציבור באגריסט מיט גרויס הנאה די גרעסערע נדבה פאַר'ן אוצר הספרים וואָס עס האט מנדב געווען הרבני הנגיד הנכבד המרומם הרה"ח ר' יעקב הכהן רובין הי"ו, חבר הנהלת התאחדות אברכים וזכרו אין וויליאַמסבורג, וועלכער האט זיך באַטייליגט ביי די תפלות במשך השבת קודש.

נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען די קידושא רבא לרגל די שמחות ביי אנ"ש, און ס'איז געווען הערליך צוצוקוקן ווי יעדער איינער פרייעט זיך מיט איינער מיט'ן צווייטן, באהבה ואחוה שלום ורעות.

## כל ישראל יש להם חלק – הערליכער פרק שיעור פונעם דיין שליט"א

שבת נאכמיטאג איז פאָרגעקומען א הערליכער "פרק שיעור" דורך הגה"צ הדומ"ץ שליט"א מיט דער באַטייליגונג פון א שיינעם ציבור, וואו דער דיין האָט הערליך אַרומגערעדט מיט שיינע דברי הכנה לימים נוראים, חודש אלול און לכבוד פתיחת ביהמ"ד האָט דער דיין שטאַרק מעורר געווען איבער קביעת עתים לתורה און נאך, וויאַזוי דאָס געשטעל פון ביהמ"ד דאַרף זיין אַוועקגעשטעלט מיט די ריכטיגע כוחות, און יעדער זאָל זען קובע מקום זיין בכל יום תמיד דייקא צווישן די כותלי הביהמ"ד.

## בני היכלא דכסיפין – תפלת מנחה וסעודת רעוא דרעוין

דערנאך האט מען געדאַווענט מנחה און דאן איז געפראוועט געווארן שלש סעודות, אויף א הערליכן שיינעם פאַרנעם, בני היכלא דכסיפין דער גאנצער ציבור איניינעם מיט'ן דיין שליט"א, פראוועדיג א ריכטיגער "סאטמארער שלש סעודות" שבת אחים גם יחד, אונטער א היימישער אטמאספערע, וואס אויף דעם האט מען דאך שוין אזוי לאנג ארויסגעקוקט, און אז אצינד אז מ'האט דערצו זוכה געווען איז די שמחה געווען עד אין לשער.

עס איז געווען אַן עונג רוחני ווי לאנגע רייעס זענען מיט צענדליגער חשוב'ע יונגעלייט וועלכע זינגען די זמירות מיט אזא התעוררות און האלטן מיט די ווארימע שלש סעודות תורה במשנתו של מרן רביה"ק זי"ע, מיט א ריכטיגן כבוד בית ה'.

## כי ביתי בית תפלה יקרא – כה יתן וכה יוסיף!

נאָכפאָלגענדיג דעם שבת קודש האָט דאָס ביהמ"ד וויטער פאָרגעזעצט צונויפצונעמען דעם ציבור אין די וואָכן-טעג, ווען די שערי הבית זענען פתוחים לרווחה, ללימוד התורה, מניני תפלה, חברותות, שיעורים און הוראה מדי לילה בלילה דורכ'ן דומ"ץ שליט"א אינעם ספעציעלן "חדר הוראה" וואָס איז שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א "תל תלפיות" פאַר אלע אברכים פון דער אומגעגנט לדרוש את דבר ה' בייַ געהויבענעם דיין. אַזוי אויך ווירבלען און פיבערן די מנינים, און דער ציבור דערקוויקט זיך פון די אלע צוגעשטעלטע רוחניות'דיגע סערוויסעס.

אַזוי אַרום האָט דאָס פתיחת שערי הביהמ"ד החדש זוקף געווען את ראשם פון די הונדערטער אברכי קהלתינו הק' תושבי בלומינגראָו-קרית יואל, וועלכע האבן ביז היינט אזוי ארויסגעקוקט צו קענען זיך קובע מקום זיין אין א "סאטמארער ביהמ"ד" צו דאווענען מיט די קינדער, אונטער די ערליכע ריינע השקפה און אטמאספערע פון א ביהמ"ד תחת דגל מחנה קהלתינו הק', און אצינד מהיום והלאה שטייט דאָס פולקאָם גרייט ומן הבית הגדול והקדוש הזה תצא תורה ותפלה, ביז מ'וועט זוכה זיין בעזה"ה בקרוב צו באַנייען דעם אויג-פאַרכאַפנדן פערמאַנענטן בית גדול רם ונשא לתפארת כל קהל עדתינו, ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ להגדיל קהלתינו הק' ולהאדירה ביתר שאת וביתר עז, עד ביאת גואל צדק ומלכינו בראשינו בבב"א.

זה היום קווינו לו – ויִלכו מחיל אל חיל!

## כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א באזוכט פארשריט ביי די שטחי הקהלה וואו עס בויעט זיך אויף די בנינים אדירים







**קופת קהילתינו**

בעד עמך שאלי:

# גרויס ווארימקייט ביי חברי קהל בני יואל ד'סאטמאר אויסצולייזן טשעקלעך ביים גרויסארטיגן קאמפיין דורך 'קופת קהלתינו' צום בעפארשטייענדן זמן שמחתינו הממשמש ובא

**- ספעציעלע געלעגנהייט פאר נדבני ותומכים ארויסצושרייבן לע"נ ולזכות אויף די טשעקלעך וואס וועט פארטיילט ווערן לכבוד יו"ט -**

די בארימטע קופת קהלתינו שע"י קהל בני יואל ד'סאטמאר גרייט זיך אצינד ווידעראמאל צום גרויסן חלוקה צו די זמן שמחתינו חג הסוכות הבעל"ט. און צו דעם צוועק איז באשטימט געווארן א ספעציעלע גרויסארטיגע קאמפיין מיטן סלאגאן וועלכע רופט און פאדערט יעדן חבר הקהלה אינערהאלב קהל בני יואל ד'סאטמאר און קהל חרדים ד'סאטמאר 'אויסצולייזן טשעקלעך' דאס צו מאכן פעליג און גרייט אפצושיקן אין די פאסט דאס צו פארטיילן בעוד 'מועד' נאך בעפאר די פארנומענע ימים טובים סעזאן.

די שרעקליכע פלאגענישן וואס פארשווערט פאר פילע משפחות איז ליידער א פאקט, די קאסטן פון טאג טעגליכע פראדוקטן טוט דראסטיש שטייגן און זיך הייבן גאר שנעל און אגרעסיוו איבערהויפט ווען עס קומט צו די הוצאות החג איז דאס למעלה מראש און פילע אנשי שלומינו זענען נישט ביכולת צו דעקן דאס וויכטיגסטע און מינימאלסטע, און זיי קוקן דרינגענד ארויס אויף פינאנציעלע שטיצע וואס זאל זיי ארויסהעלפן מיט די גרויסע הוצאות.

מיט א פשוט'ע חשבון ווען עניי עירך קודמין און חברי הקהלה קודמין אויף וועמען דען קוקן זיי ארויס און אויף וועמען דען ליגט די חיוב אויב נישט אויף די אייגענע נאנטע ידידים און חברי קהלתינו הק' צו פארזיכערן א שמחת יו"ט פאר אלע אנ"ש, ווען עס קומט בעפאר יו"ט ליגט א חיוב אויפן גאנצן ציבור 'ידאגו כל בני החבורה' צו פארזיכערן א הרחבת הדעת פארן יעדן איינציגסטן חבר קהלתינו הק'

פאר דעם צוועק איז געגרינדעט געווארן דורך הרבנים הגאונים דייני קהלתינו הק' די בארימטע "קופת קהלתינו" וואס שטייט אונטער די אויפזיכט פון די געטרייע ראשי הקהלה צו פארזיכערן בעז"ה א רואיגע יו"ט דורך אריינברענגען א שמחת יום טוב פאר אלע אנ"ש דורכ'ן שענקען פילע טשעקס לכבוד יום טוב.

די קופה האט ב"ה געזען א געוואלדיגע הצלחה דעם פארלאפענעם ערבי פסחים ווען מען האט באוויזן אריינצוברענגען א סכום גאר אסטראנאמיש צו פארטיילן מיט א ברייטע האנט. פאר געבענטשטע משפחות תושבי עירינו און פאר משפחות מיעוטי יכולת. און אצינד גרייט מען זיך מחיל אל חיל פארצוזעצן און ממשיך זיין פילפאכיג צו די זמני יו"ט הממשמש ובא

ווי איז פארהאן א בעסערע הכנה צום יום הדין ווי קענען דערפרייען און שטיצן צו ערמעגליכן אונזערע אייגענע ברודער און נאנטע. עס ליגט די פליכט אויף אונז כי אחינו בשרינו הוא ולא יוכל להתעלם ווען עס קומט אונטער אזעלכע הוצאות יום טוב. און עס איז אונזער פליכט זיי ארויסצוהעלפן מיט סכומים הגונים

יעדער יחיד וועט העלפן דעקן א טשעק לפי יכלתו, און אזוי ארום וועט מען קענען אויסטיילן פילע נתינות אויפ'ן קומענדיגן ימים טובים סעזאן. צו דעם איז אויפגענומען געווארן א ספעציעלער ועד, הלא הם הרה"ח ר' קלמן ווייס הי"ו, הרה"ח ר' מרדכי לייב דייטש הי"ו, הרה"ח ר' יצחק וויינשטאק הי"ו, הרה"ח ר' אליעזר ברי"מ וואלדמאן הי"ו וועלכע וועלן בע"ה אנווארימען די הערצער פון אנשי שלומינו צו ביישטייערן מיט סכומים הגונים איש איש כפי מתנת ידו.

עס איז צום האפן אז יעדער וועט זיך ווארים אנשליסן, און דעקן א טשעק לויט זיין יכולת, און לכה"פ דעקן א דריטל פון א קלענערע טשעק מיט 166 דאלער. אויך ווערט געגעבן די געלעגנהייט צו ארויפשרייבן אויפ'ן טשעק לעילוי נשמת, לזכות הנדבן החשוב וכדו' וואס דער זכות איז אומשאצבאר און וועט זיין א געוואלדיגע עילוי פאר די נשמות.

באזונדער טוט די קופת קהלתינו הק' אפעלירן צו די חשוב'ע נדיבים בעלי יכולת זאלן ביישטייערן און דעקן מערערע צו עטליכע טשעקס, און דערמיט ארויסהעלפן די עסקנים דעקן די פילע סכומים וואס וועלן פארטיילט ווערן.

עס איז זיכער אז דער זכות פון אריינברענגען א שמחת יו"ט וועט מגין זיין און זיין א פרקליט בשמי מעל ביים יום הדין ושמעתי כי חנון אני. ואם אתה משמח את שלי אני משמח את שלך זוכה צו זיין צו א כתיבה וחתימה טובה פאר זיך און פאר די גאנצע משפחה

**יעדער נעמ"ט א טשעק!**

וישן מפני חדש תוציאו:

# בנין אויפן גרויסן שטח אויף העים איינגעווארפן צו קענען צוטרעטן צום אויפבוי פארן נייעם ביהמ"ד ציעשנוב





# וַיֶּרֶב בְּבַת יְהוּדָה תַּאֲנִיָּה וַאֲנִיָּה

רצוצים ושבורים, כי בא השמש בצהרים, בשמועה המחרידה ונמס כל לב

הרבני החסיד שייף עייל ושייף נפיק וגריס באורייתא תדירא ולא החזיק טיבותא לנפשי'

# מוה"ר צבי יהודה ב"ר יוסף וויינשטאק ז"ל

עבד לעבדי ה' משמש בקודש אצל מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זצוקללה"ה
וזכה ליקר וגדולה להמשיך אצל יבלחט"א מ"מ כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

שנקטף באסון נורא למגינת לב כל בית ישראל המבכים מרה את השריפה אשר שרף ה'

## לן יאי למבכי, לן יאי למספד!

על האי שופרא דבלי בארעא קא בכינא, בהעלותינו על לבבינו רב טובו וחסדו כאשר חיבה יתירה הי' נודעת לו למצבר קהלתינו הק'
ובפרטיות בזמנים האחרונים, כאשר ראה בפריחת קהלתינו הק' והרחבת גבולי' עמד לימיננו
בכל נימי נפשו בהצנע לכת בנדבותיו העצומות להרחיב גבולי הקדושה פק"ק קרית מלך רב
ותמך וחיזק אותנו למען המשכת כח הקדושה תחת רגלו והדרכתו של יבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**ועתה אהה כי איננו, עמוק מאוד צערינו, ידיד נאמן נעדר מאתנו**
**איש יקר אבדנו, אבל גדול היא לקהלתינו!**

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים, והלך לפניך צדקך, ויגן בעדו בגנזי מרומים!
הוד והדר פעלו וצדקתו עומדת לעד!

נחמו נחמו יאמר אלקיכם!
תנחומי' ישעשעו נפשם בנפשי סוער

בניו החשובים והיקרים, מוהר"ר פנחס ישעי' הי"ו, מוהר"ר יואל יצחק הי"ו,
מוהר"ר אליעזר דוד הי"ו, בתו אשת מוהר"ר משה ראטה הי"ו
אחיו הרה"ח ר' יחזקאל שרגא שליט"א
אחיו הרה"ח ר' אליעזר שליט"א
אחותו אשת הרה"ח ר' שלמה גליק שליט"א
וכל המשפחה החשובה שיחי'

בשורת המתאבלים בלב נשבר וקרוע על גודל ועוצם האבידה הנוראה
**הנהלת הקהלה**

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

# קהל יטב לב סאטמאר
## קרית יואל



ב"ה

# קריאה ובקשה לנדיבי לב
## לקראת חג הסוכות

אל מעלת כבוד אנשי שלומינו וחברי קהלתינו הק'

אזוי ווי מיר שטייען יעצט בשלושים יום שקודם החג וואס עס ווערט געפסק'נט אין שו"ע אז שואלין ודורשין בהלכות החג, און אזוי אויך שטייען מיר בימי הרחמים והרצון וואס יעדער איינער איז מרבה בצדקה וחסד צו קויפן זכוית פארן יום הדין הבעל"ט.

כידוע לכולנו זענען מיר אריבער נישט קיין לייכט יאר, ובנוסף לזה האבן מיר דאס יאר געזען **א העכערונג אין די פרייזן פון זייער אסאך פרודוקטן וואס זענען געשטיגן פיל פאכיג עשרת מונים אין ליכט פון די גלאבאלער מצב**, און דאס האט צוגעברענגט אז אסאך אנשי שלומינו דארפן צוקומען צו אונזער הילף אויף צו קענען אריינברענגען דעם יו"ט מיט הרחבת הדעת כראוי.

**דערפאר מוזן מיר היי יאר פיל פאכיג פארברייטערן די יערליכע סוכות חלוקה.** די הנהלת הקהלה האבן זיך אריינגעלייגט דאס צו פארגרעסערן און פארשטערקערן זיכער צו מאכן אז יעדער חבר הקהילה זאל קענען אריינברענגען דעם יו"ט כראוי וכיאות.

דעריבער טוען מיר ארויסקומען מיט

# אַ גרויסאַרטיגע אַפּיעל פאַר די גרויסע "סוכות חלוקה"
## לקראת חג הסוכות תשפ"ג לפ"ק

און עינינו נשואות אליכם, שכן חובת כל אחד ואחד

**אז מען זאל צושטיין צו די האַנט און ביישטייערן ביד רחבה און זיכער מאכן אז יעדער איינער זאל קענען אריינקומען צום יום טוב מיט א פרייליכע געמיט.**

**איר קענט שטענדיג אריינרופן אויפ'ן טעלעפאָן 845-783-5688 #9 און געבן אייער נדבה**

אדער איבערגעבן פערזענליך פאר אונזער גבאי הקופה
**ר' יואל משה בארלעוו הי"ו 845-662-5656**

די גבאים אין מיר עסקני הקופה וועלן אי"ה ארומגיין צווישן דעם עולם אפנעמען אייערע ווארימע נדבת הלב און מיר בעטן בכל לשון של בקשה אז מען זאל זיי אקעגן קומען מיט שיינע סכומים אז מיר זאלן קענען אינאיינעם פארזיכערן א פרייליכע יו"ט פאר אלע חברי הקהילה.

ויה"ר בזכות די כח הצדקה, זאלן מיר זוכה זיין צו א כתיב וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר ולשנת גאולה וישועה בביאת גוא"צ ומלכינו בראשינו בב"א.

בכבוד רב
**הנהלת הקופה**

# קופת הקהלה
**למען נצרכי אנשי שלומינו**
דקהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל

**חברי הנהלת הקופה:**
מו"ה אלטר ישראל חיים קרויס הי"ו
מו"ה חיים יושע הערמאן הי"ו
מו"ה אברהם נחמן מייזעלס הי"ו
מו"ה יקותיאל מאיר גראס הי"ו

**גבאי הקופה:**
מו"ה פישל פריינד הי"ו
מו"ה יואל לעפקאוויטש הי"ו
מו"ה יוסף לייב כהנא הי"ו

**יושב ראש:**
מו"ה יואל משה בארלעוו הי"ו

**Kipas Hakehilah**
of Cong Yetev Lev D'satmar
**8 Garfield Rd. #002**
Tel. **845-783-5688 #109**
Fax. **845-783-4995**
Email. **Kipa@cylkj.org**

ישמח משה במתנת חלקו - ישמח לב מבקשי ה':

# פרייד פון הרחבת גבולי הקדושה אין שכונת סעקשאן 4 צום ערעפענונג פון פרעכטיגן ביהמ"ד "ישמח משה" דק"ק קרית יואל אלס פולשטענדיג "מנינים צענטער" מן הבוקר עד הערב

לפאר לרומם להדר ולנצח:

## בית המדרש צוגעשטעלט אויפ'ן העכסטן סטאנדארט מיט הערליכע היכל הלימוד "היכל ישכר בעריש" פרעכטיגע חדרי התפלה, מקוה מפוארה, קאווע שטיבל, שמש שטיבל צו סערווירן די הונדערטער מתפללים אויפ'ן שענסטן און בעסטן פארנעם

**קרית יואל רבתי - די ווערטער "ורגלי מוליכות אותי לביהמ"ד", זאגט זיך מיט גרויס שמחה וחדוה דקדושה צווישן די הונדערטער תושבי שכונת 'סעקשאן 4' און דער גאנצער אומגעגנט נאך וואס מיט גרויסע סייעתא דשמיא גרייט מען זיך צום פולשטענדיגן פתיחת השערים און ערעפענונג פונעם נייעם פרעכטיגן ביהמ"ד "ישמח משה" דק"ק סאטמאר אין קרית יואל אויך בימות החול.**

### ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה

אין די צייט הערט זיך פון תושבי קרית יואל רבתי דער פריידיגער אויסדרוק פון "ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה", אז מען איז ב"ה זוכה צום דעם מאמענט אז מען עפנט מען שוין דעם פולשטענדיג אוועקגעשטעלטן "מנינים צענטער" אין צענטער פון שטאט. און עס רעדט זיך נישט דא פון "נאך א מנינים צענטער", נאר עס רעדט זיך פון א צענטער לתורה ותפלה, א תל תלפיות צוגעשטעלט מיט אלע פיטשעווקעס און צוגעהערן פאר די ימות החול.

### ביהמ"ד החדש דקהל יטב לב "ישמח משה" - היכל ישכר בעריש

דער נייער פרעכטיגער צענטער לתורה ותפלה איז געבויעט געווארן בנדבת לבו פונעם געטרייען איבערגעגעבענעם ראש הקהל הרבני הנגיד והנכבד מוה"ר מענדל שווימער הי"ו וואס יומם ולילה לא ימוש פון עוסק זיין פאר די הצלחה פון עיר עוז לנו קרית יואל רבות בשנים, ר' מענדל באגניגט זיך נישט מיט דעם וואס ער העלפט ארויס און טוט כל מה שביכלתו צו רוקן די גרויסע פראיעקטן, נאר ער לאזט זיך זאגאר קאסטן שווערע מיליאנען דאלארן פון זיין אייגן געלט צו בויען פרעכטיגע און מעכטיגע בתי מדרשים דקהלתינו הק'.

בעצם האט זיך שוין דער נייע פארגרעסערטער היכל הביהמ"ד געעפענט מיט עטליכע חדשים צוריק, אין די ערשטע געלעגנהייט וואס איז נאר געווען שייך, ווען די הנהלת הקהלה וואס גיט זיך שטענדיג איבער בלב ונפש פאר די טויזנטער אנשי שלומינו איבער'ן גאנצן שטאט און אלע געגנטער ארום, האט געהאט פאר זיך איין איינציגן ציל, נעמליך אז די אייוואוינער פון "שכונת סעקשאן 4" און ארום זאלן האבן א הערליכע מאיעסטעטישע בית המדרש אויפ'ן שענסטן און בעסטן פארנעם צום ערשטן געלעגנהייט וואס נאר מעגליך.

תיכף ווען די הויפט וויכטיגע צוגעהערן וואס א ביהמ"ד, דאס רעכנט אריין דער היכל הביהמ"ד, טישן, בענקלעך, טויזנטער ספרי קודש און קאווע שטיבל זענען געווארן אהערגעשטעלט ווי עס דארף צו זיין מיט'ן העכסטן סטאנדארט און 'גאלדענעם זיגל' פון קהלה קדושה "סאטמאר קרית יואל" האט מען ב"ה געעפענט די שערי הביהמ"ד לשמחת לב כל אנשי שלומינו.

תיכף נאך די עפענונג מיט עטליכע חדשים צוריק האט זיך טאקע אנגעזען א פרישע פלייץ פון מתפללים פון נאענט און ווייט וואס האבן זיך קובע מקום געווען אינעם נייעם רחבות'דיגן ביהמ"ד וואס ווערט געפירט דורך דעם איבערגעגעבענעם דומ"ץ הביהמ"ד הגה"צ רבי בערל ראזענבערגער שליט"א, וואס איז שוין עומד לשרת בקודש פאר די מתפללי הביהמ"ד מיט א מסירה נאמנה זינט דאס גרינדונג

די תושבי השכונה האבן שוין יארן לאנג די געלעגנהייט און זכי' צו דאווענען אין דעם ערנסטן ביהמ"ד, א ביהמ"ד וואס מען רעדט נישט ביים דאווענען, א ביהמ"ד וואו די געטרייע איבערגעגעבענע גבאי הביהמ"ד נעמען יעדן מתפלל אויף בסבר



פנים יפות און שטעלן צו פאר יעדעם א פלאץ, א ביהמ"ד וואס איז ב"ה צוגעשטעלט אויפ'ן שענסטן פארנעם דער ביהמ"ד איז אבער געווען צר מהכיל במלוא מובן המילה, עס איז נישט געווען קיין פלאץ וואו צו זעצן די פרישע תושבי השכונה, עס איז נישט געווען קיין פלאץ וואו צו זעצן די צאן קדשים וואס זענען אונטערגעוואקסן בליעה"ר.

טאקע צוליב דעם זענען די זעלטענע איבערגעגעבענע ראשי קהלה בראש פונעם געטרייען ראש הקהל ר' מענדל אנטקעגן געקומען די תושבי השכונה און נעתר געווען לבקשתם און זיך ארייגעלייגט אין די לענג און ברייט צו אהערשטעלן דעם נייעם פרעכטיגן ביהמ"ד לתורה ותפלה, וואס האט אפגעקאסט א הון תועפת.

זעלבסטפארשטענדליך ווי עס איז דער סדר הקבוע ביי די איבערגעגעבענע חברי הנהלת קהלתינו הק' איז מען קיינמאל נישט צופרידן פון זיין א 'עומד', נאר אדרבה, אלץ ווערט מען מטכס עצה זיין וואס נאך קען מען מאכן בעסער, וואס נאך קען מען מאכן שענער, וואס נאך קענען מיר צושטעלן לטובת אנשי שלומינו. און טאקע דא איז מען געגאנגען מעלין בקודש.

מיט'ן נייעם ביהמ"ד איז דער אומגעגנט נישט בלויז ארויף איין שטאפל, מיט'ן באקומען אזא שיינע צוגעשטעלט ביהמ"ד כליל בהדרה, נאר דער גאנצער אומגעגנט איז 'עלה מעלות רמות', עס איז ארויף עטליכע שטאפלען, מיט דעם וואס די הנהלת הקהלה האט צוגעשטעלט דעם הערליכן נייעם מקוה פאר'ן גאנצן אומגעגנט, און נישט בלויז פאר שבתים וימים טובים, נאר א פולשטענדיגע מקוה וואס וועט בעז"ה שטיין צו דינסט פאר די הונדערטער תושבי השכונה יעדן טאג פון יאר.

## הביאנו המלך חדריו – א דעטאלירטער באריכט פונעם נייעם ביהמ"ד

אצינד וועלן מיר גיין אויף א באזוך אינעם נייעם היכל גדול לה' אויסצושמועסן אלע דעטאלן פונעם נייעם ביהמ"ד און "מנינים צענטער" פון דער גאנצער אומגעגנט.

די צוויי צענטראלע הויפט רחבות'דיגע טירן פירן אריין צו א הערליכע 'פרוזדור' וואס איז איבערגעדעקט מיט הערליכע מארבל שטיינער פון טייערסטן סארט, דער רונדיגער דאך באגלייט מיט שיינענדיגע באלייכטונגען פון דערזייט איז מאיעסטעטיש דעזיינט געווארן צום געבן דעם ריכטיגן זה קלי ואנוהו צום בית המקדש מעט.

דאן קומט מען אן צום נייעם מקוה מפוארה וואס איז געווארן אהערגעשטעלט אויפ'ן שענסטן פארנעם מיט די נייעסטע ערפינדונגען צו פארזיכערן דאס מערסטע באקוועמליכקייט פאר די תושבי השכונה. די מקוה ווענט זענען איבערגעדעקט מיט הערליכע טיילס, אזוי איז דער פלאר איבערגעדעקט מיט א הערליכע סארט אויסוואהל פון שטיינער, וואס אינאיינעם גיט עס די ריכטיגע מלכות'דיגער בליק פאר א ביהמ"ד וואס ווערט געבויעט דורך ק"ק קרית יואל. די מקוה איז צוגעשטעלט מיט פילע שויערס און אלע צוגעהערן לטובת המתפללים זיך צו קענען מקדש ומטהר זיין להתפלל אל הבורא ברוך הוא.

דער ביהמ"ד פארמאגט א פולשטענדיג צוגעשטעלטע 'שמש שטיבל', וקאס ווערט אנגעפירט דורך דער געטרייער משמש מוה"ר משה יאקאבאוויטש הי"ו, וואס האט זיך שוין ארויסגעשטעלט צו זיין א ריכטיגע עושה ומעשה ווען ער טוט זיין ארבעט באמנות. דער שטיבל וועט פארמאגן אלע צרכים פון ווייַן, ביז ציצית און קאפלעך מיט אלעס אינדערמיט.

באזונדער איז הערליך צוגעשטעלט אלע 'קאווע געברויכן', זיך צו קענען דערכאפן דאס הארץ אינדערפרי און ביינאכט צו קענען קונה זיין דעם שיעור בגמרא, שו"ע וחסידות.

דאן קומען מיר אן צום היכל הביהמ"ד. דער היכל פרעכטיג און שיין און גיבט דער ריכטיגער מאיעסטעטישער געפיל ווען מען קומט דארט אריין. א הויכע דאך, הערליכע טיילס איבער די ווענט מלמעלה למטה מיט גרויסע רחבות'דיגע פענסטערס וועס ברענגען אריין ליכטיגקייט דעם נאטירליכן אור וואס דער זון שיינט ארויס משמי מרום.

א פרעכטיגער ארון הקודש מיט שיינע באלייכטונגען באשיינט דעם צד המזרח ארויסצוברענגען די ריכטיגע קאלירן און פראכט לכבוד הספר תורה שמונח בתוכו. אויף מערב זייט איז דא הערליכע ספרים שענק אנגעפילט מיט טויזנטער ספרי קודש, אלע זענען נייע ספרים וואס זענען איינגעקויפט געווארן נאכצוקומען די פארלאנג פון די לומדים און באי ביהמ"ד.

א שלוות הנפש און רואיגקייט געבט א רחבות, ווען דער מקום איז ב"ה גענוג גרויס בהרחבה אז יעדער קען זיצן מיט די קינדער ארום און דאווענען מיט א קאך און ברען כראוי וכיאות. אזוי אויך איז ארייגעלייגט געווארן קאפ און מח צו אהערשטעלט הערליכע באלייכטונגען, שענדאלעירס און 'ספאט לייטס' וואס זאלן ארויסגעבן דעם ריכטיגן אור צו קענען דאווענען און לערנען מיט א דעה צלולה.

אין לויף פונעם וואך ווערט א חלק פונעם היכל הביהמ"ד פארוואנדלט אין א חדר התפלה ואו עס שטעלן זיך כסדר מנינים מנחה מעריב, און קומענדיגע וואך און ווייטער וועט עס אויך זיין פאר מניני שחרית בעז"ה.

באזונדערע חדר התפלה אויף מערב זייט פונעם ביהמ"ד וואס שטייט במשך די ימות החול אלס א רחבות'דיגער חדר התפלה, בעת וואס דער צענטראלע היכל הביהמ"ד ווערט צוגעשטעלט אלס א 'היכל הלימוד' צו לערנען תורה מתוך הרחבת הדעת. און טאקע במשך די פארלאפענע שטיק צייט איז דער ביהמ"ד פול יעדע נאכט מיט פילע לומדים וואס זענען עוסק בתורה און ברענגען אריין א הילכיגער קול תורה אינעם ביהמ"ד מדי לילה ולילה.

אין די זעלבע צייט דארף ארויסגעברענגט ווערן לשבח די געטרייע ארבעט וואס די גבאי הביהמ"ד לייגן אריין מדי יום ביומו מן הבוקר עד הערב צו פארזיכערן דאס הצלחה פונעם ביהמ"ד ביתר שאת ויתר עוז, ה"ה דער געטרייער גבאי מוה"ר לייב גליק הי"ו וואס טוט זיין ארבעט מיט'ן גרעסטן מאס געטריישאפט צופרידן צו שטעלן אלע מתפללים, און פארזיכערן אז אלעס קלאפט על אופניו יעדן טאג, וגם לרבות שבת ויום טוב, ווי שוין פריער דערמאנט דער משמש מוה"ר משה יאקאבאוויטש, מוה"ר מאיר שטיינפעלד הי"ו וואס שטייט שוין לשרת את אחיו מתפללי הביהמ"ד נאך פונעם 'ערשטן טאג' זינט דער ביהמ"ד איז געעפענט געווארן, ועוד ידו נטוי' רבות בשנים מיט א מסירה נאמנה.

## אויסטערלישע הרחבת גבולי הקודשה - פון איין פראיעקט צו צווייטן

ווי דערמאנט איז דער נייער ביהמ"ד "ישמח משה - היכל ישכר בעריש" געווען דער הויפט ציל פון די געטרייע הנהלת הקהלה עס צוצוענדיגן ווי אמשנעלסטן. עס איז נישט פארהאן דער ווערטער בוך וואס זאל ריכטיג קענען אראפגעבן די געטריישאפט פון די הנהלת הקהלה וואס בו בזמן זיי זענען געווען פארנומען מיט די בוי ארבעט פון ביהמ"ד ישמחה משה האבן זיי געהאט נאך עטליכע הרחבת גבולי הקדושה פראיעקטן וואס זענען ביי זיי אויך געווען 'דער הויפט ציל', ממש יעדער פראיעקט באזונדער ווערט באהאנדלט ווי א 'בן יחיד'.

אין יעדע פראיעקט ווערט ארייגעלייגט כח און מח, אן א שיעור מחשבה, אן א שיעור געלט אלעס לטובת די טויזנטער חברי קהלתינו הק'.

## כן ירבה וכן יפרוץ לארכה ולרחבה

עס איז נישט צום באשרייבן די פריידיגע הרחבת גבולי הקדושה געפילן מיט וואס אנשי שלומינו זענען ארומגענומען ב"ה, עס לאזט זיך נישט גלייבן אז ממש טאג נאך טאג ווען מען ערוועקט זיך אינדערפרי קען מען פארן לארכה ולרחבה איבער אלע געגנטער פונעם שטאט און אנטרעפן צענדליגער שטאב מאנשאפט ארבעטן אן אפשטעל ברג"ש, אויף די פילע פראיעקטן אנגעפירט דורך די געטרייע מסירות נפש'דיגע הנהלת הקהלה.

עס איז דער וואונטש פון אלע תושבי העיר אז דער גאלדענער קייט פן הרחבת גבולי הקדושה וואס וואקסט און בליעט, זאל ווייטער וואקסן אויף א שטארקן פארנעם און ארויסגעבן הערליכע פירות, בנינים אדירים, מבצרים אדירים שמשם יוצא הוראה לישראל, ומשם יוצא טויזנטער שעות תורה ותפלה מדי יום ביומו, עדי נזכה לביאת משיח צדקנו ומלכינו בראשינו בב"א.

**כי בית בית תפלה יקרא!**



די הערליכע בור הטבילה אינעם נייעם מקוה וואס שטייט צום דינסט פאר די גאנצע שכונה





פינישינגס אינעם קארידאר און אינעם ווייבער שול עס אהערצושטעלן כראוי וכיאות

בס"ד

עת לפרוע

אם לא עכשיו, אימתי?

אלול תשפ"ב
קהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל

# צאלט אייער באלאנס יעצט

עס איז דאך
דער עת לפרוע!

# געווינט



ווערד פון $1,500
ביי די בארימטע

Livio furniture

- איר גייט אריין אינעם גורל דורך האבן א 0 באלאנס
- אדער מיטן צאלן $100 אויפ'ן חשבון
- מיט יעדע צוגאב פון $100 אויפ'ן חשבון אדער קרעדיט האט איר נאך א שאנס!

קרית יואל וואכנשריפט
KJ WEEKLY

# בשמח"ה בואו לפניו ברננה

בשמח"ה וטוב לב, כסא דברכתא, אמירא דכוותא,
לעילא מכל ברכתא ושירתא, יעלה ויבוא ויגיע ויראה מעילא
דרתא, לכבוד ידידינו וידיד נפש כל חי, מקבל כל אדם בסבר פנים
יפות, נחמד ואהוב אצל כל ביקרות, פאר המעלות ונעים הליכות, ברוחו
פי שנים, אהבת תורה ויראת שמים, עושה ומעשה בכל לב ומאודים, ויהי
ידיו נכונה, לעשות הישר והטוב בכל עת ועונה, ראש וראשון ועושה ומעשה
לכל דבר שבקדושה, לעומתו משבחים באמירה, בשבח יקר וגדולה והערצה

מקבל את כל אדם בשמח"ה, אדם היקר באנשים, נפתל"י
אילה שלוחה, מופלא במעלות והפלגות נבונים, אהוב למעלה
ונחמד למטה, אין גומרין עליו את ההלל, איש האשכולת,
כליל המעלות, בריך כשרון, גריס באורייתא תדירא, וחריף
ובקי טובא, צנא מלא ספרא, צב"י וחמיד ורגיג, אהוב לכל

## הרב שמחה נפתלי צבי דאסקאל שליט"א

העומד בראש המפעלים בקרב עיתותינו שופר
העיר קרית יואל והיהדות החרדית הצרופה
**'קרית יואל וואכנשריפט'**
במסירה נפלאה שאין כדגמתו

לרגל שהשמח"ה במעונו, חדוה
ודיצה בארמונו
**בהולדת בתו**
**למזל טוב**
לשמח"ת לב כל תושבי העיר רבתי

ויהא רעוא שיזכה לגדלה לחנכה ולחכמה, לבעל תורה ולחופה ולמעשים טובים, כן יחשוב לפניו רוב זכותיו
בחביבים, לראות רב תענוג ונחת דקדושה בשובע שמחות באהבים, יהי ה"א עמו בכל זוית ופינה, ובמעשי ידיו
תשרה שכינה, ומשמים ממעל יוסיפו לו רב אונים, לתורה ולתעודה, להרבות פעלים, בחדות ימים ושנות עולמים,
עדי נזכה לעלות לציון ברננים בביאת משיח הולך תמים, אמן

**לך אנו שירה בשמחה רבה, המברכים באותות של אהבה ובחיבה**
אברהם בערקאוויטש, נפתלי ווינקלער, שלמה קליין, יחיאל יצחק שטויבער, מרדכי קאהן,
יהודה יאקאבאוויטש, אלימלך בנציון מארקאוויטש, יואל בינער

**גדול העונה:**
מעמק הלב השומח בשמחתך הגדולה ומכיר פעולתך המרובה למען
הרמת קרן העיר להרחיב גבולי הקדושה לעשות נייחא לנשמתו של
מרן רביה"ק והטהור זי"ע מייסד העיר
**הק' מנחם נחום הלוי היימליך**

ברוך המקדש שמו ברבים • ויואל משה אמת ותורתו אמת

# מאַניפעסטאַציע און קידוש ה' מיט מיליאָן דאָלאַר חלוקה פון מפעל הכביר 'שקל הטהור' פאַר אַלע מוסדות חינוך הטהור עטה"ק בארה"ק בעצם יומא דהילולא פון כ"ק מרן רביה"ק זי"ע

## קול חוצב להבות אש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א געהערט דורך הוקאַפּ, מיט וויכטיגע יסודות און חיזוק פאַר די מוסרי נפש די מנהלי מוסדות עטה"ק

### הגה"צ מורינו שליט"א פארטיילט טשעקס פאַר מנהלים בשליחות הקודש פון אביו הגדול כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ירושלים – אַ שטראל פון פרייד האָט אויפגעלאָכטן די הערצער פון הונדערטער מסירות נפש מנהלים פון העכער הונדערט זעכציג מוסדות חינוך הטהור על טהרת הקודש, ווען זיי האָבן דעם פאַרלאָפענעם דינסטאָג פרשת ראה כ"ו מנחם אב תשפ"ב, ערהאלטן די גאָר באַדייטנדע און ברייטהאַרציגע תמיכת 'שקל הטהור', ביים גרויסארטיגן מעמד 'חלוקת המיליאָן' בעצם יומא דהילולא רבה פון כ"ק מרן רשכבה"ג רביה"ק זיע"א.

## שקל הטהור – בל"ב שלם

די יעצטיגע כ"ו אב חלוקה פון 'שקל הטהור' פאַר די מוסדות חינוך הטהור על טהרת הקודש, האָט אויסגערופן גרויס פרייד ביי די חשוב'ע מנהלי המוסדות בפרט, און פאַר כלל בני היהדות החרדית בארה"ק, זייענדיג די פיר און דרייסיגסטע מעמד חלוקת 'שקל הטהור', זינט איר גרינדונג מיט איבער ניין יאר צוריק אום חודש שבט תשע"ג, בעת דער 'מסע המלכות' פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א קיין ארה"ק.

מאז ועד היום האָט זיך דער קשר צווישן די בעלי מסירות נפש - מנהלי המוסדות און כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א פארשטערקערט עשרות מונים, ווען דער מגן חינוך הטהור בארה"ק דער רבי שליט"א האָט זיך אומצאליגע מאל ארויסגעשטעלט בראש המחנה צו פאדערן פון קהל תלמידיו וחסידיו צו שטיין לימין די חשוב'ע מנהלי המוסדות.

ספעציעל האָט די היי יאָריגע חלוקה אָפּגעהילכט מיט גרויס קידוש ה', נאכדעם וואס דאס איז איינגעפעדימט געוואָרן מיטן גרויסארטיגן 'פדיונינו' קאַמפּיין, אין וואס רבבות תלמידי וחסידי סאַטמאַר האָבן זיך אָנגעשלאסן בתרומת הקודש, און איבערגעגעבן אַ פדיון פאַר די הייליגע מוסדות חינוך הטהור עטה"ק.

דער פאקט אַז רבבות אידן זענען געווען פאקטישע שותפים אין דער חלוקה, האָט פארגרעסערט דער קידוש ה', און האט ארויסגעוויזן דאס געטריישאפט פון תלמידי וחסידי סאַטמאַר מקיים צו זיין רצון צדיק און מחזק זיין די מנהלים מוסרי נפש פארן חינוך הטהור אין ארה"ק.

## מעמד חלוקה ביומא דהילולא




די חלוקה איז ערמעגליכט געוואָרן נאָך פילע אינטערווענצן פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ובניו הרבנים הגאוה"צ שליט"א ובמיוחד הגה"צ מורינו שליט"א, צוזאַמען מיט דעם געטרייען משב"ק הרה"ח ר' שמואל טייטלבוים שליט"א, און די חשוב'ע עסקנים וועלכע האָבן אין לויף פון די פאַרלאָפענע וואָכן געאַרבעט מיט אַלע כוחות פאַר'ן 'פדיונינו' קאַמפּיין צו ערמעגליכן דער מעמד החלוקה.

אַזוי אויך איז די חלוקה מוקדש געוואָרן לעי"נ הטפסר הרבני המרומם הרה"ח ר' משה מנחם ב"ר יוסף מענדעלאוויטש ז"ל, ווער ס'איז בחיים חיותו געווען פון די עמודי התווך פאַר'ן מפעל 'שקל הטהור' פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, ומה כאן עמד ושימש אף התם עומד ומשמש, ישמח משה במתנת חלקו.

דער מעמד החלוקה איז פאָרגעקומען אין די נאכמיטאָג שעה'ן פון דעם פארגאנגענעם דינסטאָג נאכמיטאָג פרשת ראה אין די זאלן שע"י מוסדות יטב לב דרב"י מסאַטמאַר ירושלים, וואו עס איז צוגעשטעלט געוואָרן בכבוד גדול אַ סעודת הילולא ומסיבת חיזוק לכבוד העם הנאספים, די חשוב'ע מוסרי נפש למען חינוך הטהור.

די מנהלי המוסדות זענען אַלע פערזענליך געלאַדנט געוואָרן צום סעודת הילולא וחלוקת שקל הטהור, און זענען אָנגעקומען אין זאַל צו דער באַשטימטער צייט.

## קודות ימי חינוך הטהור



הרב הגאון ר' שלמה מינצבערג שליט"א מנהיג קהל תפארת ירושלים ומראשי הנהלת העדה החרדית האָט אָנגעפאַנגען זיינע ווערטער בכבוד אכסניא פון מפעל הכביר 'שקל הטהור' פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א און אויך באַגריסט בנו הגדול הגה"צ מורינו שליט"א וואס האָט באַשיינט בראש המסובים.

אין זיינע ווערטער האָט ער באַטאָנט אַז אויסער די פינאַנציעלע תמיכה פון וואס די מנהלים שעפּן אַ געוואַלדיגע חיזוק, פאַרדינען זיי אויך אַ מאָראַל-שטיצע ווען זיי שפּירן אַז מען איז צוזאַמען אַ כח הרבים פון אר"י און פון חו"ל.

אויך האָט ער אַרומגעשמועסט און אויפגעוויקלט היסטארישע קאפיטלען פון דער מערכה להצלת חינוך הטהור בארה"ק, און איבער די שרעקליכע חורבן און ירידה נוראה וואס גייט פאַר אין די מוסדות וועלכע געניסן פון די שלחן איזבל.

## ברכנוכם מבית ה'

הרה"ח המרומם ר' אפרים שטערן שליט"א חבר ועד הנהלת שקל הטהור בארה"ק האָט אין זיינע ווערטער ענטפאַנגען די מנהלים בשם הנהלת שקל הטהור, און אַרומגעשמועסט איבער דער רוקנביין פון סאַטמאַר'ע חסידים איבער די וועלט פאַר די געטרייע מנהלי המוסדות.

אויך האָט ער מקבל געווען בברכה את פני הגה"צ מורינו שליט"א וואס איז געקומען פארטיילן די חלוקה בשליחות אביו הגדול כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, זאגנדיג אַז "ברוך הבא בשם ה'" - פארן רב שליט"א וואס איז געקומען פארטיילן די חלוקה, "ברכנוכם מבית ה'" - ווען דער רב ברענגט מיט די ברכה פון בית ה' פון זיין גרויסער פאטער און פונעם יהדות החרדית אין אַמעריקע.

לעומתם ברוך יאמרו - האָט ר' אפרים אויסגעפירט - די מנהלי המוסדות ענטפערן מיט "ברכנוכם מבית ה'", און באדאנקען זיך בברכת ה' מציון, דאן האָט ר' אפרים פארציילט עובדין טבי"ן פון מרן רביה"ק זי"ע.

## חכם עדיף מנביא

הרב הגאון רבי גבריאל נויפעלד שליט"א דומ"ץ העדה החרדית האָט פותח געווען זיינע

דיבורים אַז ער איז נישט פאסיג צו רעדן פאַר בעלי מסירות נפש מנהלי המוסדות, און משבח געווען דער הנהלת המפעל שקל הטהור בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

אין זיינע ווערטער האָט ער אויך באַטאָנט דער חיוב פון די תורה הק' "השמר לך פן תנקש אחריהם" און ווי רש"י הק' זאגט אַז מ'זאל זיך אכטונג געבן פון זייערע שלעכטע מעשים, און דערביי געשילדערט די היסטאריע אין די שנות בראשית וויאַזוי דער עם הקודש שבירושלים האָט געקעמפט פארן חינוך הטהור מיט מסירות נפש.

און אויך שפעטער - אין יאר תשל"ז, ווען דער שלטון האָט אָנגעהויבן טיילן גרויס געלט, איז דאן מרן רביה"ק זי"ע געווען דער איינציגסטער וואס האָט אויסגערופן די מלחמה בשער בת רבים, ער האָט געשריגן און אויפגעטון, לוחם געווען און געגרינדעט דער קרן הצלה, וויבאלד ער האָט געהאלטן אַז דאס איז דער לעצטער נסיון וואס כלל ישראל וועט זיך דארפן ספראווען דערמיט.

דאן האָט דער גאון אויסגעפירט אַז מאז ועד היום האָבן זיך דורות געטוישט, און היינט זעט יעדער איינער דעם קלארן אונטערשייד מה בין בן בני לבן חמי, צווישן די הייליגע מוסדות חינוך הטהור און די מוסדות וואס זענען לוידער נהנה משלחן איזבל.

## דברות קודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

מיט הדרת הכבוד האָבן די מנהלים אויסגעהערט דברות קודש מלהבות אש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א וואס האָט דאס משמיע געווען דורך אַ הוקאָפּ, ווען די מנהלים האָבן אָנגעשעפּט דערפון חיזוק און וויכטיגע יסודות ממשיך צו זיין מיט די עבודת הקודש.

דער רבי שליט"א האָט באַטאָנט אַז בעצם יומא דהילולא איז אַ חיוב צו חזר'ן די יסודות פון מרן רביה"ק זי"ע אַז מרשעים יצא רשע, מ'קען נישט בויען תורה מיט געלט פון משנאי ה', מ'דארף האָבן מסירות נפש אַז דער פך שמן טהור זאל זיין ריין תורה בקדושה וטהרה

דאן האָט דער רבי שליט"א אויסגערופן מיט התרגשות אַז דער רבי זי"ע געפונט זיך דארט מיט ענק ביים מעמד, דאס איז די גרעסטע נחת רוח פאַר נשמתו הקדושה, ער זעט "כי לא תשכח מפי זרעו" ס'איז געבליבן אַ כח פון מסירות נפש אידן וואס האלטן דער חינוך הטהור

ווייטער האָט דער רבי שליט"א געגאסן חיזוק ווערטער פאַר די מנהלים זאגנדיג אַז אשריכם גיבורי החיל, מה טוב חלקכם אַז איר זענט זוכה לקדש שם שמים ברבים, וואויל איז דער חלק פון די שותפים לדבר מצוה פון חוץ לארץ וואס שיקן גרויסע סכומים, און ארויסגעהויבן אַז ס'איז אַ זכיה צו זיין שותפים מיט די מנהלי המוסדות.

אויך האָט דער רבי שליט"א געבעטן פאַר די מנהלי המוסדות, ולמען אחי ורעי אדברה נא, ס'שטייט "אז נדברו וגו'", און ווייטער זאגט דער פסוק "ויקשב ה' וישמע", מ'דארף אויסנוצן דער זמן מתפלל צו זיין מ'זאל ווייטער קענען אנגיין מיט די מסירות נפש פאַר טהרת הקודש.

דערביי האָט דער רבי שליט"א דערמאַנט די גזירות אויפן חינוך אין אַמעריקע און אייראָפּע זאגנדיג אַז המתפלל בעד חבירו הוא נענה תחילה, לוידער זענען אידן בכל מקומות מושבותיהם צריכים לאותו דבר בענין חינוך הבנים, די רשעים ווילן מבטל זיין דער חינוך הטהור און מוסיף זיין לימודי חול, מ'דארף מתפלל זיין מ'זאל קענען ממשיך זיין דער הייליגער חינוך, ותטה לב המלכות ותגזור עלינו גזירות טובות

צום שלוס פון זיינע ווערטער האָט דער רבי שליט"א דערמאַנט אַז מ'האַלט נאָך אינמיטן די שלושים ימי אבל פאַר מרא דארעא ישראל דער גרויסער גאון וצדיק דער ירושלימ'ער רב וואס האָט מעמיד געווען הדת על תילה ער האָט געפירט דער מלחמת קודש קעגן אַלע פירצות און בפרט חינוך הטהור ער האָט מחזק געווען די קרן הצלה פאַר ימים טובים מ'דארף רחמי שמים צו קענען ממשיך זיין אין זיינע וועגן.

## מעמד החלוקה - קידוש ה'

נאָך די דברות קודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, איז פאָרגעקומען דער מעמד קידוש ה' חלוקת שקל הטהור, ווען די מנהלי המוסדות זענען גערופן געוואָרן איינציגווייז צו נעמען דער חלוקה, וואס איז פארטיילט געוואָרן דורך הגה"צ מורינו שליט"א, ווען ער האָט פאַר יעדן איינעם איבערגעגעבן דער טשעק במאור פנים, און מברר געווען איבער דער מצב המוסדות.

דורכאויס אַ לאנגע ווײַלע זענען די מנהלים אריבער אפנעמען די טשעקס, ווען יעדער האָט פערזענליך גע'חתמ'עט אַז ער האָט דאס באקומען, און דאן געבעטן איבערצוגעבן די דאנק פאַר די הנהלת המפעל בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

אויך זענען דערביי אנוועזנד געווען די חברי הנהלת 'שקל הטהור', הרה"ג ר' דוד יואל ווייס שליט"א מח"ס 'מגדים חדשים' חבר הנהלת העדה החרדית ומראשי הנהלת כולל שומרי החומות, הרה"ג ר' דוד מנשה ראטשילד שליט"א מראשי הנהלת העדה החרדית, הרה"ח ר' אפרים שטערן שליט"א מייסד ומנהל מפעל החסד 'עונג שבת ויום טוב' ומראשי הנהלת העדה החרדית, הרה"ח ר' אהרן עקשטיין שליט"א גבאי ביהמ"ד 'אהל רחל' ומנהל קופות צדקה וחסד שע"י קהל יטב לב ד'סאַטמאַר ירושלים, און הרה"ח ר' יצחק ווייס הי"ו מנהל חלוקות שקל הטהור בארה"ק.

מיט'ן אָרגאַניזירן דעם מעמד החלוקה און די תמיכות האָבן אָנגעפירט מוה"ר טובי' מנחם זאב עקשטיין הי"ו, מנהל האפיס, מאישי אמוניו פון הגה"צ מורינו שליט"א, צוזאַמען מיט די חשוב'ע אברכים די ארבייטער פונעם אפיס הר"ר משה אברהם פייערשטיין הי"ו און הר"ר לייביש הערשקאוויטש הי"ו.

ספעציעל איז געקומען צוהילף די הנהלה פון 'קרן הצלה', מיסודו בהררי קודש דורך מרן רביה"ק זי"ע, וואס אַלע פעולות פון מחזק זיין די מנהלי המוסדות זענען אין זייערע פוסטריט, און זיי שטייען שטענדיג צו הילף פאַר די הנהלת שקל הטהור בארה"ק מיט'ן צונויפשטעלן די ליסטעס פון די מוסדות, און צוזאַמענארבעט צו פארזיכערן אַז די מוסדות וועלכע באקומען שטיצע זענען נישט נהנה משולחן איזבל, ובמיוחד דארף מען באדאנקען דער מנהל קרן הצלה בארה"ק הרה"ח ר' שמחה אנשין שליט"א וועלכער גיבט זיך אוועק בלב ובנפש זיכער מאכן אַז עס זאל נישט זיין קיין מוסדות ובתי חינוך וואס זענען נהנה משתי שולחנות וד"ל.

מיט פריילִיכע געזיכטער און אויפגעהייטערטע הערצער האָבן די מנהלי המוסדות פארלאָזט די 'יטב לב' זאל, האָבנדיג מיט זיך די ברייטהאַרציגע שטיצע פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וואס האָט אין זיי אריינגעבלאזן אַ ווארימע חיות ברוח ובגשם.

עס איז דער וואונטש פון בני היהדות החרדית בארה"ק, ימים על ימי מלך תוסיף פאַר כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א מגן חינוך הטהור, אַז עוד רבות בשנים זאל ער זוכה זיין צו שיקן די ברייטהאַרציגע תמיכות פארן חינוך הטהור און בני היהדות החרדית בארה"ק, אויסרופנדיג ויואל משה אמת ותורתו אמת, ערליכע אידן קענען זיך האלטן פעסט אויך אן דאס שטיצע פון דעם שלטון הכופרים.

**ברוך המקדש שמו ברבים!**








וּמִנַּיִן לַעֲשָׂרָ"ה שֶׁשְּׁכִינָה עִמָּהֶם – שֶׁנֶּאֱמַר "אֱלֹקִים נִצָּב בַּעֲדַת קֵל":

יהדות ארה"ק שטורעמט מיט היסטאָרישער מאַכטפולער קידוש ה' רעוואָלוציע:

# "10 נייע טהרת הקודש מוסדות" עפענען זיך צום נייעם שנת הלימודים ברחבי ארה"ק דורך "קרן רבי משה מנחם"

שִׁיר חָדָשׁ אָשִׁירָה לָּךְ בְּנֵבֶל עָשׂוֹ"ר אֲזַמְּרָה לָּךְ: לְמִנְיָן שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל:

שלימות'דיגער מנין נייע מוסדות ערפענען זיך מסירת נפש'דיג מדן ועד באר שבע, ערפילנדיג אומגעהויערן חלל סיי ביים היימישן ציבור וואס וואקסט און בליהט און עס איז דא א קריטישן מאנגל אין נייע מוסדות כדאי צו פארזיכערן אז דער אינגער דור איז ממשיך די הייליגע מסורה און אזוי אויך ביי די דרויסנדיגע שיכטן און קרייזן וועלכע אַנערקענען שוין כהיום חורבן הנורא פון זיין אָנגעבינדן אינעם טמא'נעם משרד החינוך, און שטרעבן צו מחנך זיין ערליכע דורות אומאָפּהענגיק אין די דיקטאַטן שלטון השמד הציוני!

גדלו והצליחו! אשריכם תלמידי וחסידי סאטמאר!

היסטאָרישעאַנטוויקלונגקומט אין דירעקטער רעזולטאַט פון מאסיווע "3 מיליאן דאָלער קאַמפיין" פאַרגאַנגענעם ווינטער אויפצובויען "קרן רבי משה מנחם" צו פינאַנצירן ערעפענונג פון נייע מוסדות איבער'ן גאַנצן לאַנד!

לְהוֹדִיעַ שִׁבְחוֹ שֶׁל מֹשֶׁ"ה שֶׁהָיוּ כֻּלָּם תַּלְמִידָיו:

הייליגע מיסיע דורכגעפירט דורך תלמידיו הנאמנים פון כ"ק מרן הגה"צ רבי משה מנחם טירנויער זצ"ל דומ"ץ ור"מ סאטמאר מאנטריאל, מובחר תלמידיו פון רביה"ק זי"ע, וועלכער האָט כל ימיו געפייערט און געברענט איבער דעם הייליגן ענין פון העלפן פרישע מוסדות זיך אויפבויען על טהרת הקודש בארצינו הק'

רחבי ארצינו הק'. – "ויואל משה אמת ותורתו אמת והן בדאין"! "ברוך המקדש שמו ברבים"! "נצח ישראל לא ישקר"! "ואל יאבד ישראל האומרים שמע ישראל"! אָט מיט די פייערדיגע, פלאַמעדיגע און פלאַקערדיגע געפילן טוט דאס יהדות החרדית בכל קצוי תבל שאַלן און ברויזן מיט שטורמישע פרייד אויף די גליקליכע נייעס וואָס מ'הערט מהר מרום הרים בארץ הקודש אשר עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה ואחרית השנה, איבער די היסטאָרישע קידוש שם שמים רעוואָלוציע וואָס שפילט זיך אָפּ מדן ועד באר שבע, וואו "פרישע 10 הייליגע טהרת הקודש מוסדות" האָבן זיך געעפענט צום נייעם שנת הלימודים אַדאַנק די גרינדונג פונעם בארימטן "קרן רבי משה מנחם" וואָס דינט אַלס די באַזע פאַר פרישע חינוך הטהור מוסדות בארצינו הקדושה!

## וקדש את שמך על מקדישי שמך, וקדש את שמך בעולמך!

ווי קען מען דען טרעפן די ווערטער צו שילדערן דאָס התרגשות, ווי קען מען דען געפינען דעם שרייב-קראַפט אויסצומאָלן די שמחה, וואו איז דען פאַרהאַנען גענוג פּאַפּיר צו קענען זיך דערויף אַרויסגעבן די רגשי הלבבות צו אַזאַ גליקליכע ערשיינונג, אַז 10 שפּאָגל-נייע מוסדות – דאַרונטער תלמוד תורה'ס, בתי חינוך לבנות, ישיבות קטנות, ישיבות לצעירים – האָבן די פאַרגאַנגענע וואָך געעפענט די טויערן פון זייערע הייליגע אכסניות של תורה בטהרה, אויפגעהויבן איבערע זייערע דעכער דעם שטאָלצן דגל הקודש פון "חינוך הטהור", גענצליך אומאָפּהענגיק אין די טריפה'נע מדינה-געלטער, נאָר בלויז כולה מקשה אחת זהב טהור, זייענדיג יונק אך ורק פון הייליג, לויטער, ערליך, מסירת נפש'דיג געלט צונויפגעשטעלט פּרוטה לפּרוטה פון שלומי אמוני ישראל בקצוי תבל!

אך צדיקים יודו לשמך, ישמח ישראל בעושיו!

מי יגלה עפר מעיניך רבינו הקדוש והטהור זי"ע, דער צדיק הדורות וואָס האָט כל ימיו, זיך מוסר נפש געווען מיט למעלה מהשגת אנושי'דיגע כוחות צו בויען אַ יסוד פאַר'ן חינוך הטהור בארה"ק! ומי יגלה עפר מעיני תלמידו הגדול כ"ק הגאון הצדיק דומ"ץ סאטמאר מאנטרעאל זצ"ל, וואס כל מגמת נפשו איז דאָך געווען צו ערפילן משאת נפשו פון הייליגן רבי'ן, און דאָ האָבן זיינע תלמידים הקרויים בנים – די תלמידי תלמידיו פון רבינו הקדוש זי"ע וואָס דער דיין זצ"ל האָט דאָך זיינע תלמידים מדריך ומחנך געווען בדרכיו הק' – מיט זייערע מסירת נפש'דיגע כוחות, מיט זייער ברענענדיגער געטריישאַפט לה' ולתורתו, געדינט אלס די עמודי היסוד פון אַ גאַנצער מנין הייליגע פרישע מוסדות וואָס שרייען אויס ה' הוא מלכינו ולו אנחנו עבדים, בדרך התורה נלך באש ובמים לקדש שם שמים!!!

## וידם קר"ן לעמו! א האלב יאָר נאָך גרינדונג פון "קרן רבי משה מנחם" – די וואונדערליכע רעזולטאַטן!

עס לאָזט זיך גאָרנישט גלייבן עד היכן הדברים מגיעים. דאָ שטייט מען בלויז אומגעפער אַ האַלבער יאָר נאָך דער דראַמאַטישער גרינדונג פונעם "קרן רבי משה מנחם" דעם פאַרלאָפענעם חודש אדר העעל"ט, ווען די געטרייע תלמידים הקרויים בנים פון כ"ק הגה"צ המפורסם דומ"ץ סאטמאר מאנטרעאל זצ"ל האָבן זיך צונויפגענומען כאיש אחד ובלב אחד לעשות נייחא לנשמתו הטהורה, פאר אזא זאך וואָס איז געווען ביי אים אַזוי הייליג און טייער כל ימיו, און האָבן געגרינדעט אַ קרן וואָס זאָל דינען אַלס "פונדאַמענט" צו עפענען "נייע מוסדות על טהרת הקודש", און אָט זעט מען שוין פאַר די אויגן אַזעלכע לעבעדיגע אומגלויבליכע רעזולטאַטן: בי עשרה שכינתא שריא! 10 נייע מוסדות וואו מ'וועט מקדש זיין דעם שם השם און מאַכן אַ נחת רוח פאר קודשא בריך הוא ושכינתי' כביכול!

ווי בשעתו אַרויסגעהויבן איז שוין היינט בחסדי ה' פאַרהאַן אַ שטאַרקער און דויערהאַפטיגער רוקן-ביין פאַר עקזיסטירנדע מוסדות על טהרת הקודש, וועלכע האָבן שוין אויפגעבויעט באַזעס פון שטיצע אין אַמעריקע ובארצות אייראָפּע, וואָס טראָץ יעדער מוסד אָנצוהאַלטן עקסטער איז אַ מסירת נפש'דיגע עבודה קשה שבמקדש, איז עס אָבער פאָרט אַ דבר של קיימא; און ווי אַ יאָר מער ס'גייט דורך אלץ מער וואקסט דער ברען ביי די נגידים, ביי די פרישע דורות, צו העלפן פאַר'ן עקזיסטענץ פון די הייליגע מוסדות, למען שיכלו עמוד, ובפרט מיט די קראַנטע קביעות'דיגע שטיצע פון די באַרימטע קאַסעס "קרן הצלה" און "שקל הטהור" וואָס פאַרטיילן מיליאָנען דאָלאַרן פאַר די הייליגע ערליכע מוסדות מדי שנה בשנה.

אָבער, נאָך אַלץ האָבן די עסקני היהדות ארה"ק געשריגן אַז ס'איז פאַרהאַן אַ מורא'דיגער חלל אין איין הינזיכט, און דאָס איז: די אָפּוועזנהייט פון א קערפּערשאַפט וואָס זאָל מוטיגן און בפּועל אונטערשטיצן דאָס עפענען "נייע מוסדות על טהרת הקודש"!

ווייל די שוועריגקייטן, די מוטשעונישן, די יגיעות, ביז מ'קען זיך דערזען שטיין אויף די פיס און פאַרדינען אַנערקענונג אַלס מוסד וואָס דאַרף שטיצע, איז נורא נוראות! ס'נישט מעגליך משער צו זיין וואָס אַן עסקן צי אַ מנהל גייט דורך, ווען ער וויל עפענען א נייער מוסד! ער האָט נישט קיין תומכים, ער פארמאגט נישט קיין באַזע, ער קען קוים צאָלן די קאַר-סערוויס צו רייזן פון איין פלאַץ צום אַנדערן! ער ברענט אויס נאָך בעפאָר ער הייבט אָן אפילו צו גרינדן דעם מוסד, און אַזוי פאַלן אַוועק אָן אַ שיעור עסקנים ומנהלים וועלכע וואָלטן געקענט פירן סוקסעספולע מוסדות, און די מוסדות ווערן קיינמאָל נישט געעפענט.

דאָס האָט גורם געווען אַז אין צענדליגער שטעט און דערפלעך, וואו ס'וואוינען קאָלעקטיוו הונדערטער און אפילו טויזנטער משפּחות וועלכע וואָלטן לכתחילה געוואָלט שיקן זייערע קינדער אין מוסדות על טהרת הקודש, איז נישט פאַרהאַן ליידער די מעגליכקייט דערצו, און זייערע הערצער בלוטיגן ווי זייערע קינדער דארפן ערצויגן ווערן אין רעגירונג-געשטיצע מוסדות, וואו מ'פאַלט ליידער כסדר עשר דרגות אחורנית, מיט די שרעקליכע כפירה'דיגע פאַרלאַנגען פונעם שלטון השמד ר"ל!

אָט דערפאַר זענען די תלמידים קרויים בנים פון הגה"צ דומ"ץ סאטמאר מאנטריאל זצ"ל אריינגעשפרינגען אין דער הייליגער משימה כבידה, מיט דעם פייערדיגן ברען אַז מ'גייט אוועקשטעלן א יסוד בסיס וואָס זאָל זיך קאָנצענטרירן אך ורק אויף דער הייליגער מיסיע: העלפן מיט אַלע כוחות, פינאנציעל און פראַקטיש, ברוח ובגשם, בממון ובמעשה, מיט יעדע סאָרט שטיצע און הילף, בכל מקום ומקום, איבעראל וואו ס'איז פאַרהאַנען אַ נויט, ס'איז פאַרהאַנען אַ רצון, צו עפענען ערליכע מוסדות על טהרת הקודש, און מ'גייט דאָס בעז"ה דורכפירן!

דערמיט האָבן אלפי התלמידים – טייל פון זיי וועלכע האָבן שוין אַליין קינדער וואָס האָבן די זכי' צו זיין תלמידים פונעם דיין זצ"ל, וועלכע טוען שוין זייערע אייגענע קינדער מחנך ומגדל זיין אויף די הייליגע יסודות וואָס ער האָט אין זיי בימי בחרותם איינגעפּרעגט אַזוי דור אחר דור – וועלכע זענען אַזוי צעבראָכן געווען פון דעם עוצם החלל שנוצר בפטירתו, געשפּירט אַז מיט'ן צולייגן א האנט צו גרינדן אזא קרן לשמו ולזכרו הטהורה וועט מען אַראָפּשטעלן אַן אייביגן און שטענדיגן נר זכרון, אַ הנצחה נצחית לעולמי עד לזכר נשמתו הטהורה, וואָס אפילו ווען דור הולך ודור בא וועט דאָס אויף אלעמאל פאַרבלייבן לזכרון עולם פון דעם גרויסן רבי'ן און טאַטן וואָס האָט באהבה וחמלה זיי מדריך ומעמיד געווען על אדני התורה והיראה, ולא יכבה נרו לעולם.

מ'האָט בשעתו באוויזן אויפצוטרייבן אַן אַסטראָנאָמישער סכום פון עטליכע מיליאָן דאָלער, און אַ חבורתא קדישתא פון בעלי בתים נאמנים, חברי הועד, אנשי שם, עושים ומעשים, זענען געשטעלט געוואָרן בראש הקרן, אָנצופירן מיט אַלע אַקטיוויטעטן, און פאַרזיכערן אַז יעדע פּרוטה ווערט טאַקע פאַרניצט פאַר דעם הייליגן צוועק פון העלפן עפענען נייע מוסדות, און מ'האָט זיך באַלד אַריינגעוואָרפן אין דער הייליגער אַרבעט, זייענדיג אין קאַמף מיט'ן זייגער, געציילטע חדשים בעפאָר'ן אָנהויבן פונעם נייעם "אלול זמן" ווען ס'איז די שעת פּתיחה פון נייע מוסדות אין ארץ ישראל, אַז מ'זאָל פאַקטיש קענען ערגרייכן די ערעפענונג פון ווי מער פרישע מוסדות על טהרת הקודש אויפ'ן נייעם יאָר הבעל"ט.

ואכן עלתה בידם, מיט אַן אומגלויבליכער סוקסעס, נאָך מער און העכער ווי סיי ווער וואָלט ווען געקענט פאָראויסזאָגן און פאָראויסשאַצן! גדלו והצליחו וגם עשו פרי לטובה, הפלא ופלא, מיט 10 פרישע מוסדות, וועלכע שטייען שוין יעצט פאַקטיש בהודם והדרם! זייערע טויערן זענען אָפן, און הייליגע לעכטיגע תלמוד תורה קינדער, ריינע בנות ישראל הכשרות, און ערליכע ישיבה בחורים, לערנען תורה און ווערן נתחנך מיט אַן ערליכע לויטערקייט פאַר'ן הייליגן באַשעפער, בלתי לה' לבדו, און דער שם שמים פון דעם מסירת נפש'דיגן אַקט ווערט נתקדש מסוף העולם ועד סופו!!!

**פאָלגענד, מיט א גליקליכן נבל עשו"ר, כאַפּן מיר אַ בליק אויף דעם "מנין" מוסדות חדשים, די פרישע יהדות החרדית בריליאַנטן, די נשמות טהורות אימפּעריעס, וועלכע טוען מיט זייער עצם עקזיסטענץ אויסרופן א מעכטיגן הילכיגן קלאַנג וואָס גייט אומאָפּשטעלבאַר מקצה הארץ ועד קצהו: "ויואל משה אמת ותורתו אמת, וכל דבריו אמת וצדק!!!"**

קידוש ה' #1: **תלמוד תורה על טהרת הקודש חריש — צילט: בני הישוב הישן**

קידוש ה' #2: **בית חינוך על טהרת הקודש חריש — צילט: בני הישוב הישן**

קידוש ה' #3: **ישיבה קטנה "ישיבה לצעירים" בית שמש – צילט: ערליכע עלטערן פון מוסדות על טהרת הקודש**

קידוש ה' #4: **ישיבה קטנה "תפארת התורה" בית שמש — צילט: בני יהדות תימן**

קידוש ה' #5: **תלמוד תורה "זכרון יהודה" אין ביתר — צילט: אַלע ערליכע קרייזן**

קידוש ה' #6: **בית חינוך לבנות "אני בונה" קרית הערצאג — צילט: ליטווישע בני תורה**

קידוש ה' #7: **ישיבה גדולה "מאירת עינים" אין אלעד — צילט: ערליכע חסידי ברעסלאַוו**

קידוש ה' #8: **בית חינוך לבנות "בנות רחל" אין תל אביב**

קידוש ה' #9: **ישיבה קטנה ישיבה חדשה לצעירים מצויינים אין "מודיעין עלית" — צילט: ליטווישע בני תורה**

קידוש ה' #10: **בית חינוך לבנות בני ברק — צילט: בני תורה פון די "דגל" פּארטיי**

## די צען נייע מוסדות – צען פרישע פעסטונגען פאַר'ן הייליגן באַשעפער אין ארה"ק!

עס מוז אַרויסגעהויבן און אונטערגעשטראָכן ווערן אַז דער ווייטערדערמאנטער אויפטו פון "קרן רבי משה מנחם" צוצושטיין בפועל ממש צו עפענען נייע מוסדות אין ארץ ישראל, איז אַ קריטישער נויטווענדיגקייט אויף צוויי פראָנטן.

1. ביי די היימישע ערליכע שיכטן וואָס וואַקסט און צעשפּרייט זיך בכל קצוי הארץ אין פרישע געגענטער און שטעט, און מיט'ן העלפן אויפבויען און גרינדן נייע מוסדות על טהרת הקודש אין די "נייע געגענטער" ערמעגליכט מען זיי צו קענען ממשיך זיין כמסורת אבותם בחינוך הטהור און נישט ח"ו גיין לחצוב בארות נשברים צוליב וואָס ס'נישטאָ קיין מוסדות ה"י און זיי האָבן נישט אַליין די כוחות אַריינצוטאַנצן אין דעם אויסטערליש-שווערן לאַסט.

2. והשנית, איז דאָ א גענצליך באזונדערער פראָנט, וואָס דאָס איז ביי דרויסנדיגע שיכטן, וועלכע זענען לאו דווקא אויפגעוואַקסן אין די היימישע עדה החרדית צירקלען, אָבער דייקא דאָרט טרעפט מען זיך אָן מיט שטוינענדע איבערראַשונגען ווען נייע קרייזן וועלכע זענען נישט מחונך געווארן על ברכי החינוך הטהור רייסן זיך אפּ פון די טריפה'נע געלטער פון שולחן איזבל, זעענדיג מיט די אויגן וואו טיף אין אָפּגרונט ר"ל דער "משרד החינוך" זוכט אַראָפּצוציען די דורות העתידים, און זיי זענען גרייט אויפ'ן מסירת נפש שריט פון עפענען אומאָפּהענגיקע מוסדות, אָבער זיי מוזן האָבן דעם שטופּ און הילף דאָס צו קענען דורכפירן בפּועל.

אָט פאַר זיי אַלע האָט "קרן רבי משה מנחם" זיך צוגעשטעלט אַלס מאַכטפולער אונטערלאַנער, וואָס שפּאַנט מיט אינאיינעם מיט זיי, מ'זעצט זיך אַוועק מיט די מנהלים, מיט די עסקנים, מ'בויעט אויס אַ פּלאן, מ'גייט דורך די ציפערן, מ'אַנאַליזירט די פאַקטן אַרום, און מ'שטעלט אויס אַ מהלך, מ'טוט צושטעלן די פאָנדן צו קענען זיך רירן, צו עפענען און פירן דעם מוסד אין די ערשטע זמנים, און באגלייטן בעצה ובמעש ובתושי' אויפ'ן לאַנגן שווערן וועג, ביז ווען די נייע הייליגע מוסדות וועלן שוין קענען בעזר ה' שטיין על משענתם, אַלס פרישע בליאַטשקענדע דיאַמאַנטן אין דער גאָלדענער קייט פון "חינוך הטהור" בארצינו הקדושה.

## אשרינו מה טוב חלקינו: דאָס יהדות החרדית קוועלט!

ס'איז בלתי שום ספק, אַז דאס התייסדות פון די צען פרישע הייליגע מוסדות על טהרת הקודש – וואס איז נאָר די סאַמע אָנהויב פון די מאכטפולע רעוואלוציע וואס איז אָט אַריין אין קראַפט – איז דער אָנהויב פון א נייע עפּאָכע! ס'איז די ערעפענונג פון א נייער קאַפּיטל אינעם דורות'דיגן פייער-געראַנגעל פונעם כח הקדושה לעומת דעם כח הטומאה; אינעם אייביגן קאַמף פונעם יהדות החרדית הנאמנה קעגן להבדיל אלף אלפי הבדלות דעם שלטון הכופרים והשמד הציוני!

עס הייבט זיך אן א פרישער קאַפּיטל בספר מלחמות אלקים, ווען דאס יהדות הגולה שטייט צו – אין די ראמען פון קרן רבי משה מנחם – צו העלפן יעדן מוסד, יעדע תלמוד תורה, יעדע בית חינוך, צו קענען זיך גרינדן און בלייבן שטיין על משענתה, הייליג און לויטער אָן קיין הילף פונעם ממשלת השמד!

געוויס איז גיל יגיל צדיק, דאס איז די סאמע גרעסטע הנאה דקדושה און די גרעסטע זכי' בשמי מרומים לנשמתו הטהורה פונעם געהויבענעם אומפארגעסליכן גבור ואיש מלחמה, כ"ק הגאון הצדיק המפורסם דומ"ץ ור"מ סאטמאר מאנטריאל זצוק"ל, דער בחיר תלמידיו של רביה"ק זי"ע, וואָס האָט כל ימיו זיך מוסר נפש געווען פאַר'ן חינוך הטהור על טהרת הקודש, וואס עוד יזכר לאלפי תלמידיו אהבתו האיתנה, זיין ענדלאָזער רצון און שאיפה צו העלפן און מחזק זיין די שרידים אשר ה' קורא, די זאַך איז אים געגאַנגען ממש אין לעבן אַריין, דבר שנצטער בו אותו גאון וצדיק, ונפשו יצאה בדברו ווען ער פלעגט רעדן און מעורר זיין תלמידיו וההולכים לאורו צו שטיצן און מחזק זיין די הייליגע מוסדות על טהרת הקודש, אפּצוראַטעווען דורות פונעם שלטון הכופרים!

ס'איז בכן פאַר זיינע תלמידים וואָס זענען געווען אַזוי אָנגעבינדן אין דעם עמוד התורה והיראה אַ מורא'דיגע פּערזענליכע שמחה אז מ'האט געקענט דאס דורכפירן בפּועל, צו מאַכן אַזאַ נחת רוח פאַר רבם שלמדם תורה והדריכם בדרך ישרה, להנציח זכרו הק' לעולמי עולמים, וירא כי קר"ן אור פני מש"ה, והקר"ן קיימת לו לעולם הבא, להתעדן נפשו הטהורה תחת כנפי השכינה!

רבבות אלפי ישראל, שלומי אמוני ישראל, בכל קצוי תבל, פאלגן נאך מיט שפּאנונג די שטורמישע אנטוויקלונגען איבער דער נייער רעוואָלוציע אין ארצינו הקדושה, און די סאטמארער נדיבים אשר בעם שטעלן זיך צו אין דער היסטארישער אונטערנעמונג מיט א פייערדיגן פלאַם, כי עת לעשות לה'! נאָך מער צו העלפן, נאך מער צו הייבן דעם קרן לעם ה', ווייל יעדער אנערקענט אז דאס איז א היסטארישע דערגרייכונג! ס'איז א היסטארישער חובת השעה! למען ה' ותורתו הקדושה, און וועלכער ערליכער איד וויל דען נישט זיין א חלק אין אזא דורכברוך, אין אזא דבר גדול ונורא וואָס וועט ברענגען אייביגע רווחים און ערצייגן טויזנטער און טויזנטער ערליכע אידישע קינדער הנאמנים לה' ולתורתו, א לגיון של מלך וואָס וועט זיין א שטאלץ און פּראכט פאר'ן יהדות החרדית, עדי נזכה להתרוממות קרן התורה וישראל, בביאת משיח צדקינו, אמן.

רָמָה קַרְנִי בַּה', רָחַב פִּי עַל אוֹיְבַי, כִּי שָׂמַחְתִּי בִּישׁוּעָתֶךָ! יהדות החרדית שאַלט און טריאומפירט מיט נצחון צום היסטאָרישן דורכברוך!

ברוך שהחיינו
וקימנו לזמן הזה.

# מזל טוב

**1**
תלמוד תורה **ת"ת עטה"ק חריש**
בעיר **חריש** בהנהלת הרב **דוד גולדמן** שליט"א

**2**
בית חינוך לבנות **חינוך לבנות עטה"ק חריש** בעיר **חריש** בהנהלת הרב **דוד גולדמן** שליט"א

**3**
בית חינוך לבנות **בעל דרך אמונה** בעיר **בני ברק** בהנהלת
הרב **יעקב הוניגסברג** שליט"א

**4**
ישיבה קטנה **תפארת התורה לעדת התימנים** בעיר **בית שמש** בהנהלת
הרב **אהרן דאווידאוויטש** שליט"א

**5**
תלמוד תורה **זכרון יהודה**
בעיר **ביתר** בהנהלת הרב **צבי ברנדסדורפר** שליט"א

**6**
ישיבה קטנה **ישיבה לצעירים**
בעיר **בית שמש** בהנהלת הרב
**עמרם שטיינר** שליט"א

## מזל טוב כלל ישראל:

צום עפענונג פון צען
נייע מוסדות על טהרת
הקודש צום נייעם לערן
יאר, מיט די הילף פון
קרן רבי משה מנחם
אשרינו שזכינו

## מזל טוב תלמידי הגה"צ רזמ"ן סאטמאר מאנטריאל:

פארן זיין די נחשונים און
ברענגען די עפענונג פון
קרן רבי משה מנחם

## מזל טוב נגידי נעם:

וואס א דאנק זייער
פילאנטראפישע שטיצע
גייען הונדערטער נייע
משפחות אנהייבן שיקן
זייערע קינדער צו מוסדות
על טהרת הקודש


אטמאר
צום
עפענונג
פון צען
נייע
מוסדות
על טהרת
הקודש
7
בית חינוך לבנות אני בונה עיר בקרית הרצוג בהנהלת הרב מרדכי שולמן שליט"א
8
בית חינוך לבנות בנות רחל בעיר תל אביב בהנהלת הרב איתי בעכער שליט"א
9
ישיבה גדולה מאירת עינים בעיר אלעד בהנהלת הרב יעקב ברנשטיין שליט"א
10
ישיבה קטנה ישיבה חדשה לצעירים מצויינים בעיר מודיעין עילית בהנהלת הרב יהודה לובצקי שליט"א
קרן
רבי
משה מנחם
ליסד מוסדות על טהרת הקודש בכל ארה"ק
לזכר נשמת
מורינו רבי משה מנחם ב"ר משה מנחם זצללה"ה
דומ"ץ דקיט"ל
ור"מ תורת משה
ד'סאטמאר
מאנטריאל
די קידוש ה' קלינגט אפ
איבערן גאנצן לאנד!
אשרינו מה טוב חלקינו

ווישרא"ל עושה חיל:

# אויסטערלישע שמחה צווישן תושבי שכונת "קוועיקער הילל-פעני קאָורט" אין "טאון אוו מאָנראָו" צו פריידיגע חנוכת המקוה פון סאַמע - ערשטע קביעות'דיגע מקוה מפוארה פאר דער גאַנצער אומגעגנט אין ביהמ"ד המפואר סטאַווניץ

### הערליכע מקוה שטייט שוין פולקאָם גרייט צום דינסט פון ציבור תושבי השכונה, לטהרינו ולקדשינו בקדושתך העליונה



**פילאַנטראָפּישע זכות המקוה אָפּגעקויפט דורך הרבני הנגיד בונה ומקים עולמות של תורה וטהרה בתוככי העיר קרית יואל רבתי, הרה"ח מוה"ר ישראל דוב גאָלדבערגער שליט"א וזוגתו החשובה תחי'**

קרית יואל רבתי - תושבי שכונת "קוועיקער הילל-פעני קאָורט" אין "טאון אוו מאָנראָו" האָבן זיך די וואך געוואונטשן מזל טוב! ווען מען האָט ענדליך זוכה געווען צו דעם פריידיגן מאָמענט, צו באַנייען דעם הערליכן מקוה מפוארה שע"י ביהמ"ד סטאַווניץ, וואָס איז פאַקטיש די ערשטע קביעות'דיגע מקוה פאר דער גאַנצער אומגעגנט, און הייבט אן אַ נייע עפּאָכע פון קדושה וטהרה פאר די הערליך בליענדע געגנטער.

די נייע פראַכטפולע מקוה וועט שטייט צום דינסט פונעם גאַנצן היימישן ציבור אין דעם טאַון אָוו מאנרא וואס איז אין די לעצטע תקופה פאַרוואַנדעלט געוואָרן אַלס א פולשטענדיג- היימישע שכונה מיט פילצאליגע משפחות תושבי קרית יואל צושפרייט איבער פילע גאסן און געגענטער.



דאָס קומט נאָכדעם וואָס ביז יעצט האָבן די אָרטיגע איינוואוינער זיך באַנוצט מיט פּראָוויזאָרישע מקוואות וואָס איז געוואָרן אַהערגעשטעלט לויט די בעסטע מעגליכקייטן. אָבער "כי עתה הרחיב ה' לנו", מיט די הערליכע אָפיציעלע מקוה נהדרה וואָס געפינט זיך אין דעם ביהמ"ד סטאַווניץ אין צענטער פונעם ווירבלנדן געגנט, לטהר את עמך ישראל בקדושתך!



אַ באַזונדערע איבערראַשונג האָט אַרויסגערופן די מעלדונג אַז די נייע מקוה איז פאַרענדיגט געוואָרן אַדאַנק די ריזיגע תרומת הקודש דורך הרבני הנגיד החסיד המרומם, בונה ומקים עולמות של תורה וטהרה, הרה"ח המרומם מו"ה ישראל גאָלדבערגער שליט"א, מחשובי ופארי קהל יטב לב, וועלכער האָט בנדבת לבו אָפּגעקויפט דעם זכות פון די פּראַכטפולע מקוה וואָס איז אויפגעבויעט געוואָרן אויף אַ גאר שיינעם פאַרנעם לטהרתן ולקדושתן של ישראל, מיט אלע חומרות והידורים כהוראות מרן רבינו הקוה"ט זי"ע מייסד העיר רבתי, און אָפּגעקויפט דעם זכות "שם המקוה" על שמם פון דעם חשוב'ן נדבן וזוגתו החשובה מרת הענדל מרים שתחי'.

דערמיט האָט דער אַלעמען באַליבטער בונה ומקים געשפּינט נאָך רינגעלע אין דעם גאָלדענעם קייט פון זיינע פילאַנטראָפּישע השגות אין צדקה וחסד, אַלס אַ טייל אין דעם נעץ פון פּרעכטיגע "ביניני גאָלדבערגער" וואָס באַלייכט דעם האָריזאָנט פון תורה וטהרה אין קרית יואל און אין אַנדערע שטעט. ווישראל עושה חיל, וואָס זיינע לייסטונגען פאר די הייליגע פעסטונגען פון תורה, חינוך הדורות און טהרה ווייסט נישט פון קיין אָפּשטעל. זכות המצוה יגן בעדו להתברך בכל מילי דמיטב!

מיט דער די באַנייאונג פון דער נייער מקוה וועט די גאנצע געגנט געהויבן ווערן עשר מעלות מיט אַ געוואַלדיגע כח הטהרה והקדושה, און גלייכצייטיג גייט אן די פיבערהאַפטיגע אַרבעט צו אויפבויען און פאַרענדיגן נאָך עטליכע מקוואות און בתי מדרשים אין דער געגנט, לבנות עיר על תילה לשם ולתפארת!

אשריכם ישראל, לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם, אביכם שבשמים!


בס"ד
אחים לדעה בדעה אחת ובעצה אחת!
בליץ
רעגיסטראציע
וואס וועט ארויסהעלפן
אונזער קהלה און מוסדות
ACHIM LEDEAH
ORANGE COUNTY
סאטמאר
אחים לדעה
קרית יואל
אחים לדעה
בליץ
רעגיסטראציע
אלול תשפ"ב
אויפן רוף פון די געטרייע עסקנים:
יעדער שטים
בארעכטיגטער
רעגיסטרירט זיך!

# אינטערנאַציאָנאַלער אידנטום פלאַקערט מיט רחמנות־ברען צו ערצייגן היסטאָרישע מעגאַ "רעזולטאַטן" פאַר "רפואה העלפליין" וואָס באַווייזט אומבאַגרייפליכע וואונדער "רעזולטאַטן" פאַר חולי ישראל

**רפואה העלפליין'ס רעזולטאַטן: באַגלייט טויזנטער חולים צו זייער רפואה בעז"ה!**
**כלל ישראל'ס רעזולטאַטן: פינף מיליאָן פאַר רפואה העלפליין!**

## דינסטאָג און מיטוואָך תבוא

## 36 שטונדן • 2 טעג • מיליאָנען פאַר די חולי ישראל!!!!

אַרמיי פון "הונדערטער טיעמס" מאָביליזירט דורכצוברעכן קרעפטיגע, מאַכטפולע, שטורמישע רעזולטאַטן פאַר די מסירת-נפש'דיגע לעבנס-רעטער און האַרציגע באַגלייטער פון חולי ישראל

כלל ישראל ווייסט, אַנערקענט, שעצט און גלאָריפיצירט די "רעזולטאַטן" וואס די "קעיס וואָרקערס" פון רפואה העלפליין באַווייזן בחסדי ה' אין די שווערסטע קאָמפּליצירטסטע סיטואַציעס און מחלות ה"י וואָס אידישע קינדער מוטשען זיך אָפּ ל"ע להמציא להם רפואה בעזר ה'

ר ע ז ו ל ט אַ ט ן   ו ו י   נ אָ ך   ק י י נ מ אָ ל   ב ע פ אָ ר :

**ווייטאָגליכער צושטאַנד און איפשטייגענדע ציפערן פון חולי ישראל ה"י וועלכע וואַלגערן זיך בכל מיני חולי ומדוה אין זייערע שפיטאָל-בעטלעך, המקום ירחם עליהם, פאָדערט פאַרדאָפּלטע פאַרשטאַרקטע "רעזולטאַטן" אין פאָרעם פון "מיליאָנען" דאָלאַרן להציל נפשות!**

ניו יאָרק.– "עשה למען רחמיך הרבים"!!! כלל ישראל, דאָס רחמנות'דיג פאָלק, וואָס רחמים על החולים פליסט אין אירע אָדערן, איז אַצינד צעפלאַקערט און צעפלאַמט! וואָס אַזאָנס האָט פאַסירט? מ'איז דורכגעריסן אין די הערצער-טיפענישן פון די מיטמאַכענישן פון די חולי ישראל; מ'איז איבערגענומען פון די אומגלויבליכע "רעזולטאַטן" וואָס ווערן ערצייגט למענם ולמען רפואתם דורך די געטרייע פאַרזאָרגער, פאַרטרעטער און באַגלייטער פון חולי ישראל, די וועלט-בארימטע און רעספעקטירטע "רפואה העלפ-ליין" וואָס דינט אַלס "רעטונגס ברעט" פאַר די חולי ישראל, בעזרת ה', ערצייגנדיג פאַר זיי, בעזרת ובשם ה', אומגלויבליכע "רעזולטאַטן"!

די "רעזולטאַטן" זענען נאָכנישטאָ, דער קאַמפּיין איז נאָכנישט אַריין אין קראַפט, אָבער כלל ישראל ווייסט זייער קלאָר, זייער דייטליך, וואָס צו ערוואַרטן. מ'זעט שוין די "רעזולטאַטן" פאַר די אויגן!

כלל ישראל, דאָס הייליג פאָלק – וואָס איר סאַמע אידענטיטעט איז דאָך "רחמנים בני רחמנים"; מיטלייד און מיטגעפיל מיט נשברי לב איז איינגעפונדעוועט אין אונזער קאָלעקטיווע האַרץ – וואַך, אָנגעצינדן, אויפגעפלאַמט, גרייט און מאָביליזירט, אַז מ'גייט דאָ באַווייזן אַ רעזולטאַט ווי נאָך קיינמאָל בעפאָר; אַ בליץ-קורצע צייט, פון אונטער צוויי מעת לעת, אין אידיש גערעדט: "זעקס און דרייסיג שטונדן", צונויפצושטעלן "מיליאָנען רעזולטאַטן" פאַר רפואה העלפ-ליין!

ווייל כלל ישראל'ס האַרץ קען מער נישט צוקוקן, קען מער נישט דורכטראָגן, קען מער נישט אויסהאַלטן, צו זען ווי "אַזויפיל" חולי ישראל ראַנגלען זיך און מוטשען זיך פאַר זייער "לעבן", מיט אַזויפיל ווייטאָגן, אַזויפיל מחלות, אַזויפיל צער, אַזויפיל מיטמאַכענישן, ה' ירחם, און מ'ווייסט קלאָר, אַז ווען מ'וועט ערמעגליכן פאַר "רפואה העלפליין" צו האָבן די געלט און כוחות צו קענען יעדן באַגלייטן, דאַן העלפט מען זיי בעזר ה' צו גרייכן גליקליכע גאָלדענע "רעזולטאַטן", להמציא להם רפואה וישועה בסייעתא דשמיא!

"רעזולטאַטן"! אָבער נישט פשוט'ע, נישט געווענליכע, נישט איינפאַכע, נאָר היסטאָרישע!

ווייל מיר ווייסן און מיר פאַרשטייען אַז בלויז אַזוי קען מען זען די "רעזולטאַטן", ווי צענדליגער געטרייע ק ע י ס - ו ו אָ ר ק ע ר ס באַגלייטן און אַדוואָקאַטירן פאַר די טויזנטער חולים וועלכע וואַלגערן זיך נעבעך פאַר יסורים, צער און שרעק, און מ'טוט זיי באַגלייטן, ראַטעווען, און היילן, דורך די מאַקסימום השתדלות, זיי דערלייכטערן צוצוקומען צו אַ גאַנצע רפואה וישועה בעז"ה.

## די "וואונדער רעזולטאַטן" וואָס שאָקלען די וועלט!

כלל ישראל שטייט און שטוינט פון די וואונדערליכע "רעזולטאַטן" וואָס "רפואה העלפליין" – די גלאָבאַלע ארגאניזאציע צו העלפן און באגלייטן חולי ישראל – טוט ערצייגן פאַר די אידישע קינדער וואָס מוטשען זיך אָפּ מיט כל חולי וכל מדוה, המקום ירחם עליהם.

מיט די גרעסטע מאָס פּראָפעסיאָנאַליטעט, מיט די העכסטע ערפאַרונג, מיט די שטאַרקסטע וויסנשאַפט, מיט די מאַכטפולסטע קאָנטאַקטן אין עולם הרפואה, ערצייגט מען בחסדי ה' טאָג-נאָך-טאָג לעבטיגע, פרייליכע און גליקליכע רעזולטאַטן פאַר כלל ישראל!

אַדאַנק די מסירת נפש'דיגע באַמיאונגען און באַגלייטונג פון די "רפואה העלפליין" קעיס-וואָרקערס, ברענגט מען דאָך צוריק אַהיים, בפועל ממש, בעזר ה' הטוב, אַזויפיל טאַטעס, אַזויפיל מאַמעס, אַזויפיל בחורים, אַזויפיל מיידלעך, אַזויפיל פיצלעך קינדער, געזונט און שטאַרק צו זייערע משפחות, מיט פרייליכע גאַנצע הערצער, בחסדי השם!

"רפואה העלפ-ליין" – מער דאַרף מען נישט זאָגן. קיין איין וואָרט נישט מער.

יעדער וואָס איז אַמאָל דורך אַ געזונטהייט-שרעק, יעדער נאָענטער משפחה-מיטגליד פון אַ קרוב וואָס איז נעבעך נתנסה געוואָרן בעשר נסיונות פון די ביטערע מחלות און דיזיעז ה"י, ווייסט פון רפואה העלפ-ליין – און רפואה העלפ-ליין ווייסט פון זיי!

רפואה העלפ-ליין איז אַ וועלט'ס אפאראט פון "הילף, רעפוירעלס און מעדיקל באגלייטונג" פאַר חולי ישראל, וואָס באַגלייט די חולי ישראל טריט

נאָך שריט, ביז צו זייער פולקאָמע רפואה בעז"ה.

## פונעם ערשטן טעסט "רעזאָלט" ביז צו די סעודת הודאה!

ווען עס קומט צוריק די "טעסט רעזאָלטס" פון אַ אידיש קינד וואָס צייגט חלילה אַז מ'איז דיאגנאָזירט געוואָרן מיט סיי וועלכע מחלה, מיט סיי וועלכע געזונט-קאָמפּליקאַציע, ווערט מען דאך פאַרלוירן אין איין שטיק בהלה און פּאַניק. וואו גייט מען? וואו קערט מען זיך? אוי געוואלד, וועל איך דאס דורכלעבן?

דאָס האַרץ, דאָס אידיש צעריסענע האַרץ, פונעם חולה צעשפּאַלט זיך אין צווייען, דערשראָקן און מבוהל, אַזוי צעמישט נעבעך, מ'ווייסט נישט וואו צו לייגן דעם נעקסטן טריט! איז דען נאָך בכלל געבליבן עפּעס צו טון אין אזא שוידערליכן מצב, ווען אַלעס קוקט אויס שוואַרץ?!

אָט דאָ קומט אַריין "רפואה העלפּ-ליין" אלס מלאך המושיע! מ'כאפּט אָן דעם חולה ביי איין האַנט, זיין משפחה ביי די צווייטע האַנט, און אינאיינעם הייבט מען אָן שפּאַנען אין די העכסטע מעדיצינישע קאָרידאָרן וואָס דער עולם הרפואה פאַרמאָגט נאָר, און בעז"ה באַגלייט מען צו די פולקאָמע רפואה בסייעתא דשמיא!

אָנגעהויבן פון אָפּליינען און עקזאַמינירן די "טעסט רעזולטאַטן"; ווייטער צו די "ריפערעלס", צוצופּאַסן און צוניפצושטעלן פּאַציענטן מיט די סאמע גרעסע דאָקטורים און מעדיצינישע ריזן וואָס שאָקלען דעם עולם הרפואה; ווייטער צו "עקספּעדייטן" אַפּוינטמענטס, וואָס קענען נעמען "חדשים" צו צושטאַנד-קומען אין בלויז "שטונדן"; ביז'ן באַגלייטן אויף יעדן טריט און שריט; וויאַזוי מ'זאָל זיך פירן; וואו מ'זאָל זיך ווענדן; שאַפן "עמערזשענסי פּראָצעדורן"; העלפן מיט'ן שאַפן "מעדיקל רעקאָרדס"; ביז'ן אראנזשירן און באצאלן גאָר קאָסטבאַרע "מעדיקל עיר טרענספערס", און אַזוי ווייטער אָן אַ שיעור, און אָן אַן ערך.

## אַ וועלט'ס אימפּעריע צו ראַטעווען און העלפן חולי ישראל!

רפואה העלפליין איז אויפגעשטעלט – און פונקציאָנירט – מיט איין ציל: צו ערצייגן קאָנקרעטע האַרטע "רעזולטאַטן" פאַר די חולי ישראל.

אין דריי באַזונדערע הויפּטקוואַרטירן, אין ניו יאָרק סיטי, אַפּסטעיט ניו יאָרק און לעיקוואָוד ניו זשערסי, אַפּערירן צענדליגער געניטע "קעיס וואָרקערס", וועלכע זענען די פּאַקטישע באַגלייטערס פון די חולים, און זיי נעמען אויף די "הונדערטער קאָלס" יעדן איינציגן טאָג.

אונטער יעדע קאָל ליגט פּיין און אייטער, שרעק און ציטער, אידישע קינדער, טאַטעס און מאַמעס וואָס קוקן אַרויס אויף "רעזולטאַטן"; זייער קינד, זייער נשמה'לע, זייער מאַן, זייער פרוי, זייער טאַטע, זייער מאַמע, זאָל שוין אויסגעהיילט ווערן און קומען צוריק אַהיים!

דאָס איז דאָך נישט בלויז "פיזישע" מחלות, נאר אַזויפיל "נפשיות'דיגע" מיטמאַכענישן, ה"י, וואָס זאָל מען נישט זיך אַריינוואַרפן צו ראַטעווען, קען דאָך די רעזולטאַטן ביטער זיין, אַזויפיל אידישע הייזער זענען אין געפאַר פון צוגרינד גיין רחמנא ליצלן. ווי קען מען עס אפילו אויפ'ן פּאַפּיר אַרויסברענגען?!

קיין איין קאָל פון אַ אידיש קינד, פון א חולה מישראל, פון די שווערסטע קעיס ביז די מינדעסטע מיטמאכעניש וואס א מאמע האט מיט א קינד, ווערט נישט צוריקגעוויזן! יעדן הערט מען אויס, בעז"ה, יעדן העלפט מען, יעדן באַגלייט מען, ביז'ן גרייכן א רפואה וישועה בעזר הבורא!

יעדער קעיס ווערט באהאנדעלט, דורכגעשמועסט, אויפגעשטעלט אַ פלאַן וויאַזוי מ'וועט דאָס באַגלייטן און באַהאַנדלען, ביז'ן זען רעזולטאַטן בעז"ה.

אונטער די געניטע פירערשאַפט פון די העלדישע משפחת לאנדא שיחי', וועלכע זענען זיך מקריב חלבם ודמם, די טעג און די נעכט, צו העלפן באגלייטן אידישע קינדערלעך צו זייער רפואה וישועה, באַווייזט מען ב"ה גדולות ונצורות.

## איבערקערן די רעזאָלטס של דין צו רעזאָלטס של רחמים!

דאָס וואָרט "רעזאָלטס" וואַרפט זיך אין די רפואה-העלפליין הויפּטקוואַרטירן יומם ולילה. טאָג טעגליך.

דאָס האַרץ בייגט זיך און שפּאַלט זיך ווען מ'לייענט פאַרפלעקטע "רעזאָלטס" ר"ל וואָס זאָגן אָן בשורות מרה כלענה. פחד פחדים!

אָט דאָס מאָטיווירט די קעיס-וואָרקערס צו טון אַלעס – "אלעס" במלוא מובן המילה – אויף דער וועלט, צו מהפך זיין די רעזאָלטס של דין צו רעזאָלטס של רחמים!!! איבערדרייען די אפילה צו אַן אור גדול!

איבערנעמען דעם קעיס פונעם חולה, אנגאזשירן די בעסטע דאָקטוירים, איבערקערן די וועלט פאַר די נייעסטע מעדיצינישע ערפינדונגען, איינרייסן מיט די לעצטע כוחות פאַר א "סעקאָנד אָפּיניען", און בעזר ה' אַזוי אַרום ערצייגן ליכטיגע רעזולטאַטן, ריינע רעזולטאַטן, זויבערע רעזולטאַטן, גליקליכע רעזולטאַטן, מיט א גענצליכע רפואה בעזר ה'!

כלל ישראל פרייעט זיך מיט די רעזולטאַטן!

חסדי ה', כלל ישראל דאַנקט און לויבט, על כן נודה לשמו ונהללו בפינו, אויף די טויזנטער און טויזנטער גליקליכע "רעזולטאַטן" וואָס איז שוין באַוויזן געוואָרן דורך די הימלישע שליחים פון "רפואה העלפליין"!

די רעזולטאַטן זענען דאָך אַזוי ליכטיג! אַזוי פרייליך! אַזוי וואונדערבאַר! וויפיל ימ'ען פון שמחה'דיגע טרערן גיסן זיך פון די רעזולטאַטן!

אַזויפיל סעודות הודאה, אַזויפיל צוריק-באַלויכטענע הייזער מיט זייער ראש משפחה אינדערהיים, אַזויפיל מאַמעס האַלזן ווידעראַמאָל זייערע שעפעלעך אין די אייגענע היים אַנשטאָט אין חשכות'דיגע שפיטאָל-שטאָקן, נאָכ'ן ווערן באַגלייט אויף טריט און שריט ביז'ן זען ווי זיי ערהוילן זיך צו א גענצליכער היילונג, אַהיימקומענדיג געזונט און שטארק אדאנק די הארציגער שטיצע פון כלל ישראל!

די שמחה איז עד אין לשער! עד אין שיעור וערך! און די שכינה הקדושה ופמליא דילי', כביכול, פרייען זיך מיט די שמחה מיט!

## צו ערצייגן אַזעלכע "רעזולטאַטן" קאָסט דאָך מיליאָנען!

אַזאַ מעכטיגער אפּאראט אויפצוהאלטן, קראַנט און פּראפעסיאנאל, קאָסט אָפּ עפרות זהב וכסף. "מיליאָנען", במלוא מובן המילה! וויפיל מ'האט, וויפיל ס'קומט אריין, איז אלץ נישט גענוג, ווייל מ'קען נאך פיל מער, אסאך מער אויפטון.

די הילפס-רופן פאַר באַגלייטונג אַזוי דראַמאַטיש געשטיגן, און "רפואה העלפּ-ליין" שטייט מיט'ן גאנצן האַרץ געטריי, אויפצונעמען יעדע קאָל, אַז מ'זאָל קיין שום חולה בישראל חלילה נישט דאַרפן אָפּזאָגן.

אָבער, מען שטייט יעצט בצאת השנה, און רפואה העלפליין שרייט אַצינד אַרויס אַ קריטישע בקשה: אזעלכע 'רעזולטאַטן' צו ערצייגן קאָסטן מיליאָנען!

טייערע אידן, הארציגע כלל ישראל, מיר קענען אונזערע טעג און נעכט אַוועקגעבן, אונזער האַרץ, נשמה און געפיל מקריב זיין, אונזער מח און מחשבה אוועקאפּפערן, אונזער מנוחה אַוועקשענקען, יאָ האַרצן-גערן! ווייל מיר זענען דאָ בלויז פאַר דעם, צו דעליווערן ליכטיגע רעזולטאַטן בעז"ה.

אָבער, געוואַלד, די ריזן קאָלאָסאַלע "געלטער", די פאַנטאַסטישע אוצרות וואס "ס'קאָסט" קען מען נישט אליין אויפקומען! מ'דארף דאך באצאלן פאר איינגעשטעלטע, מ'מוז פינאַנצירן די הוצאות, מ'דאַרף דאָך קענען אָנגיין מיט די פעולות! וויאַזוי קען מען דען?!

## אָט דאָ קומט אַריין כלל ישראל – מיט מעגאַ רעזולטאַטן!!!

די פראַגע איז טאַקע קריטיש און

זכרון
תורת מש"ה
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל
מוסר • ש"ס • הלכה
• קרית יואל •

בס"ד

לוח הלימודים

חבורת
לומדי ש"ס
ישראל ואורייתא
פטרון מסכת מנחות
הרבני הנגיד התורני
מו"ה אברהם בנימין אלימלך קרויס הי"ו

פרשת כי תבוא

| | היום | שבוע | חודש |
|---|---|---|---|
| יום א' | יג: | יא. | ג: |
| יום ב' | יד. | יא: | ד. |
| יום ג' | יד: | יב. | ד: |
| יום ד' | טו. | יב: | ה. |
| יום ה' | טו: | יג. | ה: |

בחינה א' במסכת מנחות
יתקיים אי"ה
יום א' פ' תבא

SPONSORED BY:
PRO DECKS
BECAUSE OUR PROFESSION IS LIMITED TO DECKS, OUR PROFESSIONALISM AT DECKS IS UNLIMITED.
T: 845.352.DECK (3325) F: 845.371.3325
E: DECKSNY@GMAIL.COM W: PRODECKS.COM

קול זכרון • 718.387.1010

מאָנענד, אָבער דער תירוץ איז אויף דעם הילכיג און קלאָר: ר-ע-ז-ו-ל-ט-אַ-ט-ן!!! כלל ישראל איז דאָ דערמיט!!!

כלל ישראל האלט פאר די אויגן, אז די וואונדער-רעזולטאטן מיט די געהיילטע חולי ישראל, איז בחסד ה׳ כלל ישראל׳ס רעזולטאַטן!

ס׳איז אָט די אומצווויידייטיגע שטיצע וואָס כלל ישראל האָט אַהערגעשטעלט אין די לעצטערע יאָרן, וואָס האָט ערמעגליכט "רפואה העלפליין" צו שפּאַנען פאראויס, מחיל אל חיל, עפענען פרישע אָפיסעס, אויפנעמען נאָך קעיס-וואָרקערס, פאַרברייטערן די הילף-אַקטיוויטעטן נאָך מער און נאָך ווייטער. נאָך אַ איד העלפן, נאָך אַ חולה באַגלייטן, נאָך אַ פּאַציענט ראַטעווען!

כלל ישראל, זאָל עס יעצט קלאָר און דייטליך אויסגעשריגן ווערן:

אינעם יעצטיגן מינוט שטייען – ליגן – הונדערטער חולי ישראל און זיי לעכצן, זיי צאַפּלען, זיי וואַרטן, אויף רעזולטאַטן!

זיי דרייען זיך אויף זייערע בעטן, רתוק למטת חליים, געבינדן צו אָטעם-מאַשינען, און זיי ווילן בלויז איין זאַך, קיין כבוד, קיין געלט, קיין מותרות, קיין שיינע הייזער.

זיי ווילן "ל-ע-ב-ן"!!!!

אַרויס פון שפּיטאָל! אַן עק צו די יסורים, רבונו של עולם! אַן אויפהער צו די שטעכערייען! אַן ענדע צו די כימאָ וואָס מאַכט אַ חורבן פונעם צעבראָכענעם קערפּער!

זיי ווילן דאָך בלויז איין איינציגן רעזולטאַט: אַ רפואה שלימה! איינער זאָל זיי העלפן און באַגלייטן, בעז"ה, דערצו!

כלל ישראל, ס׳פרעגט זיך! ס׳שרייט זיך:

וויאַזוי - קען - מען - זיי - דאָס - צוריקווייזן??!!

גייט מען טאַקע נישט צוריקווייזן! קיינמאָל! חלילה וחלילה! וואָס יאָ? כלל ישראל גייט יעצט, הפעם הזה, אויפווייזן גענוי אַקוראַט פאַרקערט: כי קרובה רפואתכם לבוא! מיר וועלן דעליווערן "רעזולטאַטן" פאַר ענק, חולים שבורים, ווי איר קענט זיך גאָרנישט גלייבן!

כלל ישראל׳ס האַרץ גייט וואַרפן מיט אירע שענסטע קאָלירן, מיט אירע נאָבעלסטע פאַרבן! כלל ישראל׳ס האַרץ גייט קאָכן מיט אהבת ישראל, מיט רחמנות על חולי ישראל, און מ׳גייט גיסן אלפים ורבבות ומיליאָנען, ככר כסף, שטיקער גאָלד, שטיקער האַרץ, אַלעס כדי ס׳זאָל נישט פאַרבלייבן אפילו איין צעבראָכן האַרץ וואָס זאָל חלילה דאַרפן אָפּגעזאָגט ווערן פון הילף!

## כלל ישראל און די חולים ערוואַרטן די רעזולטאַטן מיט שפּאַנונג

אָט שטייט מען שוין אַ שפּאַן אַוועק פון די הייליגע טעג, ווען מ׳גייט זיך אויסבעטן שלח רפואה שלימה לחולי עמך! די גאַנץ-יאָריגע געשעענישן וואָס קומען, איז דאָך אלץ רעזולטאַטן פון די פּאָרכטיגע ימים הנוראים! כלל ישראל׳ס "הכנה" צו די הייליגע טעג גייט אצינד זיין דעם קומענדיגן דינסטאָג און מיטוואָך תבוא, ווען יעדער יחיד מישראל גייט אויסשטרעקן דאָס האַרץ פאַר׳ן הייליגן באַשעפער, און אַריינבלאָזן לעבן אין אידישע קינדער; צייגן אַז מיר זענען דאָ מיט אונזער אומגלויבליכן כח הצדקה וואָס מיר פאַרמאָגן נאָר פאַר הקב"ה, רופא חולי עמו ישראל, כביכול!

מיט שפּאַנענדע געפילן גרייט זיך כלל ישראל אויף די רעזולטאַטן. זעקס-און-דרייסיג שטורמישע שטונדן ווען כלל ישראל אינטערנאַציאָנאַל, פון אַלע שיכטן און שאַטירונגען, וועט זייך צונויפקומען כאיש אחד בלב אחד אויפן קאמפיין פעיזש charidy. com/refuah אדער דורכן טעלעפאָן סיסטעם 845.606.9222 וואו אַן אַרמיי פון הונדערטער געטרייע "טיעמס" האָבן זיך מאָביליזירט, און אינאיינעם האַנט ביי האַנט, האַרץ צו האַרץ, גייט מען שפּאַנען מיט מעכטיגע שריט צום אַסטראָנאָמישן ציל פון "מיליאָנען" פאַר "רפואה העלפליין" – רעזולטאַטן וועלכע וועט בעז"ה ריזיג און מאַכטפול דערגרייכט ווערן!

כלל ישראל קען באַווייזן אַזעלכע רעזולטאַטן; קיין ספק נישט. און אַז כלל ישראל "קען", איז קלאָר ווי דער טאָג אַז כלל ישראל "וועט"! פאַראייניגט צום ציל, און עס אי"ה איבערשטייגן; פילפאַכיג!

אָט די "מיליאָנען דאָלאַרן-רעזולטאַטן" וועלן באַשאַפן "מיליאנען מליצי יושר", מיט וועלכע וועלן מיר אַלע שפּאַנען צו די ימי הדין, אויס׳פּועל׳ן ביים קל רחום ונאמן הרופא לשבורי לב ומחבש לעצבותם, גאָלדענע רעזולטאַטן צום נייעם יאָר, מ׳זאל שוין נישט הערן אזויפיל צרות, אַלע אידישע קינדער זאלן זיין געזונט און שטאַרק, ביז׳ן גענצליכן "והסירותי כל מחלה מקרבך", בביאת גואל צדק, בב"א.

**מאַכטפול און שטוינענד: כלל ישראל באַווייזט קיינמאָל-בעפאָר-געזעענע רעזולטאַטן!**

**דינסטאָג און מיטוואָך תבוא • מיליאָנען פאַר די חולי ישראל!**






בס"ד

שכן חובת כל אחד ואחד:

עס איז יעדנס

# מינימאלע פליכט!

לטובת קהלתינו ומוסדותינו הק'



די עסקנים פאדערן פון אייך!
**בלויז עטליכע סעקונדען!**
טוען די מינימום אחריות!

ACHIM LEDEAH
ORANGE COUNTY
סאטמאר
אחים לדעה
קרית יואל

אחים לדעה
בלין
רעגיסטראציע
אלול תשפ"ב

אויפן רוף פון די געטרייע עסקנים:
יעדער שטים
בארעכטיגטער
רעגיסטרירט זיך!

# COMMERCIAL

### ROUTE 208

For Rent
Corner Mountain Rd. Great location!

### MOUNTAIN

For Rent
Many offices in a beautiful condition! Right next to kj. Stunning grounds!

### RT. 17M

For Rent
7,500 sq. ft. Retail/office, Create a space according to your own needs! Luxurious -state of the art building, irresistible!

### Lake Street

For Rent
2900 sq. ft. Professional and brand new for retail or offices!

### MERON

For Sale
Big Store space for sale!

16 Meron, Prime location!

### Pullman

For Rent
Luxurious office suites in woodbury Junction.

### SATMAR DRIVE

For Rent
Excellent Location!

### CORPORATE DR.

For Rent
Office available in professional building. Next to Woodbury Commons!

**Getzel Berger**
Big 3 room office in an excellent location! — Rent

**141 Acres**
Stunning offices on the second floor. — Rent

**208 Corner Mountain Rd.**
Offices, great location! — Rent

**Route 17M**
Few nice office suites in a professional building! — Rent

**Kerestier**
1,200 square feet. Unfinished basement, very nice! — Rent

**Garfield** - Huge store space! — Rent

**Mordechai Sher Blvd**
4,600 sq ft. Great for retail or office space! — Rent

**Lemberg** - Offices. Excellent price, big rooms! — Rent

**Schunemunk** - Many spacious offices! — Rent

**Taitch** - Nice office! — Rent

**Hamburg Way** - Very comfortable offices! — Rent

**SVM** - Basement space offices or playgroup! — Rent

**Apple Hill (Country Hollow)**
Many beautiful upgraded walk-in offices! — Rent

# INVESTMENT

### WAWAYANDA AVE.

For Sale
Single Family home in Middletown NY. Rental Income of $2,275. Asking $319k.

### MONGOMERY ST. WALDEN NY

For Sale
Upgraded 2 Family house. Rental income of $2900 Monthly.

### CHESTER ST. MONROE

For Sale
Single family, Chester St. Monroe NY 10950. Rental income $2200 asking $329k.

# loop Corner

## *Real Estate* quote

"I can find you a great apartment,in a great location,for a low price. Pick two."

## *Real Estate* market

July 2022 existing-home sales were down 5.9% from June and 20.2% from one year ago, with all four major U.S. regions recording month-over-month and year-over-year declines.

## *Real Estate* tips

Take a look at the home's floors; they tell you a lot about how well the property has been cared for and its condition.

LOOP WEEKLY LISTING

## RESIDENTIAL

### ACRES


5 room apartment, recently renovated. cash deal.

### STRELISK


7 room plus an attic. Excellent condition and great location!

### WOODBURY JUNCTION


Brand new private house with beautiful grounds! One time opportunity

### GETZIL BERGER


Stunning condition! 9 room apt. Very airy & spacious!

### OLD COUNTRY ROAD


8 room newly renovated private house! Brand new condition!

### PINE HILLS


7 room private house in a stunning condition!

### HOLLIS ST.


Sizable nice house in highland Mills.

### .133 PINE HILL


private house in Highland Mills.

**Lemberg**
6 room gorgeous apartment on the top floor on Lemberg! — Sale

**Lizensk**
5 room apartment in prime location. Rental income of 2,000 — Sale

**Koznitz**
Gorgeous 9 room apartment in prime location — Sale

**Shchines Vayoel Moshe**
Many 5 room apartments avail. - Great for investments! — Sale

**Strelisk**
7 room apartment with an elevater. Has 3 occupied office as income! Great investment opportunity! — Sale

**Getzel Berger**
9 room spacious apartment in prime location-stunning condition! — Rent

**Lizensk**
4 room apartment in a gorgeous condition! — Rent

**Lizensk**
5 room apartment-section 8 preffered. — Rent

**Pine Hills / Bloominggrove**
Beautiful 3 room apartment! — Rent

**Prag**
Spacious 9 room apartment in beautiful condition! — Rent

**Mountain View**
8 room private house with gorgeous grounds! — Rent

**Shchinas Vayoel Moshe**
5 room apartments on Austra & Beer Sheva! Only a few left!! — Rent

**Meron**
5 room apartment will be newly renovated! — Rent

**Siget**
Newly renovated spacious 4 room aprtment — Rent

**Shchinas Vayoel Moshe**
Many 4 room apartments, ideal for offices, playgroups etc.!! — Rent

**Furnished apartments around KJ!**
Many sizes for great prices! — Rent

**Getzel Berger**
Two 3 room apartments available on 6 Getzel Berger. — Rent

loop REALTY

Lic: #10311209368

Residential | Commercial | Sales | Rentals

נפתלי הירצקא לאנדא
הערש אלימלך ניעדערמאן

**Upstate:** 845-388-1155
**Brooklyn:** 718-925-2262

### כי למחי' שלחני:

# געפילן פון פרייד ביי אימפאזאנטע מעמד יציקת היסודות פון גרויסער לאָקאַל פון באַרימטע "פעפערמינט" סופּערמאַרקעט, אין צענטער פון בלומינגראוו

## דערהויבענער מעמד ווערט באַשיינט דורך ראשי ועסקני העיר ועל צבאם הגאוה"צ שליט"א צו אָפּצייכענען לאַנג - ערוואַרטעטער מאָמענט פון ערשטע אידישע גראָסערי אין דער בלומינגראוו אומגעגנט

מיט אומבאַגרעניצטע ערוואַרטונג און רגשי שמחה האָבן די הונדערטער משפּחות, בלומינגראוו'ער איינוואוינער, באַגריסט די בשורה מרנינה ווען מען איז בשעה טובה ומצלחת צוגעטרעטן צו די פּאַקטישע און גאַלאָפּירנדע אויפבוי פון דעם שפּאָגל נייעם רחבות'דיגע לאָקאַציע פון דער וואויל - באַקאַנטער "פעפערמינט" סופּערמאַרקעט, וואָס וועט בעז"ה זיין די סאַמע - ערשטע גראָסערי געשעפט אין דער גאַנצער בלומינגראוו אומגעגנט, און וועט בעז"ה זיין גרייט צו באַדינען די הונדערטער איינוואוינער אין די גאָר נאָנטע וואָכן!

שטייענדיג ביי אַזאַ גליקליכע און לאַנג ערוואַרטעטע מינוט איז דעם פּאַרלאָפענעם דינסטאָג שופטים העעל"ט אָפּגעראָכטן געוואָרן די באַשיידענע מעמד פון גיסן דעם "פוטינג" פאר דעם פרעכטיגן נייעם געביידע וואָס ווערט אין די טעג אַרויפגעצויגן אין אַ בליציגע שנעלקייט.

דער באַשיידענער מעמד איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן מיט אן ענגע באַטייליגונג פון ראשי ועסקני העיר, איבערהויפּט די צוויי געטרייע שליחי הציבור און געהילפן צום מעיאָר, הר"ר יואל שטערן הי"ו מיט הר"ר יצחק עקשטיין הי"ו, וועלכע האבן אסאך כוחות אינוועסטירט צושטאַנד צו ברענגען דעם פּראָיעקט פאר די בענעפיט פון די הונדערטער משפּחות, ונוצר תאנה יאכל פריה.

עס האט זיך אויך באַטייליגט הרה"ח ר' ליפא לויפער שליט"א מנאמני בית הגה"צ מורינו שליט"א, וועלכער באַגלייט די אנטוויקלונגען פון דער נאָנט, פון אָנהויב ביז אַצינד ווען מען איז שוין ב"ה צוגעטרעטן צו די בוי - אַרבעט.

אין שפּיץ פון די אָנוועזנדע האָט זיך אָנגעזען דאָס השתתפות פון די חשוב'ע רבנים פון דער שטאָט. צווישן זיי הרה"ג ר' שמעון דייטש שליט"א, רב דביהמ"ד שערי חיים -שכונת קאנטרי האַלאָו, און הרה"ג ר' שמעון זאב מייזליש שליט"א רב דביהמ"ד ישמח משה - דינוב, וועלכע האבן באשיינט דעם מעמד און האָבן געגאָסן די יסודות פון דעם צענטער וואָס וועט בעז"ה צושטעלן אַזויפיל הנאה און באַקוועמליכקייט פאר אַלע תושבי העיר.

ביי דעם מעמד איז אַרויסגעהויבן געוואָרן אַז די הונדערטער תושבי השכונה קוקן שוין אַרויס עטליכע יאָר צו האָבן אַן אייגענע לאָקאַלע סופּערמאַרקעט, וואָס זאָל זיין אַהערגעשטעלט נאָנט צו דער האַנט מיט אַלע וויכטיגע טאָג טעגליכע געברויכן.

ביז לעצטנס האָט דאָס נישט געקענט צושטאַנד קומען צוליב די פילע שטערונגען דורך די אַרומיגע פיינטליכע עלעמענטן, אָבער אַדאַנק די איבערמידליכע אַרבעט פון דער היימישער ווילעדזש אַדמיניסטראַציע האָט מען ב"ה דערגרייכט דעם מאָמענט ווען מען בויעט שוין אַקטיוו די הערליכע גראָסערי וואָס וועט סערווירן די גאַנצע געגנט מיט דאָס בעסטע און שנעלסטע סערוויס, מיט וואָס "פעפערמינט" איז אַזוי גוט באַקאַנט.

אַ ספּעציעלע מאמענט איז געווען ווען דער אַלעמען באַליבטער אייגנטומער פון דעם געשעפט, הר"ר יואל ראָטה הי"ו, האָט געגאָסן די פוטינג פאר דעם הערליכן נייעם לאָקאַל. הר"ר יואל הי"ו איז ווירקליך באַקאַנט מיט זיין געוואלדיגע לב טוב און רואיגע באַנעמונג, ועל כולם זענען זיינע לייסטונגען גאָר באַגריסנד זייענדיג דער פּיאָנער וועלכער האָט פון די ערשטע מינוט אַריינגעלייגט אַסאַך פאָקוס און כוחות צו סערווירן געטריי אַלע תושבים פון אַלע נייע געגנטער אינערהאַלב קרית יואל רבתי, אין צוגאָב צו זיין איבערגעגעבענע סערוויס פאר תושבי קרית יואל, וואָס איז באַרימט ביי אַלעמען מיט איר צייטליכקייט און געטריישאַפט, מוסיף והולך בקודש במדה גדושה!

נאָכ'ן גיסן די ערשטע טיילן פון די פונדאַמענטן האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ פריילעכן טאַנץ "בורא עולם בקנין השלם זה הבנין" און ס'איז אויפ'ן אָרט פאָרגעקומען אַ מסיבת לחיים, וואו מען האָט זיך געוואונטשן אַז מען זאָל טאַקע אינגיכן פייערן דעם חנוכת הבנין, אין די גאָר נאָנטע וואָכן.

בשעת דעם מסיבת לחיים האָבן די רבנים שליט"א דערמאַנט אַז דער עצם פאַקט אַז מען בויעט אַצינד די סאַמע - ערשטע גראָסערי אין דער גאַנצער געגנט, ברענגט אַמבעסטן אַרויס די הערליכע כאַראַקטער פון בלומינגראוו און די שיינקייט פון אירע דערהויבענע תושבים. ווען במשך די ערשטע יאָרן וואָס מען האָט זיך דאָ באַזעצט האָט מען בלויז געבויעט דעם רוחניות'דיגן כח פון דער שטאָט, מיט'ן אויפשטעלן בתי מדרשים לשם ולתפארת אין אַלע ווינקלען. און הערשט אַצינד, נאָכדעם וואָס דער געגנט פאַרמאָגט שוין נאָנט צו 20 הערליכע בתי מדרשים, מיט העכער א מנין ישיבות קטנות און גדולות וואס בליהט מיט א קול תורה אין הערליכע בנינים איבער אלע ווינקלען פונעם שכונה. האָט מען זיך געוואָנדן צום גשמיות'דיגן אַספּעקט פון אַהערשטעלן אַ גראָסערי, נאָך 6 יאָר וואָס מען וואוינט אין דער שטאָט. ואם אין קמח אין תורה!

די העפטיגע בוי - אַרבעט גאַלאָפּירט אין די יעצטיגע טעג פאָראויס, בשעת די הונדערטער תושבים קוקן זיך צו טאָג טעגליך מיט אומבאַגרעניצטע ערוואַרטונג צו די שנעלע אַנטוויקלונגען, מיט דער האָפענונג אַז אויף דעם קומענדיגן חודש תשרי יו"ט סעזאָן זאָל מען שוין קענען איינקויפן אין דעם גרויסן רחבות'דיגן סופּערמאַרקעט, לאָקאַל, געשמאַק און צוגעגליך, להחיות בהם נפש כל חי!





# התאחדות התלמידים
## יוצאי מתיבתא תורת משה סאטמאר מאנטריאל
תלמידי מורינו כ"ק הגה"צ דומ"ץ ור"מ זצללה"ה

בס"ד

## תאו ואתכנשו להילולא דרבי

הנני בזה להזמין את כל תלמידי ויוצאי ישיבתנו הק', אנשי שלומינו לבא להתאסף ביחד אצל

# סעודת הילולא
## סיום הש"ס ומשניות • וסעודת מלוה דמלכא

לרגל הילולא קמייתא של
## כ"ק מרן הגה"צ הדומ"ץ זצללה"ה
שחל ביום שב"ק י"ד אלול הבעל"ט לעלות זכרונו הטהור ולהתחזק בדרכיו אשר צוה לנו משה

שתתקיים בעזהשי"ת
## במוצש"ק פר' כי תצא הבעל"ט
### באולם כתר ריזל – וויליאמסבורג
212 wilson st.

**נטילת ידים בשעה 10:00 | ברכת המזון בשעה 1:00 בדיוק**

**בן יכבד אב**
ישמיע בנו ותלמידו, מורה הוראה לעדת מי מנה
הרה"ג רבי **שלמה טירנויער** שליט"א
מו"ץ בקהל יטב לב ד'סאטמאר

**ימים מקדם**
זכרונות מימי קדם ישמיע פה מפיק מרגליות מותיקי תלמידי מרן זצ"ל
הרה"ג רבי **יקותיאל יהודה וואגשאהל** שליט"א
אב"ד זרע קודש קאלאשיץ

**סיום הש"ס ומשניות ע"י הרה"ג אב"ד בית מדרשינו שליט"א**

**למען תספרו לדור אחרון**
למען ידעו פרשת גדולתו, ע"י הרבני הנכבד מותיקי תלמידי מרן זצ"ל
הרה"ח ר' **ליפא פאלקאוויטש** שליט"א
אב"י בעיר קרית יואל המעטירה

**דבר ה' מירושלים**
פעולות צדיק לחיים ומצודתו פרוסה בירושלים ע"י האי תלמיד חביב
הרה"ג רבי **דוד צבי הירש מייזליש** שליט"א
מרבני הועד קרן רבי משה מנחם בארה"ק

ויה"ר שזכותו של מרן בעל ההילולא יגן עלינו להוושע בדבר ישועה ורחמים ולכתיבה וחתימה טובה ושנת גאולה וישועה אכיה"ר

**התאחדות התלמידים**

נ.ב. נא שכ"א יסיים חלקו בש"ס ובמשניות עד יום ההילולא הבעל"ט



## באסעס צום מעמד
בשעה 9:50 בדיוק

**פון קרית יואל:**
שאפינג סענטער, סאטמאר
קאר. עיקערס, פארק און רייד
$25 ראונד טריפ

**פון מאנסי:**
מעיפל עוו. פון יוניאן
ביז פילים טערעס
$20 ראונד טריפ

## עלי' לציון
ביחד עם בניו
הגאו"צ שליט"א
**יום א' בשעה 4:00**

**באס פון וויליאמסבורג**

**צום ציון:**
נאר פאר מענער בשעה
2:15 פון בעדפארד-
וואלאבאוט - טעילאר
$25 ראונד טריפ

פון 3:00 ביז 4:00 וועט זיין
מיוחד לנשים, מענער זאלן
נישט קומען אין די צייט

היות מיר האבן נישט ארויסגעשיקט קיין הזמנות, דערפאר ביטע אננעמען ווי א פערזענליכע איינלאדענונג

אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי • קוֹל דּוֹדִי דוֹפֵק פִּתְחִי לִי:

# פילע טויזנטער פון גרעיטער ניו יאָרק ערוואַרטעט צו היסטאָרישער כינוס "אני לדודי" אויפצופלאקערן די הערצער איבער די סכנה פון די טעכנאלאגישע כלים

## דעם "זונטאָג כי תבוא" אין "עדן פעלעס" דורך וועלט-באַרימטן מלהיב לבבות הגה"צ רבי צבי מאיר זילבערבערג שליט"א ראש חבורת "נחלת יעקב"

**דער משפיע ומלהיב בלהבת שלהבת קומט צו פאָרן במסי"נ ובטירחא דגופא פון ארה"ק, אויפשטורעמען אלופי אלפי ישראל אין אַמעריקע מיט פייערדיגע דרשה ביים כינוס האדיר, און אויסקלארן מיט בשפה ברורה אלע צומישענישן איבער דעם הארבן נושא, וואס איז נוגע פאר יעדן יחיד**

**עד אפס מקום:** גיגאַנטישע "עידן פעלעס" זאַלן אין וויליאַמסבורג ווערן אויסגעשטאַט מיט טויזענטער בענקלעך פון ברעג צו ברעג צו אַקאָמאָדירן די מאַסן אלפים פון אַלע שיכטן און קרייזן

וישמעו רחוקים ויבואו:

**מאַסן-טראַנספּאָרטאַציע ווערט אָרגאַניזירט דורך ראשי העסקנים פון אלע שטעט: בארא פארק | קרית יואל | מאנסי | לעיקוואוד | אַפּסטעיט ניו יאָרק פאַר די אלפים מישראל וואָס וועלן פלייצן מכל המקומות לשמוע את דבר ה'**

אינטענסיווע כוחות אריינגעלייגט צו קענען אקאמאדירן מאסן השתתפות, און מסדר זיין יעדן על צד היותר טוב

ניו יאָרק. – "לא לרעב ללחם ולא צמא למים כי אם לשמוע את דבר ה'!!", אָט דאָס איז אצינד דער פלאַקערדיגער פלאַמעדיגער הרגש הלב ביי פילע טויזנטער אידן לענגאויס ניו יאָרק און ניו זשערסי וואָס גרייטן זיך אין די יעצטיגע טעג מיט אַ ברען און אַ התלהבות צו דעם היסטאָרישן ערשטמאָליגן כינוס האדיר "אני לדודי" וואָס ווערט פאַררופן – און וועט ווערן במקהלות אלפים אַדרעסירט – דורך האי גאון וצדיק, המשפיע המפורסם, המלהיב לבבות בני ישראל בכל קצוי תבל, רבי צבי מאיר זילבערבערג שליט"א, ראש חבורת "נחלת יעקב" וואָס האי גברא רבא איז זיך מטריח בטירחא דגופא ואורחא במסי"נ צו קומען אויפטרעטן פאַר יהדות הגולה, להלהיב הלבבות להתקרב אל ה' ערב די פאָרכטיגע ימי הדין הממשמשים ובאים, און בפרט צו באקומען א קלארן בליק אויף די ביטערע נסיונות הדור פון כלים המשחיתים.

"וישמעו רחוקים ויבואו"! אלופי אלפי ישראל, אידן פון איבער גאנץ ניו יארק, פון אלע שיכטן, פון אלע קרייזן, פון אלע קהילות הקודש, יונג און אַלט, גרייטן זיך באש להבה, צו אַזאַ זעלטענער געלעגנהייט ווען צדיק זה בא לבית מלוני, ווען דער משפיע והמלהיב הגדול הגה"צ רבי צבי מאיר שליט"א קומט צו פאָרן מארצינו הקדושה, אַז מ'גייט האָבן די זכי' צו קענען הערן די האַרציגע קאָכעדיגע דיבורים היוצאים מקרב לב טהור מתוך פחד ויראת ואהבת אלקים ונכנסים אל לבבות בני ישראל, און דערמיט מאַכן די שענסטע הכנה צו די הייליגע טעג, די ימי הרחמים והרצון, ווען יעדער איד זוכט צו נתקרב ווערן צום הייליגן באַשעפער – ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם.

"אל המקום אשר הכינותי"! די גיגאַנטישע "עידן פעלעס" זאַלן, ביים סטראַטעגישן גרעניץ-פּונקט צווישן אַלט און ניי וויליאַמסבורג, זענען דורך די ניו יאָרק'ער ראשי העסקנים צוגעפּאסט געוואָרן צו דינען אַלס די אכסני' של האי כינוס נשגב, דעם קומענדיגן זונטאָג כי תבוא, ווייל זייענדיג דער סאַמע גרעסטער זאַל אין שטח לענגאויס די היימישע געגענטער וועט דאָס אַמבעסטן קענען אַקאָמאָדירן די "פילע טויזנטער" אידן וואָס גרייטן זיך צו קומען צו פאָרן מכל מקומות מושבותיהם, בשעה שהחכם והמשפיע עומד ודורש, און מ'וועט די זכי' האָבן זיך, די אייגענע הערצער ולבב זרעינו, אויפצופלאַמען און אויפצופלאַקערן מיט חיזוק והתעוררות לקראת די ימי הרחמים והרצון הבאים עלינו לטובה, וממנו ניקח לעבוד את ה', מתוך רוב שמחה ומתוך מיעוט עוונות!

## כי קול המשפיע והמלהיב נשמע בארצינו!

"גדול מרבן שמו", דער גרויסער גאון וצדיק איז נערץ ונקדש ביים יהדות החרדית אומעטום, זייענדיג נודע בשערים בתהלה לישרים מיט זיין געהויבענער התנהגות, בפרישות וביראת ה' טהורה, מיט זיין גדלות בתורה ובחסידות, ועל כולם מיט זיין מורא'דיגער כח השפעה, מלהיב צו זיין און מעורר צו זיין לבבות ישראל, להתקרב אל ה', להדריכם בדרך ישרה, מיט זיינע לעכטיגע דברי חיזוק, דברי חכמים בנחת ובאהבה נשמעים, דברי הדרכה, דברי מוסר וחסידות, בדעת ובחכמה, אַזוי קאָכעדיג און הייס, מיט אַזאַ אינערליכער אש קודש, וואָס פלאַמט אויף די הערצער, און דערנענטערט די לבבות לעבודת השי"ת וליראתו הטהורה.

ועל כולם איז יצאו לו מוניטין אין די לעצטערע יאָרן, זינט מיט אומגעפער צען יאָר צוריק ווען כ"ק מרן אדמו"ר הרה"ק מסקולען זצוקללה"ה האָט געבעטן יבלחט"א הגה"צ המשפיע שליט"א אַז ער זאָל בכוחו הגדול, מיט זיין כח ההשפעה, אויפרודערן די וועלט, אויפשטורעמען אידישע הערצער נישט צו פאַרכאַפּט ווערן אין דעם ביטערן געפאַרפולן נעץ פון טעכנאָלאָגישע נסיונות וואָס פאַרכאַפּן אידישע הערצער און קילן אָפּ, לעשן אויס, דאָס וואַרעמקייט, דאָס נאָענטקייט, דאָס יראת ה', דאָס יראת חטא, די אהבת הבורא, די אהבת התורה, פון אידישע קינדער, צום הייליגן גרויסן טאַטן אין הימל, אַזש מ'פאַרגעסט זיך גאָר אַליין דעם חובת האדם בעולמו.

טראָץ וואָס כל ימיו האָט הגה"צ רבי צבי מאיר שליט"א אַלעמאָל געווידמעט זיין כח השפעה, זיינע הייליגע פלאַמעדיגע דיבורים, בלויז אויף לעורר לבבות לדרוש את ה', עבודת השי"ת, אהבת השי"ת, אמונה טהורה, און קיינמאָל זיך נישט געווידמעט צו מתריע זיין וועגן פירצות אָדער מוחה זיין וועגן עוולות אא"וו, האָט זיך דאָס אָבער געטוישט מיט 10 יאָר צוריק, ווען אויף דער פערזענליכער בקשה פון הייליגן סקולענער רבי'ן זצוק"ל, דער גענעראַל אינעם קאַמף צו ראַטעווען כל ישראל, האָט דער משפיע שליט"א אָנגעהויבן אויסניצן זיינע פון-הימל-געשאָנקענע כוחות ההשפעה זיך צו בעטן, אויפקלערן, אויפשטורעמען כלל ישראל, און אויפרודערן אידישע קינדער, חלילה נישט זיך מנתק צו זיין פון דער קדושה מיט'ן זיך מחבר זיין, ח"ו, צו די טעכנאָלאָגישע מכשירים.

מאז ועד עתה, איז דאָס פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין זיין לעבנס-מיסיע, עד כדי מסירת נפש ממש, אַוועקאָפּפערנדיג פאַר דער הייליגער אונטערנעמונג כוחו ואונו, שרייבנדיג און רעדנדיג בכל עת ובכל שעה, ממש יעדע איינציגסטע וואָך, אַריינצושיינען אַן אור, אַ פלאַקער, אין אידישע הערצער.

און ס'דאַרף געזאָגט ווערן, אַז לעולם האָט טאַקע דער משפיע שליט"א געטוישט זיין מהלך אָנהייבנדיג צו רעדן למנוע המשחית, אָבער ביסודה של דבר, איז עס פאַקטיש אַלעס אין דער זעלבער בחינה: צו ברענגען אַ התקרבות אלקים! א נאָענטקייט צום הייליגן באַשעפער, אַ העכערע דרגא אין עבודת ה', שפירן אַ טעם, א ליכטיגקייט, א געהויבנקייט, אין אהבת ה', וואָס דאָס קען נאָר צושטאנדקומען ווען מ'פירט זיך ערליך, און "אָט דאָס" ברענגט דעם גרעסטן סיפוק אויף דער וועלט – ואני קירבת אלקים לי טוב!

אַצינד אָט וועט יהדות ניו יאָרק זוכה זיין אַז צדיק זה בא לארצינו, וקולו ישמע בתוכינו, מלא ברען, מלא אהבה, מלא תוכן, מלא הרגש פנימי, יעדעס וואָרט מיט אַזאַ טיפזיניגקייט, בחן ובשכל טוב בעיני אלקים ואדם, מיט אזא קלארע הערליכע הסברה, מיט אזא וואַרעמקייט וואָס צעגיסט זיך אין די הערצער, עס מאַכט ליכטיג אין האַרץ און אין די נשמה, וְעָבְדֵהוּ בְּלֵב שָׁלֵם וּבְנֶפֶשׁ חֲפֵצָה כִּי כָל לְבָבוֹת דּוֹרֵשׁ ה'.

## די רעוואָלוציע קומט קיין אַמעריקע: כינוס האדיר אני לדודי!

אין ארצינו הקדושה האָט הגאון הצדיק

המשפיע שליט"א מיט זיינע דרשות פאַראורזאַכט אַ שטורעם, אַ מאַכטפולע רעוואָלוציע איז צושטאַנדגעקומען, ווען די דרשות וכינוסים אדירים ברענגען אומגלויבליכע רעזולטאַטן, ווען טויזנטער אידן שליסן זיך אָן אין קבוצות, מיט א כח הרבים, און מ'צייכענט זיך אויף וועלכע כלי מ'פאַרמאָגט, און מ'אַרבעט בייַנאַזאַם זיך צו האַלטן הייליג און אָפּגעהיטן יעדער לויט זיין מאַקסימום זהירות וקבלות וואָס מ'נעמט אויף זיך.

בפרט דעם פאַרלאָפענעם יאָר תשפ"ב האט הגה"צ רבי צבי מאיר שליט"א זיך גאָר שטארק אַריינגעוואָרפן מיט אַלע כוחות, נאָכצוגיין און נאָכפאָרשן, מברר זיין יעדער ריר, וואָס מ'מעג און וואס וואס מען טאָר נישט, און ארויסברענגען א טאטאלע קלארקייט אין דעם מבולבל'דיגן נושא, וועלכע פארמאגט אזויפיל פרטים און כסדר'דיגע חידושים. אַלעס אויסגעאַרבעט בהשכל ובדעת, און דאָס האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין ארה"ק, מדן ועד באר שבע, אַז אידן זאָלן מיט'ן גאַנצן האַרץ זיין אָפּגעהיטן, נישט חלילה נכשל צו ווערן מיט די איסורים חמורים, נאָר פאַרבלייבן אדוק ומקושר צו דער ריינער אמונה טהורה בה', און זיך נישט אָפּרייסן פון דער קדושת בני ישראל.

נאָך דעם מורא'דיגן דערפאָלג, הפלא ופלא, אין ארצינו הק', האָבן גדולי ישראל, רבנים ואדמורי"ם, ראשי ישיבות ומורי הוראה בישראל, פאַרבעטן און מפציר געווען דעם משפיע שליט"א צו קומען צו פארן קיין אמעריקע, אויפצוטרעטן בדיבוריו המלהיבים, און אויפוואַכן יהדות הגולה, אויפאַקערן דעם באָדן ביים היימישן ציבור אין ניו יאָרק, און בפועל אַדורכפירן א מהפיכה אין דער ברענענדיגער נושא, צו שיינען אַ ליכטיגקייט אין אידישע לבבות, למאי"ר ובא קרא יום!.

אין דעם יעצטיגן מצב, מיט זיין מורא'דיגע שוואכקייט וחולשה, ובפרט אַז מ'שטייט אין די ימי אלול ווען יעדע רגע איז אויסגעניצט ביים גרויסן גאון וצדיק שליט"א מיט אַ פונקטליכער חשבון לעורר ולהאיר אל אלפי ישראל הבאים בצל קורתו, האָט דער משפיע זייער נישט געוואָלט קומען, אָבער נאָך די הפצרות פון די גדולי ישראל אין אמעריקע און נאָכ'ן אָנפרעגן ביי די מאורי וגדולי הדור, האָבן זיי אים אַלע מעודד געווען אַז ס'איז הזמן גרמא, ס'איז א פייער וואָס ברענט, און מ'קען דאָס נישט מאחר זיין, ס'איז דער רצון ה' אַז מ'דאַרף גיין און אויסניצן די כוחות להשפיע על בני ישראל, להטהר ולהתקדש ולהתכונן לקראת הימים המקודשים.

אָבער, היות די צייט ברענט, און די כוחות ערלויבן נישט מער, איז נישט מעגליך אויפצוהאַלטן דעם באַזוך און אָפּצוהאַלטן מער ווי איין דרשה, דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן אַז מ'גייט בלויז אָפּהאַלטן "איין צענטראַלע דרשה", אין פאָרעם פון אַ ריזיגן כינוס, אשר יקרא שמה "אני לדודי", צו רעפלעקטירן און אָפּשפּיגלען דעם פּחד'דיגן זמן פון "אלול", ווען יעדער איד – פונעם שוואַכסטן ביז'ן העכסטן – זוכט זיך צו הייבן אין עבות הבוי"ת והתקרבות אל ה', און דערביי וועלן פילע טויזנטער אידן קומען צו פאָרן פון אומעטום, לשמוע את דבר ה', להתענג מזיו דבריו, ולהתלהב לעשות רצון אבינו שבשמים.

## כינוסו וכינוס בניו: אלפים פון אַלע שיכטן ערוואַרטעט!

מאַסיווע כוחות פון ניו יאָרק'ס שטאַרקסטע עסקנים האָבן זיך פאָרמירט אין צוגרייטונג צו דעם כינוס האדיר, דעם קומענדיגן זונטאָג כי תצא, איין וואָך בעפאָר דעם פּחד'דיגן זמן פון א' סליחות, ווען די כלל-טוער ואנשי המעש – וועלכע ווירקן אויפ'ן דירעקטן שליחות פון די גדולי ישראל – האלטן איין ציל פאר די אויגן, צו פארזיכערן דעם קלימאַקס-סוקסעס פאַר דעם כינוס האדיר, צו קענען אויפנעמען די טויזנטער אידן וואָס קומען צו פלייצן פון אומעטום, פון אַלע געגענטער, פון אלע ישובים וואו עס זענען קאָנצעטרירט ערליכע אידן, וועלכע ווילן קומען זיך דערוואַרעמען און זיך דערלייכטן לאורם פון די הייליגע פייערדיגע דיבורים.

לויט ווי איבערגעגעבן פון די ראשי העסקנים וועלן די "עידן פעלעס" זאַלן ווערן אויסגעלייגט פון איין ברעג ביז'ן אנדערן מיט "בלויז בענקלעך", רייען אויף רייען, מיט אלפים בענקלעך, און אַרמייען פון עסקנים וועלן שטיין גרייט אויפצונעמען די שטראָמענדע מאַסן, אַנטפּאַנגען די אלפים הבאים, ווען א באזונדערע עסקנים-באזע טוט זיך אָפּגעבן מיט די ריזן "טראנספארטאציע אונטערנעמונג", צו צונויפברענגען די באים מרחוק ומקרוב, פון אפּסטעיט ניו יאָרק, ניו זשערסי, אלע היימישע ישובים, וואו טויזנטער אידן, יונג און אלט, זקנים עם נערים, קוקן ארויס זיך צו קומען אויפפלאַקערן להכן לבבם אליך, לשמוע ולקבל די דברים המאירי"ם.

אַ מעכטיגער הויכהילכער סיסטעם וועט פארזיכערן אז יעדער קען מיטהאלטן די הייליגע רגעים, די האַרציגע דיבורים, השמחים ומאירי"ם, וואָס דערפרייען און באלייכטן, דערוואַרעמען און דערהייבן.

"ובכן תן כבוד לעמיך, תהלה ליראיך, ותקוה טובה לדורשיך, ופתחון פה למיחלים לך"! אין אַזאַ פּחד'דיגער זמן, האַרט ערב די הייליגע טעג, אין סאַמע "א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י", ווען כלל ישראל'ס קאָלעקטיווע האַרץ פלאַטערט מיט אימה ופחד, ס'זאָל שוין זיין תכלה שנה וקללותי', מ'זאָל שוין אזויפיל צרות נישט הערן, אַזויפיל צער נישט מיטמאַכן, אַזויפיל בהלה נישט מיטלעבן, אַזויפיל פּיין נישט דורכגיין, אַזויפיל חשכות'דיגע מאורעות ברוחניות ובגשמיות נישט זען מער, קוקט מען אַרויס מיט אַזאַ לעכצונג אויף אָט דער שפּאַרונקע צו אַ ליכטיגן אור המאי"ר, צו קענען זיך עפענען די הערצער ביי דעם כינוס האדיר "אני לדודי", זיך אויסרייניגן און זיך אויסברענען דאָס האַרץ, צו קענען ריכטיג בלב שלם מתפלל זיין אין די הייליגע טעג, און מ'זאָל זיך אויסבעטן א ליכטיג יאָר, שנת אורה ושנת חדוה, א שנה שתוליכנו קוממיות לארצינו, אמן.

**עת כנוס פאַר יהדות ניו יאָרק! כינוס האדיר "אני לדודי"! דעם זונטאָג אין עידן פעלעס!**



# "צדקת העיר" גרייט זיך ארויסצושיקן 50% "דיסקאונט קיופאנס" פאר גראסערי ארדערס לכבוד די ימים טובים הבעל"ט פאר אלע נצרכי עירינו

## דעדליין צו געניסן פון די קיופאנס: מיטוואך כי תבוא ביינאכט

אין די יעצטיגע טעג איז מען טעטיג ביז גאר אין די "צדקת העיר" אפיס, מיט'ן גרייט מאכן די הונדערטער קיופאנס וואס ווערט ארויסגעשיקט אויף פאסט פאר אלע נצרכי עיר קרית יואל רבתי, וועמענ'ס שטיבער ווערן אויפגעלאכטן מיט'ן ערהאלטן דעם קיופאן וואס באצאלט אזויפיל ווי 50% פון די גראסערי ארדער לכבוד יום טוב.

היות עס איז זייער שווער נאכצוגיין און זיך דערוויסן איבער אלע נצרכים וואס זענען אנגעוויזן דערויף, טוט מען דעריבער בעטן אז ווער עס ווייסט פון א קרוב, שכן, וכדומה, וואס קען געניסן פון די קיופאנס, זאל ביטע אריינרופן צו צדקת העיר, כדי מ'זאל קענען מסדר זיין אלע קיופאנס און דאס ארויסשיקן אין צייט, עס זאל אנקומען גענוג צייטליך פאר יום טוב צו אלע משפחות.

מען בעט זייער שטארק אז מ'זאל זיך נישט פארלאזן אז איינער האט שוין אריינגערופן, נאר ענדערש זאל מען רופן פאר א נצרך אפאר מאל, ווי איידער ער זאל בכלל נישט באקומען. עס איז וויכטיג צו נעמען אין חשבון, אז די ליסטע פון נצרכים גייט נישט אויטאמאטיש אריבער פון איין יאר צום צווייטן, נאר אפילו די וועלכע האבן באקומען די לעצטע יארן דארפן אויך אריינרופן.

"צדקת העיר" אלס די שטאטישע צדקה-קאסע, האט א חיוב על פי דינא דשו"ע, צו פארזיכערן פאר יעדן תושב א שמחת יו"ט, אז אלע איינוואוינער זאלן האבן די הוצאות החג מיט א הרחבה, דעריבער איז די דאזיגע בקשה זייער א וויכטיגע, און מ'בעט בכל לשון של בקשה פאר יעדן איינעם וואס ווייסט פון א נצרך וואס איז דערויף אנגעוויזן, דאס צו איינמעלדן פאר "צדקת העיר" ווי אמשנעלסטן, כדי יעדער תושב בלי יוצא מן הכלל זאל האבן א ריכטיגער שמחת יום טוב.

איר קענט אריינרופן 24 שעה אין טאג אויף דעם נומער: 845.751.0233 - עקסטענשאן #7. איר רעדט צו קיינעם נישט, איר לאזט א קלארע מעסעדזש און עס וועט אנקומען אין פאסט בע"ה.

עס איז איבריג צו דערמאנען, אז "צדקת העיר" איז אויפ'ן העכסטן וואכזאמקייט אין געביט פון "קאנפידענשאל", דער כבוד הנצרכים ווערט אפגעהיטן מיט'ן שטערקסטן אופן, ממילא דארף קיינער נישט זארגן צו איבערגעבן א נצרך, אדרבה, עס ליגט א פליכט צו מודיע זיין א נאמען וואס מ'ווייסט אז יענער דארף צוקומען צו דעם קיופאן, און דערמיט מקיים זיין דעם "ואהבת לרעך כמוך".

**ויפה שעה אחת קודם.**

### "צדקת העיר קרית יואל" מעלדט:

# צוגעלייגט נאך עטליכע טעג נאכצוקומען אנגייענדע פארלאנג, פאר שטארקע און ביליגע "סוכה פענעלס" דורך "צדקת העיר" ספעציעל פון נייע תושבים אין "שכונת ויואל משה"

## דעדליין: דעם קומענדיגן זונטאג כי תבוא

טראצדעם וואס דער דעדליין צו באשטעלן פון די בארימטע "סוכה פענעלס" איז שוין אפגעלאפן, ווערט מען באריכטעט די פריידיגע ידיעה אז אין די לעצטע מינוט איז דער דעדליין אויסגעצויגן געווארן, און דער וואס האט מאיזה סיבה שהוא נישט אנגעיאגט צו מאכן זיין סוכה-פענעלס ארדער, קען דאס נאך ערלעדיגן ביז דעם קומענדיגן זונטאג כי תבוא.

דאס פארלענגערן דעם דעדליין קומט צוליב דעם גרויסן פארלאנג, מער ווי ערווארטעט, ווען די טעלעפאנען פון "צדקת העיר" זענען ממש פארפלייצט געווארן פון אריינרופער וועלכע טוען באשטעלן די "סוכה פענעלס" וואס איז ברייט בארימט מיט זייער שטארקקייט און הערליכקייט, און דאס אלעס פאר ביליגע פרייזן.

זיך דערזעענדיג מיט אן איבערפלוס פון באשטעלער, וואס מ'האט בשום אופן נישט געקענט צושטעלן פאר יעדן איינעם, לויט וויפיל פענעלס מ'האט צאמגעשטעלט, האט "צדקת העיר" זיך אריינגעלייגט בעובי הקורה, זען וואס צו טון צו קענען סערווירן דעם שטארקן געברויך.

איבערהויפט פאר די פיל פרישע איינוואוינער וואס האבן זיך ארויס געצויגן קיין קרית יואל, וואס האבן באקומען אצינד א ברייטע פארטש וואו צו בויען זייער סוכה, און די אלטע סוכה פון שטאט איז זיי נישט גענוג, און זיי מוזן אצינד קויפן א פרישע סוכה. אזוי אויך זענען די פרישע אינגעלייט שטארק נהנה דערפון, ווייל זיי קויפן צום ערשטן מאל אן אייגענעם סוכה, און געוועהנליך האט מען נישט אוועקגעלייגט גענוג געלט אין דעם יארגאנג, וויפיל עס קאסט אפ א סוכה אויף די אלגעמיינע מארקעט.

און אזוי ווי דעם שטייגער יערליך ביים סוכה-פענעלס פארקויף, איז דאס אויסדריקליך נישט קיין צדקה, נאר עס ווערט פארקויפט פאר'ן האלסעיל פרייז, צו מהנה זיין תושבי העיר.

"צדקת העיר" שפירט פאר א זכי' צו מהנה זיין אזויפיל תושבי קרית יואל רבתי מיט ביליגע סוכות, וואס אייגנטליך קומט דאס אזוי, א סוכה דארף קאסטן ביליג, ווי יעדער ווייסט פון די גמרא אז דער אויבערשטער וועט אויספרובירן די אומות העולם ווען משיח וועט קומען, מיט א 'ביליגע מצוה', און דאס איז מצות סוכה.

ווי געזאגט, דער דעדליין איז קומענדיגן זונטאג כי תבוא ביינאכט. צו באקומען און צוריקשיקן אפליקאציעס, קען מען אויף די פאלגנדע אופנים:

ביים אפיס פון צדקת העיר: 15 Van Buren Dr. #013- 24 שעה אין טאג ביים דראפ-באקס.

דורכ'ן רופן 845.751.0233.

ביי די עסקני צדקת העיר אין די בתי מדרשים

אימעיל: sukkahtzedukashuir@gmail.com

עס איז אויך דא אן אפציע צו באקומען און צוריקגעבן די אפליקאציע ביי די "מארקעט פלעיס", אויף 1 לעמבערג.

א סעמפל פון די פענעלס/ווינדאו קען מען זעהן 24 שעה נעבן די אפיס פון צדקת העיר.

ושבי"ת שביו - ב'סכות ת'שבו ש'בעת י'מים

בס"ד

### לוח הזמנים לעיר קרית יואל כי תצא - כי תבא תשפ"ב

| | יום | יום לחודש | פרשיות ימים טובים | עלות השחר | הנץ החמה | סוף זמן ק"ש מג"א | סוף זמן תפלה מג"א | סוף זמן תפלה גר"א | חצות היום | מנחה גדולה מג"א | סוף זמן מוסף מג"א | מנחה קטנה מג"א | פלג המנחה מג"א | הדלקת הנרות | שקיעת החמה | צאת הכוכבים ר"ת | Day Month |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ' כי תצא | חמישי | יב אלול | | 5:18 | 6:30 | 9:05 | 10:21 | 10:45 | 12:54 | 1:32 | | 5:20 | 6:55 | | 7:18 | 8:30 | Sep. 8 |
| | ששי | יג אלול | | 5:19 | 6:31 | 9:06 | 10:22 | 10:46 | 12:54 | 1:32 | | 5:19 | 6:54 | 7:01 | 7:16 | 8:29 | Sep. 9 |
| | שבת | יד אלול | פרק א - ב | 5:20 | 6:32 | 9:06 | 10:22 | 10:46 | 12:54 | 1:31 | 2:09 | 5:18 | 6:52 | | 7:14 | 8:27 | Sep. 10 |
| פ' כי תבא | ראשון | טו אלול | | 5:21 | 6:33 | 9:06 | 10:22 | 10:46 | 12:53 | 1:31 | | 5:17 | 6:51 | | 7:13 | 8:25 | Sep. 11 |
| | שני | טז אלול | | 5:22 | 6:34 | 9:07 | 10:22 | 10:46 | 12:53 | 1:31 | | 5:16 | 6:50 | | 7:11 | 8:23 | Sep. 12 |
| | שלישי | יז אלול | | 5:23 | 6:35 | 9:07 | 10:22 | 10:46 | 12:53 | 1:30 | | 5:15 | 6:48 | | 7:09 | 8:22 | Sep. 13 |
| | רביעי | יח אלול | | 5:24 | 6:36 | 9:07 | 10:22 | 10:46 | 12:52 | 1:30 | | 5:13 | 6:47 | | 7:08 | 8:20 | Sep. 14 |
| | חמישי | יט אלול | | 5:25 | 6:37 | 9:08 | 10:22 | 10:46 | 12:52 | 1:29 | | 5:12 | 6:45 | | 7:06 | 8:18 | Sep. 15 |
| | ששי | כ אלול | | 5:26 | 6:38 | 9:08 | 10:22 | 10:46 | 12:51 | 1:29 | | 5:11 | 6:44 | 6:49 | 7:04 | 8:17 | Sep. 16 |
| | שבת | כא אלול | פרק ג - ד | 5:27 | 6:39 | 9:08 | 10:22 | 10:46 | 12:51 | 1:28 | 2:05 | 5:10 | 6:42 | | 7:02 | 8:15 | Sep. 17 |

סוף זמן קרי"ש לשיטת הגר"א מאוחר 36 מינוט | מנחה גדולה לשיטת הגר"א מוקדם 6 מינוט | סוו"מ מוסף לשיטת הגר"א מוקדם 12 מינוט | מנחה קטנה לשיטת הגר"א מוקדם 42 מינוט | פלג המנחה לשיטת הגר"א מוקדם 57 מינוט

לע"נ הרה"ח ר' יצחק מאיר ב"ר משה ע"ה (שפירא)

צו באקומען די לוח שיקט אן אימעיל צו KJLIACH@GMAIL.COM

# התאחדות התלמידים

## יוצאי מתיבתא תורת משה סאטמאר מאנטריאל

תלמידי מורינו כ"ק הגה"צ דומ"ץ ור"מ זצללה"ה

קרית יואל יצ"ו

בס"ד

שבת יומא דנשמתא

הננו להזמין את קהל הקודש תלמידי מרן זצ"ל ההולכים לאורו, ושותים בצמא את דברי תורתו, לבא ולהתאסף כאיש אחד בלב אחד אצל

# שבת הילולא

## של כ"ק מרן הגה"צ הדומ"ץ זצללה"ה

לרגל הילולא קמייתא שחל בעצם יום השבת קודש

## שב"ק פר' כי תצא - י"ד אלול הבעל"ט

ובכן בואו והתאספו אצל התפלות שב"ק ולהעלות את זכרונו של מרן זצ"ל עת שעמד לפני קונו והתפלל בהשתפכות הנפש ובקול אדיר שהכניס בלבינו אהבה ויראה להשי"ת, והשאיר רושם נצחי בלב כל תלמידיו, איך לעמוד לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה

## סדר השבת קודש

השב"ק יתקיים בראשות בנו
הרה"ג ר' **שלמה טירנויער** שליט"א
מו"ץ בעיר וויליאמסבורג יע"א
אשר ישמיע דבריו בעת קידושא רבא וס"ג

**מנחה ערש"ק**
בשעה 7:30
דברי פתיחה ע"י
אחד התלמידים שיחי'

**אמירת תהלים ברוב עם**
לע"נ מרן הדומ"ץ זי"ע בעצם יומא דהילולא
בשעה 7:15

**שחרית בשב"ק**
בשעה 9:30

**קידושא רבא**
לרגל ההילולא אחר התפלה

**פרקי אבות**
ודברי זכרון ממרן בעל הילולא
ע"י אחד מחשובי התלמידים דולה ומשקה פה מפיק מרגליות
הרה"ג ר' **שלמה יעקב הערמאן** שליט"א
ר"מ בישיבה קטנה
בשעה 6:45

**מנחה וס"ג**
בשעה 7:30

**באולם 21 Van Buren Dr.**
ע"י בית הרבני הנגיד ר' שאול פערלמוטטער הי"ו

ויה"ר שזכות מרן זצ"ל בעל ההילולא יעמוד לנו ללכת בדרכיו בתורה ויראה, ולהמשיך את כל אשר משה עומד ומזהיר את ישראל ושמרו את דרך ה', וזכותו יעמוד לנו להתברך בכל מילי דמיטב, עד ביאת הגואל ויקוצו וירננו שוכני עפר בב"א

**התאחדות התלמידים קרית יואל**

# הייזער פאר סעיל

## אין קרית יואל / מאנרא / בלומינגראוו / טשעסטער / וואודבערי


## Monroe NY
Winchester / Post

AVAILABLE

FOR SALE!

$830,000



- 4 Bedrooms • 3 Bathrooms •
- 3 car garage 960 sqft. • 2,682 Square feet
- 1,250 sqft basement finished basement •
- basement walk out • Granite countertops •
- Granite backspalash • 12x20 shed

47 POST RD. MONROE, NY 10950

## Highland Mills
Ridge Rd.

BRING ALL OFFERS

FOR SALE!

$630,000



- 4 Bedrooms • 3 Bathrooms •
- 2 car attached garage • 2,331 Square feet •
- total 2,955 with basement •
- 1,250 sqft finished basement
- Quartz countertops • Built in 2002

3 MELISSA LN HIGHLAND MILLS, NY 10930


## Chester (Blooming Grove)

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|---|
| 2 Oxford Depot | $289,900 | 3 | 1 (1 0) | 866 | 0.585 |
| 15 Primrose Lane | $1,500,000 | 4 | 4 (2 2) | 4,306 | 2.5 |
| 81 Old Mansion Road | $999,995 | 4 | 5 (3 2) | 4,315 | 4 |

## Blooming Grove (town) / Washingtonville

BARNES AREA 7 AVAILABLE

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|---|
| 153 Barnes Road | $589,000 | 4 | 2 (2 0) | 2,310 | 0.4132 |
| 121 Barnes Road | $599,000 | 3 | 2 (2 0) | 2,040 | 0.4132 |
| 3 Amy Road | $524,999 | 4 | 2 (2 0) | 1,762 | 0.88 |
| 62 Barnes Road | $470,000 | 4 | 2 (2 0) | 1,740 | 0.6854 |
| 170 Barnes Road | $479,000 | 3 | 2 (2 0) | 1,664 | 0.409 |
| 60 Barnes Road | $499,900 | 4 | 2 (1 1) | 1,692 | 0.5079 |
| 50 Horton Road | $600,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,196 | 1.5 |
| 19 Billy Avenue | $470,000 | 4 | 2 (1 1) | 1,874 | 3.2 |
| 79 Barnes Road | $565,000 | 5 | 4 (3 1) | 2,704 | 0.4756 |
| 1443 Route 208 | $525,000 | 3 | 3 (2 1) | 1,988 | 1 |
| 101 Mtn Lodge Road | $4,750,000 | 4 | 5 (4 1) | 4,461 | 38.1 |

## Monroe town / village

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|---|
| 62 Quaker Hill Road | $440,000 | 4 | 2 (2 0) | 1,696 | 0.7346 |
| 2 Hudson Place | $749,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,128 | 1.3 |
| 13 Whitman Place | $649,000 | 4 | 3 (3 0) | 2,640 | 0.4583 |
| 2 Dara Court | $875,000 | 4 | 4 (3 1) | 3,578 | 0.8953 |
| 219 Pine Tree Road | $760,000 | 4 | 4 (3 1) | 3,179 | 1.3 |
| 8 Orchard Street | $640,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,174 | 0.3119 |
| 17 Deangelis Drive | $629,000 | 5 | 4 (3 1) | 2,525 | 0.4591 |
| 167 Mine Road | $819,000 | 4 | 4 (3 1) | 4,349 | 1.3 |
| 26 Winchester Drive | $760,000 | 6 | 3 (2 1) | 3,192 | 0.466 |
| 24 Ironworks Road | $579,900 | 4 | 3 (2 1) | 2,409 | 0.5051 |
| 7 Orchard Terrace | $634,000 | 3 | 1 (1 0) | 1,596 | 0.2263 |
| 237 Oakland Avenue Unit#1 | $899,000 | 5 | 5 (3 2) | 3,392 | 1.3 |
| 11 Kasch Court | $810,000 | 5 | 4 (3 1) | 3,548 | 0.239 |
| 3 Alex Smith Avenue | $749,900 | 4 | 4 (3 1) | 2,678 | 0.5 |
| 279 Orchard Drive | $499,900 | 3 | 2 (2 0) | 1,966 | 0.2167 |
| 32 Moulton Circle | $520,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,016 | 0.1802 |
| 39 Deangelis Drive | $849,999 | 4 | 4 (3 1) | 3,338 | 0.4218 |
| 134 Linden Lane | $625,000 | 4 | 2 (2 0) | 2,012 | 0.34 |
| 112 Forest Avenue | $849,000 | 5 | 3 (3 0) | 3,022 | 0.65 |
| 538 High Street | $510,000 | 3 | 2 (1 1) | 1,736 | 0.2947 |
| 247 Harriman Heights Road | $749,999 | 5 | 4 (4 0) | 3,400 | 1 |
| 219 Maple Avenue | $1,550,000 | 6 | 5 (4 1) | 4,289 | 1.9 |
| 2 Miller Lane | $525,000 | 4 | 2 (2 0) | 1,788 | 0.2583 |
| 52 Peter Bush Drive | $575,000 | 4 | 3 (2 1) | 1,868 | 0.4591 |

## Kiryas Yoel (Village)

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|---|
| 18 Hamburg Way Unit#301 | $850,000 | 5 | 3 (2 1) | 2,078 | 0.01 |
| 8 Lemberg Court Unit#312 | $910,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,453 | 0.01 |
| 8 Getzel Berger Blvd. | $1,550,000 | 7 | 4 | 2 units | |

## Woodbury / Highland Mills

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|---|
| 35 Buena Vista Terrace | $1,195,000 | 5 | 3 (3 0) | 3,548 | 3.5 |
| 37 Heather Ridge | $800,000 | 4 | 3 (2 1) | 3,076 | 1 |
| 10 Plum Court | $367,000 | 3 | 3 (3 0) | 1,505 | 0.0826 |
| 3 Shetland Circle | $725,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,700 | 0.25 |
| 3 Melissa Lane | $630,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,331 | 0.9041 |
| 8 Roselawn Road | $760,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,309 | 0.79 |
| 1 Paisley Court | $695,000 | 3 | 3 (2 1) | 3,581 | 0.38 |
| 248 Ridge Road | $599,999 | 3 | 2 (2 0) | 1,092 | 0.4 |
| 415 State Route 32 | $23,000,000 | 11 | 6 (6 0) | 7,420 | 142.4 |
| 13 Dartmouth Road | $699,900 | 4 | 3 (2 1) | 2,107 | 0.4371 |
| 2 Berwick Circle | $725,000 | 3 | 3 (2 1) | 3,050 | 0.33 |
| 11 Helene Circle | $359,900 | 3 | 3 (2 1) | 1,363 | 0.0459 |
| 14 Cindy Lane | $649,999 | 4 | 3 (2 1) | 2,486 | 0.3444 |
| 126 Seven Springs Road | $1,199,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,958 | 2.2 |
| 24 Jill Road | $2,400,000 | 7 | 5 (4 1) | 9,928 | 5.7 |
| 11 Stillman Wye | $460,000 | 3 | 3 (2 1) | 1,794 | 0.22 |
| 22 Stainton Fareway | $649,000 | 1 | 2 (1 1) | 1,702 | 0.24 |
| 23 Stainton Fareway | $729,000 | 2 | 2 (2 0) | 2,180 | 0.22 |


HGMLS Hudson Gateway Multiple Listing Service, Inc. All Rights Reserved. Information Deemed Reliable But Not Guaranteed. The data relating to real estate for sale or lease on this page comes in part from HGMLS. Real estate listings held by brokerage firms other than Realty Blue.

REALTOR® | EQUAL HOUSING OPPORTUNITY | HGMLS

שלמה פריעד 845-309-7262 | יצחק אייזיק ראטטענבערג 845-662-1849 | שלום מאיר טארים 845-629-5186

Not responsible for typographical errors

The REALTY BLUE group

בס"ד

זכרון
תורת משה
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל
מוסר · ש"ס · הלכה
קרית יואל

יום הבחינה ממשמש ובא!

# הבחינה ראשונה

## במס' מנחות

יתקיים ברוב עם הדרת מלך
בהתאסף המוני לומדי חבורתינו ותלמודם בידם

## ביום א' תבא

הבעל"ט

## בבית מדרשינו הגדול

בשעה 7:30

חלוקת הבחינה עד שעה 8:25

חזרת הבחינה עד שעה 8:50 בדיוק

חבורת לומדי ש"ס ישראל ואורייתא
פטרון מסכת מנחות
הרבני הנגיד התורני מו"ה אברהם בנימין אלימלך קרויס הי"ו

לימודי החודש
מס' מנחות: ב. י"ב:

חזרת החודש
מס' זבחים: ק"ת. - ק"כ:

הפך בה והפך בה ומינה לא תזוע

רְצֵה עֲתִירָתָם בְּעָמְדָם בַּלֵּילוֹת, תַּרְאֵם נִסֶּיךָ עוֹשֶׂה גְדוֹלוֹת, לִשְׁמֹעַ אֶל הָרִנָּה וְאֶל הַתְּפִלָּה:

# נאָענט צו 20,000 "קבלות און קוויטלעך" פון אידן אַלוועלטליך אַראָפּגעשטעלט מיט הימל-שפּאַלטענדע תחנונים ביים ציון הק' פון הייליגן "תוספות יום טוב" ביומא דהילולא; העכער 600 אידן פוקד ציון המצויינת אין גרעסטן צוזאַמענפאָר אויפ'ן יאָרצייט זינט חורבן אייראָפּע

**וקבל ברחמים וברצון: עמערס ישועות אויסגע'פּועל'ט פאַר כלל ישראל נאָך פייערדיגער מעמד בקשת רחמים דורך די שלוחי עמך בית ישראל פון "קרן תוספות יום טוב" אין די פריע פאַרטאָגס-שטונדן בעצם יומא דהילולא קדישא, יום הישועות פאר כלל ישראל**

**היסטארישער "מורא מקדש רעוואָלוציע" ביי כלל ישראל ווערט איבערצייגט אלס נייע גאָלדענע עפּאכע ביי אלע שיכטן און קרייזן מסוף העולם ועד סופו**

**אשר כמוה לא נהיית: אומאויפהערנדע מאסן-שטראם צום ציון הק' במשך די ימי ההילולא דערגרייכט צו א שטאפל ווי קיינמאל זינט די צווייטן וועלט מלחמה**

**מלכות'דיגע "סעודת הילולא רבתי" אָפּגעראָכטן אונטער התעוררות'דיגע שטימונג, באַגלייט פון פייערדיגע דרשות במשנתו הטהורה פון הייליגן בעל ההילולא, אָפּגעראָכטן דורך קרן תוס' יו"ט**

**יום שבתון אין לשכוח: אומפאַרגעסליכער מלא תוכנ'דיגער שבת מעין עולם הבא אָפּגעראָכטן אין שטאָט דינוב אויף אַ לעכטיגן געהויבענעם פארנעם, באהבה ואחוה, בשב"ת אחים גם יחד, דורך פילע משתתפי הנסיעה ובתוכם די "40 זוכים בגורלות" דורך קרן תוספות יום טוב פון אַלע שיכטן און קרייזן!**

קראָקאָ, פוילן - "רצה עתירתם בעמדם בלילות, תראם ניסך עושה גדולות" אָט די הייליגע הארץ-רייסנדע ווערטער פונעם פייטן וואָס כלל ישראל גייט אָט אָט זאָגן אין די פּאָרכטיגע ימי הסליחות, האָט יעדער פון די הונדערטער אידן וואס האבן זוכה געווען צו פוקד זיין דעם ציון המצויינת פונעם גאון ישראל וקדושו, מרנא ורבנא בעל תוספות יום טוב זי"ע, געשפּירט אין הארצן טיפן, ווען מ'איז מיט פאַרצאַפּעלטע הערצער געשטאַנען און געריסן די הימלען, געשפּאָלטן די שערי דמעות כי לא נשלבות, און מיט'ן כח פון שליחות פון כל בית ישראל, די העכער 20,000 מקבלי הקבלות להזהר בקדושת התפלה, האָבן זיי בעז"ה אויסגע'פועל'ט אלע לעכטיגע ישועות ורפואות בזכותו של אותו צדיק וקדוש, בעצם יומא דהילולא קדישא דילי', דעם פארלאפענעם ו' אלול העעל"ט, דער "יום הישועות" פאר כלל ישראל!

ולבב מי לא יחרד. אין אָט יענעם הייליגן און פארכטיגן מאמענט, האָבן די עסקני קרן תוס' יו"ט, די שליחי ציבור פון כלל ישראל, ברתת ובזיע, אראפּגעשטעלט ביים ציון הק' פונעם גאון ישראל וצדיק יסוד העולם אשר בכוחו ובזכותו אנו קיימים עד היום הזה, אַזויפיל קוויטלעך און קבלות טובות וואס אידישע קינדער, פון אלע שיכטן און קרייזן, פון אלע שטעט און לענדער, האָבן אונטערגעשריבן, בחפץ לבם, פון אייגענעם גוטן ווילן, אַ קבלה בינם לבין קונם, נישט צו רעדן אין ביהמ"ד בשעת'ן דאווענען און קריאת התורה! ס'איז דאָך געווען אָט דער רב הדומה למלאך ה' צבקות, דער תוספות יו"ט, וועלכער האָט מגלה געווען פאר כלל ישראל אז בשעת גזירה ה"י איז די עצה היעוצה זיך מחזק צו זיין אין דעם הייליגן ענין פון "שתיקה בשעת התפלה", און פאר דעם האָט ער פארפאסט א ספּעציעלן "מי שברך" מיט זעלטענע לעכטיגע הייליגע ברכות פאר די אידן וואס זענען מקבל אויף זיך די קבלה טובה.

אצינד, ביומא דהילולא קדישא דילי' האָבן די שליחי עמך בית ישראל געברענגט לציון קדשו די קבלות טובות פון אידישע קינדער – באַגלייט מיט די האַרץ-רייסנדע "קוויטלעך" פון אידן מבקשי ישועה פון איבער דער גאַנצער וועלט, און מיט די הייסע הימל-שפּאַלטענע בכיות נוראות דארט אויפ'ן פּלאץ, האָט דאָס בלי ספק געמאַכט אַ גערויש און אַ טומל אויבן אין הימל, און אראפּגעברענגט עמערס רחמים, חסדים, ישועות, רפואות, פאַר די אַלע אידן און פאַר'ן גאַנץ כלל ישראל, וואָס קוקן אַרויס ס'זאָל שוין אַן ענדע קומען צו די תלאות הנוראות, נאָר הייליגער טאַטע, תראם ניסך עושה גדולות, אין זכות פון די עתירות בני ישראל בלי שום דיבור וואָס קומט אַרויף כקרבן כליל ועולות!

נאָכפאָלגנדיג אָט דעם אומבאשרייבליכן מעמד של התרגשות, האָט די חבריא קדישא פון "קרן תוספות יום טוב" – דאַרונטער די "פערציג" זוכים בגורל, אידן וואָס האָבן זיך מקבל געווען פונדאסניי שלא לדבר בשעת התפלה און אַזוי אַריין אין גורל מיט נאָך טויזנטער אידן צו געווינען אַ נסיעה קיין קראָקאָ –־ געפּראַוועט אַ לעכטיגן געהויבענעם שבת המתאחדת, אַלע גבאי קודש אינאיינעם, און געשעפּט הויפּנס מיט חיזוק והתחזקות פאַר דער הייליגער אונטערנעמונג, וואס האט אויפגעטרייסלט און אויפגעשטורעמט כלל ישראל, צו דעם הייליגן ענין און לעכטיגע סגולה פון "שתיקה בשעת התפלה" און "כבוד בית אלקינו"!

## די מאַכטפולע "קרן תוספות יום טוב רעוואָלוציע" אין גאַנץ כלל ישראל!

נישטאָ וואָס צו רעדן, אַז א נייע עפּאכע האט זיך אָנגעהויבן אין כלל ישראל! א גאלדענע תקופה אין וועלכע "מורא מקדש" ווערט צוריקגעברענגט צו איר אָריגינעלן פּראכטפולן גלאַנץ, אז יעדע קהילה בישראל זאָל נזהר זיין אין דעם הייליגן ענין פון קדושת התפלה! וואס א יאר מער, ווערט דאָס מער צעשפּרייט, מער פאַרשטאַרקט, איבערהויפּט אצינד ווען ס'איז געקומען ערב דעם יאָרצייט, וואָס איז דער יערליכער הויכפּונקט פון "קרן תוספות יום טוב" אָנפירנדיג א מעכטיגן קאמפּיין צווישן אלע שיכטן, צווישן אלע קרייזן, צווישן אלע קהלות, אין אלע שטעט אז אלופי אלפי ישראל זאלן זיך אנשליסן מיט אַ הייליגע קבלה, לשתוק בשעת התפלה וקריאת התורה!

אין די לעצטערע וואכן, זינט עס איז ווידעראמאל פראקלאמירט געווארן דער "קוויטל און קבלה קאמפּיין" האָבן אידן פון אַלע וועלט-עקן באלאגערט די ליניעס פון קרן תוספות יו"ט צו נעמען אויף זיך די הייליגע קבלה; זקנים, בעה"ב, אבריכים, בחורים, און אפילו תשב"ר, אלע האבן געשפּירט אַ זכי' זיך אנצושליסן אין אזא הייליגע זאך און אראפּברענגען אַזויפיל ישועות וואס כלל ישראל דארף דאך אזוי נויטיג. אידן זענען געלאָפן צו די קבלה-לאקאציעס, און באהבה וברצון דאָס גע'חתמ'ט בכתב ידם, מיט אזא תמימות, מיט אזא חמימות! דער קידוש ה' איז געווען נורא נוראות!

טויזנטער שטרי קבלה זענען געדורקט געווארן, די טעלעפאָן-ליינס זענען געווען איבערגעשטרענגט פון טויזנטער אריינרופער, עד כדי כך אז מ'האָט געמוזט אויפנעמען פרישע שטאַב עסקנים ערב דעם יאָרצייט צו קענען נאָכקומען די אלפי ישראל, אנשים נשים וטף, וואס האבן אריינגערופן מיט זייערע קבלות טובות, און געשיקט קוויטלעך צום ציון הקדוש פון הייליגן תוספות יום טוב.

דאס האט ווידעראמאל איבערצייגט ווי די רעוואָלוציע האָט "איינגענומען" די אידישע וועלט! איבעראל האט מען גערעדט פון דעם, ישיבות ותלמוד תורה'ס האבן געפיבערט מיט קבלה קאמפּיינס, קאָנטריס זענען נתעלה געווארן ווען די תושבים האבן זיך מקבל געווען די קבלות טובות, אא"וו. און ס'האט געברענגט א באנייעטע התעוררות ביי כלל ישראל מ'זאָל זיך מחזק זיין אין דעם הייליגן ענין, און "שתיקה בשעת התפלה" זאָל זיין דער סטאַנדאַרט אין יעדן ביהמ"ד פון כלל ישראל!

אָפּצייכענענדיג כהיום גאַנצע פינף יאָר זינט די גרינדונג פון קרן תוספות יום טוב איז קלאָר דער מציאות, אַז עס איז אַנטשטאַנען אַ פלאַקערדיגע אויפוואַכונג איבער "נישט רעדן ביים דאַווענען". רבנים, ראשי ישיבות, אדמורי"ם וגדולי ישראל האלטן דרשות; טויזנטער אידן שרייבן אונטער די קבלות; די גבאים מאכן דעם "תוספות יום טוב'ס מי שברך"; רבבות בחורי חמד און צאן קדשים אין ישיבות און תלמוד תורה'ס בכל מקומות מושבותיהם זענען מקבל אויף זיך נישט צו רעדן ביים דאַווענען; דער גליון "נקדישך" איז מחולל פלאות, און אַלס רעזולטאַט איז דער "קרן התפלה" אויסטערליש נתרומם ונתעלה געוואָרן.

ועין בעין בישועת ה'! ס'איז באמת מבהיל על הרעיון, ווי די אויפוואַכונג האָט געברענגט אַ קוואַל פון ישועות פאַר כלל ישראל! בעצם איז דאָס אַלץ געווען אָנגענומען אַלס די שטאַרקסטע "סגולה" בדוק ומנוסה, צו זען רפואות, שידוכים, פרנסה, הצלה מצרה וצוקה, אין זכות וואָס מ'נעמט זיך אונטער נישט צו רעדן ביים דאַווענען און קריאת התורה, און בכלל זיין נזהר אין מורא מקדש! טויזנטער מענטשן, אין אונזערע טעג, דערציילן הפלא'דיגע עובדות, וואונדערליכע עפּיזאָדן ווי זיי זענען געהאָלפן געוואָרן אין יעדע זאַך וואָס זיי דאַרפן, מיט הימלישע פּאַסירונגען ממש, נאָך אַ שטיק צייט וואס זיי האבן זיך אונטערגענומען – און זיך געהאַלטן – צו די קבלות טובות "שלא לדבר בשעת התפלה".

דער קידוש שם שמים דערפון הילכט אָפּ מסוף העולם ועד סופו! קדושת התפלה האָט געזיגט; רעדן ביים דאַווענען איז אַ זאַך פונעם עבר! כלל ישראל איז נזהר בקדושת בית ה', בית מקדש מעט!

## לקדושים אשר בארץ – די "מסע התעודדות" צו דער הילולא קדישא

צו דער פאַרלאָפענער הילולא קדישא, האט "קרן תוספות יום טוב" אראנזשירט דעם געהויבענעם שבת קודש שבת קרן תוס' יוט, וואס האט צונויפגעברענגט אידן פון אַלע מקומות







מושבותיהם, צו קומען אינאיינעם מתפלל צו זיין ביומא דהילולא קדישא פונעם צדיק יסוד העולם, און דערביי אָפּטראָגן צום ציון הק' די קבלות טובות, אינאיינעם מיט די "קוויטלעך" און האַרציגע בקשות פון די מבקשי ישועה איבער דער וועלט.

וברם יזכר לטובה ולברכה, אז די געהויבענע נסיעה מבואו ועד צאתו איז צוגעשטעלט געווארן מיט גרויס געניטשאַפט דורך דער באַרימטער "מעין סטריט טראַוועל", בראשות הרה"ח ר' חיים מאיר ווייזעל הי"ו פון מאנסי, וועלכער האָט מיט זיין מומחיות און געטריישאַפט זיך אַוועקגעגעבן בכל נימי נפשו ולבבו צו אויספלאַנירן יעדער ריר פון די נסיעה, און מאכן זיכער אז יעדער משתתף הנסיעה איז צוגעשטעלט מיט אַלע צוגעהערן צו דער גרויסער רייזע. איבערהויפּט האָט זיך אַרויסגעשטעלט זיין געטריישאפט אין דער לעצטער רגע, ווען איין פליגער איז אָפּגערופן געוואָרן, האָט הר"ר חיים מאיר הי"ו באַוויזן פון איין מינוט אויפ'ן אַנדערן אַריבערצושטעלן דעם ציבור אויף אנדערע פליגערס און מסדר זיין יעדן איינעם אויפ'ן בעסטן פאַרנעם.

אַרויסגעפלויגן פון ניו יאָרק איז מען דעם פאַרלאָפענעם מיטוואָך שופטים נאָכמיטאָג, וואו די משתתפי הנסיעה זענען אפגעווארט געוואָרן דורך די עסקנים אין לופטפעלד. אין עירפארט איז שוין פארטיילט געווארן א קונטרס מיט אלע נויטיגע אינפארמאציע און דער גאַנצער סדר הנסיעה, די זמנים אויף יעדן מקום, באַגלייט פון דברי תורה פון די צדיקים וואָס מ'גייט האָבן די זכי' פוקד זיין זייערע ציונים הק' במשך די נסיעה.

די מסע התעוררות צום תוספות יום טוב איז צעטיילט געוואָרן אין 2 גרעסערע חבורות; נסיעה א' איז אנגעקומען קיין "קאַשוי", פון דארט איז מען צוגעפארן קיין קערעסטיר, וואו מ'האט געכאפט א טבילה במקוה, משלים געווען קריאת התורה, עלי' לציון הקדוש פון הייליגן רבי ישעי'לע זי"ע, פון דארט איז מען געפאָרן צו די קדושי עליון קיין אוהעל און צאנז, און דערנאָך למקום קודש הקדשים, די הייליגע שטאָט "קראָקאָ" אשר שם חלקת מחוקק ספון.

די צווייטע חבורה איז געפארן קיין "לעלוב", וואו מ'איז געגאנגען דארט אין מקוה און ציון הק'; פון דארט קיין ראדאמסק, וברם יזכר לטוב הרב שמואל כהנא שליט"א איש ראדאמסק וועלכער האט אפגעווארט דעם עולם מיט א געוואלדיגער עין טובה וברוח נדיבה. דארט אין ראדאמסק האט מען געליינט קריאת התורה. פון דארט איז מען געפאָרן קיין ראדאשיץ, וואו הרב ר' שמואל גרובער שליט"א האט פארציילט ביי יעדן מקום ומקום הערליכע פרקי היסטאריע, סיפורי צדיקים, פון וואס דער עולם האט זיך דערקוויקט. פון דארט איז מען געפארן קיין "קיעלץ" צום ציון פון הייליגן מאמר מרדכי זצוק"ל וואו הר"ר שמואל שליט"א פירט אָן שוין לאנגע יארן דעם גרויסן מפעל צדקה לעילוי נשמתו הטהורה, און פון דארט איז מען געפאָרן קיין קראָקאָ וואו מ'האט זיך צונויפגעטראָפן מיט די אַנדערע חבורות.

## תאו ואתכנשו להילולא דרבי — די גרויסארטיגע יארצייט סעודה

אנקומענדיג קיין קראקא מיט הייליגע קאכעדיגע הרגשים האבן שוין דארט אפגעווארט די עסקני מפעל העולמי קרן תוס' יו"ט, ובראשם בנן של קדושים העושה גדולות, הרב ר' אלטר ראבינאוויטש שליט"א, און מ'האָט בלב ובנפש פארזיכערט אז יעדער איינער ווערט קוואַרטירט אויפ'ן שענסטן און בעסטן פאַרנעם.

דאַן איז מען אַריבער צום הערליכן זאַל אינעם 'געלעקסי האטעל' אין קראקא, וואו ס'איז צוגעגרייט געוואָרן דורכ'ן קרן תוספות יום טוב א מלכות'דיגע סעודה רוממה לכבוד ההילולא קדישא. והאיר פני המזרח די סעודת הילולא איז באשיינט געווארן מיט א הערליכע אויבנאן מיט גאר חשוב'ע רבנים מפורסמים ואנשי שם שליט"א.

עס איז געווען א מחזה הוד צו זען דעם 'כולם נקבצו באו לך', אידן פון אלע שיכטן, פון אלע קרייזן, פון אלע סארט קהלות, יעדער איז געקומען דאָ אָפּלאָדענען דעם פעקל ביים הייליגן קדוש עליון, עיר וקדיש מן שמיא, און זיך אויסבעטן בזכותו כל מיני השפעות טובות. עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ גלאָבאַלער צוזאַמענפאָר זעענדיג אַזויפיל הונדערטער אידן, פון רחבי אמעריקע, פון ארה"ק און פון אייראפע, וואס כולם כאחד האָבן געמאכט דעם לאנגן וועג צו קענען זיך אויסבעטן רחמים וחסדים בהילולא דרבי, וואָס מ'זעט דאָך אַזעלכע הפלא'דיגע ישועות בזכותו הגדול.

דער יו"ר המעמד איז געווען הרב ר' יואל בר"ש פריעדמאן הי"ו, גבאי ביהמ"ד "דברי חיים" אין קרית יואל וועלכער האָט די זכי' צו שטיין על המשמר למען כבוד בית ה', וועלכער האט מיט פאסיגע ווערטער איינגעלייטעט דעם מעמד און מיט גרויס געניטקייט אנגעפירט די נאכט. ער האט דערביי פארציילט פערזענליכע ישועות בזכות פון די הייליגע קבלה.

דאַן האָט מען מכבד געווען מיט "פתיחת המעמד" הרה"ג ר' אפרים גרינבוים שליט"א, מגיד מישרים אין ק"ק שיכון סקווירא, וועלכער האט פארגעברייט דעם ציבור מיט דברי התעוררות לפני עלי' לציון.

דאַן איז געקומען אַ הויכפּונקט מיט'ן הערן דעם "דבר ההילולא" פון א געהויבענעם גאסט, מרביץ תורה לעדרים, הרה"ג ר' אהרן יודא גארדאן שליט"א, ר"מ במתיבתא באבוב 45, וועלכער האָט ארויסגעהויבן די כח און קדושה וואס א איד באקומט נאכ'ן מקבל זיין די קבלה, און ווי אין דעם זכות גייען מיר יעצט אויסבעטן ביים הייליגן בעל ההילולא אַלע ליכטיגע השפעות טובות.

אַ פערזענליכע "עדות נאמנה" האָט מען געהערט פון הרב אליעזר גור אריה שליט"א, רב קהילת חב"ד אין קראקא, וועלכער האָט געשילדערט מיט התרגשות די מורא'דיגע פעולות נשגבות פון הנהלת קרן תוספת יום טוב רונדע דעם יאר, ובפרט דורכ'ן גרויסן פטרון הקרן, הרב ר' יואל לאנדא שליט"א, וואָס איז פועל גדולות ונצורות ממש למען כבוד הבית העלמין והציון הקדוש, און דער רב האָט דערביי איבערגעבן ממה שעיניו רואות, ווי אין די לעצטע עטליכע יאָר, זינט די אויפוואַכונג פון קרן תוספות יום טוב, איז דער הייליגער ציון אין קראקא געוואָרן ממש אַ צי-קראַפט און אַ ווענד-פונקט פאַר אידן פון איבער דער גאנצער וועלט וועלכע שטראָמען אַהער במשך דעם גאַנצן יאר פוקד צו זיין דעם ציון המצויינת.

א גאר דראמאטישע שילדערונג "השם נפשינו בחיים" האט מען געהערט פון איינעם פון די חשוב'ע משתתפי הנסיעה, הר"ר בנציון לעווי הי"ו מקרית יואל, וועלכער איז געווען מניצולי האסון הנורא במירון שנת תשפ"א, וועלכער האט מיט א מורא'דיגן רגש הלב דערציילט זיין פערזענליכער נס ופלא וואס ער האט זוכה געווען מיטצולעבן ניצל צו ווערן פון דעם שרעקליכן אומגליק, דורך זיינע פעסטע קבלות בכבוד בית השם.

דאַן איז געווען אַ קלימאקס-דרשה מיט'ן פייערדיגן אויפטריט פון האי איש האשכולות העושה גדולות, העושה והמעשה המפורסם לה' ולתורתו לתפלתו, הרב ר' פנחס שפיטצער שליט"א, מראשי מפעלנו הק' 'קרן תוספת יום טוב' ומח"ס מבואו ועד צאתו ועוד, וועלכער האט געברענגט א לעבעדיגן רעפעראט פון די גאר דערפאָלגרייכע קבלה דרייוו. ער האט מיט התרגשות אונטערגעשטראָכן וואָס מ'זעט באַשיינפערליך די מורא'דיגע התעוררות וואס הערשט צווישן די קהילות הקודש און הונדערטער ישיבות איבער דער גארער וועלט, ובפרט האָט ער דערציילט איבער די מפעלות האדירים למען קדושת התפלה אין ק"ק סקווירא וואו ער האט די זכי' צו זיין פון די ראשי הגבאי מורא מקדש.

מיט "מכתם לדוד" איז נתכבד געווארן הרה"ג ר' נחום אבראהאם שליט"א, אבד"ק בארדיטשוב מאנסי.

מיט ברכת המזון איז נתכבד געווארן דער גרויסער פטרון המפעל העולמי "קרן תוספות יום טוב" דער מחולל הרעיון הנשגב, הוא הגבר הוקם עולה של תפלת ה', וואס מגלגלין זכות ע"י זכאי, מ'האָט פון הימל אַזוי צוגעפירט אַז האי גברא רבא יקירא זאָל די זכי' האָבן צו שאפן אזא רעוואָלוציע אין כלל ישראל, אין אלע קהלות קדושות בכל מקום שהם, ה"ה הטפסר הגדול בונה ומקים עולמות של תורה ותפלה, נוצר חטר מגזע אראלים ותרשישים, הרב ר' יואל לאנדא שליט"א, אָבער דער פטרון האָט דאַן איבערגעגעבן דעם זכות פון ברכת המזון פאַר הרב ר' פינחס שפיצער שליט"א, לאות הכרת הטוב והוקרה על כל פעליו לטובה להרים כבוד בית ה'.

## הושענא ציון המצוינת — ולילה כיום יאיר ביים הייליגן ציון

ליל שישי אנגעפאנגען פון זמן מעריב, אריינגייענדיג בהאי יומא רבה 'ו' אלול', האט די קראקא בית החיים שוין געלויכטן און געווירבלט, ולילה כיום יאיר, מיט א שטראם פון אידן דורך די גאנצע נאכט. א ספעציעלע שאטער איז געווארן היי-יאר אויפגעשטעלט, אז מען זאל קענען מתפלל זיין במנוחת הנפש. אזוי אויך האט דער "ועד הכנסת אורחים דקראקא" זיך געזארגט צוצושטעלן ליכט, קוויטל-פאפיר, און אלע הצטרכות פאר במשך די אלע פיר-און-צוואנציג שעה ארום די הילולא קדישא.

עס איז געווען אומגלויבליך צו זען דעם כסדר'דיגן אומאויפהערליכן שטראם פון מענטשן פון אלע עקן וועלט, פון אלע שיכטן און קרייזן, ס'האט זיך גהאלטן אין איין שטעלן מניני תהלים נאכפאלגענדיג מיט דעם הילכיגן 'מי שברך' פאר די מקבלי הקבלות. אַזוי אויך איז מילי דמיזן במשך די גאנצע צייט אינעם שטיבל העכער דעם רמ"א שול דורך וועד הכנסת אורחים דקראקא.

אזא מספר עצום העכער 600 פוקדי הציון המצויינת האָבן היי-יאר זיך באטייליגט, זייענדיג דער סאמע גרעסטער צוזאמענפאָר אויפ'ן גרויסן יארצייט זינט די ביטערע מלחמה, און ס'איז קיין ספק נישט אַז דאָס איז געווען אַ נחת רוח פאַר דעם צדיק עליון בשמי מרומים, און מה כאן עמד ושימש אף שם עומד ומשמש, לבקש רחמים ולפעול ישועות פאַר די אַלע אידישע קינדער צו געהאלפן ווערן בכל משאלות לבבם לטובה.

## היה עם פיפיות שלוחי עמך — די האַרץ-רייסנדע תחנונים ביים מעמד בקשת רחמים

שוין פון די פריע פארטאגס שעה'ן האט זיך

אנגעזען די חשוב'ע שלוחי כלל ישראל די גבאי מורא מקדש אין די חשובע מקבלי קבלה שזכו בגורל וואס האבן געהאט די זכי' ארויפצוגיין אין דינען אלס שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן די געהויבענע שעות פון די 'מעמד בקשת רחמים'.

אום פינף אזייגער פארטאגס האבן די שאָטעלס אנגעהויבן קורסירן אויף די קראקעווער גאסן פירנדיג דעם ציבור פונעם האטעל צו די מקוה און דאן צו דעם בית החיים העתיק אין שטאט, אשר שם חלקת מחוקק ספון.

אָבער דאָס איז נישט געקומען אָן די ריכטיגע הכנה דרבה. ווייל צו אַרויפגיין צום ציון פון אַזאַ צדיק יסוד עולם, עיר וקדיש מן שמיא, מוז מען צום ערשט זיך אָנגרייטן מיט אַ פייערדיגע הכנה.

מ'איז דערפאַר קודם אַריין די גאַנצע חבריא אינאיינעם אינעם "רמ"א שול", וואו מ'האָט געהערט פייערדיגע דרשה פון הרה"ג רבי יוסף צבי קאהן שליט"א, מנה"ר ת"ת פאפא מאנסי, וועלכער האָט אַרויסגעברענגט דעם "תהא השעה הזאת שעת רחמים", און אָנגעפלאַמט א להבת שלהבת אין די הערצער, אז מיר זענען שלוחי בית ישראל, מיר האבן אן אחריות פאר די טויזנטער מקבלי הקבלות, מ'גיי מיר דא האָבן מאָמענטן פון התעוררות לה' מ'דאַרף זיך אָנכאפן דאס נישט דורכצולאָזן! דאָס איז א מעמד נורא פון כבוד שמים וואָס איז מסוגל אויסצובעטן כל מילי דמיטב! דאַן האָט דער ציבור מיט אָנגעגליעטע הערצער געזינגען וואַרעמע ניגוני התעוררות, און דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן שפּאַנען אויפ'ן וועג צום ציון הק'.

דאָרט אויפ'ן פעלד איז מען צום ערשט צוגעגאַנגען צינדן ליכט ביים הייליגן רמ"א, ובני ישראל יוצאים ביד רמ"א. און הערשט דאַן איז מען צוגעגאנגען, באימה וביראה, ברתת ובזיע, צום מקום קודש הקדשים, להבת שלהבת, דער ציון פון הייליגן תוספות יו"ט, דער אויסגעווייקטער מסוגל'דיגער מקום קיבול תפלות, וואָס עיני כל בית ישראל נשואות אלי'.

א הייליגער טרייסל, א פחד און א ציטער, איז דורכגעלאפן די הערצער, ווען דארט נעבן דעם ציון המצויינת האט מען געזען דעם טאוועל מיט די נעמען פון אלע הונדערטער בתי מדרשים איבער דער וועלט וואו מ'האט דורכגעפירט פעולות במשכ'ן לעצטן יאר שלא לדבר בשעת התפלה. דאס אליין האָט אזוי מעורר געווען די הערצער, אז מיט אזא כח עצום למען כבוד ה' האָבן מיר אַ פתחון פה זיך צו שטעלן לבקש רחמים על עמך ישראל!

אַזוי, מיט פלאַקערדיגע הערצער, האט מען זיך גענומען זאָגן תהלים, ולב מי לא יחרד! די הערצער זענען צעגאַנגען און די געוויינען און יללות האָבן געשפּאָלטן די הימלען! ס'איז געווען אַ מחזה נורא ווי ס'שטייען אַזויפיל אידן צופיסנס פונעם ציון הק' פונעם צדיק יסוד עולם, און רייסן די הימלען, יעדער שפירט דעם תהא השעה הזאת שעת רחמים, און מ'וויינט זיך אויס פאַר'ן קל רחום וחנון, מלך שומע תפלה, אין זכות פון אונזערע תפלות ותחנונים לפני המקום.

ספעציעל האט זיך אָנגעזען דאס השתתפות פון הרב ר' יואל קלאפהאלץ שליט"א, וועלכע איז נודע בפעולותיו א גאנץ יאר עוסק למען כבוד בית ה' און שטורעמט אויף מיט זיינע הארציגע דרשות.

די פסוקי תהלים זענען פארגעזאגט געווארן מיט גרויס התרגשות דורך הרה"ג ר' נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א, מו"ל גליוני הליכות החיים מו"ץ בשיכון סקווירא ומרבני המפעל; דאן איז געקומען א קלימאקס ביים קאַפּיטל "שיר המעלות ממעמקים קראתיך השם", וואס איז פארגעזאגט מיט גרויס דביקות פסוק בפסוק דורך בנש"ק הרה"ג ר' ברוך שטערן שליט"א בן הגה"צ אבד"ק מירון שליט"א, ווען די שערי שמים שפּאַלטן זיך פון די יללות און בכיות נוראות פון די אידישע קינדער המבקשים רחמים עליהם ועל כל בית ישראל.

## לכן באנו לבקש — 20,000 קוויטלעך פון כלל ישראל אראָפּגעשטעלט ביים ציון!

דאן איז מען מיט פלאַטערדיגע הערצער צוגעטרעטן צום הויכפונקט פון דער גאנצער נסיעה, ווען בנש"ק העושה גדולות הרב אלטר ראבינאוויטש שליט"א, מנהל מפעל הקדוש קרן תוספת יום טוב, האט א לענגערע ווייל'ע ארויפגעלייגט די טויזנטער קבלה קוויטלעך מכל קצווי תבל, ריינע, לויטערע, תמימות'דיגע, אמת'דיגע, אהבה'דיגע קבלות פון אידישע קינדער, מענער פרויען און קינדער, בני ובנות ישראל, וואָס האָבן זיך מקבל געווען אז ביים דאַווענען צום הייליגן באַשעפער גייען זיי נישט אויסרעדן, און אין דעם זכות בעטן זיי זיך זיי זאָלן פועל'ן רחמים וחסדים!

בשעת מעשה איז געזינגען געווארן פאסיגע ניגוני התעוררות. ווי אויך האבן פילע גבאים אליין אַראָפּגעשטעלט די קבלות פון זייער מתפללים, זיך שפירנדיג אלס זייערע פערזענליכע שליחים, און דערביי מתפלל געווען הייסע תפלות עליהם ועל זרעם.

בקול חינוך דמעות האט הרה"ג ר' פנחס שפיטצער שליט"א מראשי מפעלינו ומגדולי גבאי מורא מקדש זיך געוואנדן צום הייליגן תוס' יו"ט און ארויסגעברענגט די בקשות פון צעבראכענע הערצער וואס עינים נשואות לעת הזאת ער זאל זיין א מליץ יושר פארן כסא הכבוד בזכות וואס כלל ישראל וויל זיין גוט און מען נעמט זיך אונטער קבלות למען כבוד שמו יתברך. ער האט מעורר געווען די שלוחים צו זיין נאמנים בשלוחתם און מ'זאל זיך נישט אָוועקרירן פון דעם אדמת הקודש פאַר מ'וועט נישט איינרייסן און אויס'פועל'ן אלע דריי געביטן פון בני חיי ומזוני פאר גאנץ כלל ישראל.

דאַן האָט מען מען מיט קאָכעדיגע זודיגע טרערן און מיט ריינע הערצער אויסגעשריגן דעם "יהי רצון מלפניך שומע קול בכיות" פון יום הקדוש ביי נעילה, וואו דאס התעוררות און די בכיות האט זיכער מרעיש עולמות געווען, נאכגעפאלגט פון דעם יהי רצון מיט די י"ג מדות של רחמים, ה' ה' קל רחמים וחנון.

דערנאך האט מען געמאכט בקול גדול דעם הייליגן מי שברך מיט גרויס השתפכות הנפש.

פון דארט איז מען קורצליך געגאַנגען מתפלל זיין ביים די ציונים פון די אנדערע גאוני ארץ וצדקים קדושים וועלכע ליגן און דעם בית החיים, דערנאך האט זיך דער עולם ארויסגעלאזט אין פייערליכע ריקודין 'האט'ס געפועלט אלעס גוטס', ווען נאָכ'ן אפלאדענען די קוויטלעך און די קבלות ביים צדיק און זיך אויסוויינען בדמעות שליש ביים "יהי רצון" לאחר אמירת תהלים, האָבן אלע געשפירט א דערלייכטערונג אין הארץ, אז מ'האט בעז"ה גע'פועל'ט כל מילי דמיטב אין זכות פונעם צדיק און אונזערע קבלות טובות.

## ערב שבת קודש והכינו את אשר הביאו

תיכף דערויף האָט מען זיך געשטעלט עטליכע מניני שחרית אין די רמ"א שוהל כמנהג המקום בנוסח אשכנז. נאכדעם איז מען צוריק אין פראכטפולן האטעל וואו ס'איז סערווירט געווארן א ברייטע פת שחרית און א לחיים רבתי לכבוד האי יומא דהילולא קדישא.

אין די פארמיטאג שעה'ן האט זיך די גאנצע שיירה ארויסגעלאזט צום ציון פונעם קודש הקדשים, רבן של כל ישראל, דער הייליגער רבי ר' אלימלך מליזענסק זצוק"ל, וואו מ'האָט מתפלל געווען א לענגערע צייט פאַר ישועות הכלל והפרט, און דערנאך איז מען געפאָרן קיין דינוב, זיך צו גרייטן לקראת שבת לכו ונלכה כי היא מקור הברכה.

## השבת נועם הנשמות: דער אומפארגעסליכער שבת המרומם אין "דינוב"

דער גרויסער שבת קרן תוספת יום טוב איז געפראוועט געווארן ברוב פאר והדר אין די בניני הכנסת אורחים אינעם שטאט דינובף מקום מנוחת קדשו פונעם הייליגן בני יששכר זצוק"ל. דאָרט אָנקומענדיג איז שוין געווען אנגעגרייט א רייכע טועמיה דורך די געטרייע הכנסת אורחים, און מען איז זיך געגאַנגען צולייגן עטוואָס זיך כאפן די כוחות צום גרויסן שבת קודש הממשמש ובא.

די פאפיר איז נישט גענוג גרויס און די פענע צו אָרעם צו שילדערן די שיינקייט און דערהויבנקייט פון דעם שבת המרומם, נועם הנשמות,וואס מען האט געפראוועט אינאיינעם, שב"ת אחים גם יחד, אין שפיץ פון חשוב'ע געסט רבנים הגאונים שליט"א. ווער ס'האט דאס מיטגעהאלטן וועט דאס קיינמאל נישט פארגעסן, יום שבתון אין לשכוח!

ביים זמן הדלקת הנרות איז דאָס ביהמ"ד געווען מלא על גדותיו, וואו דער ציבור האט זיך געגרייט בהכנה דרבה צו די יומא דנשמתא דעם הייליגען שבת קודש.

מיט מנחה איז נתכבד געווארן הגה"צ רבי לייבוש רוקח שליט"א אבדק"ק ברעזשאן ורב דביהמ"ד בעדפארד סענטער, ווי ס'האט אפגעהילכט א "הודו לה' כי טוב" איבער די אַלע געסלעך אַרום וועלכע האָבן אַמאָל געלעבט און געשפרודעלט מיט אידישקייט, בתורה וחסידות, און אצינד איז אל מקומו שואף וזורח.

צווישן מנחה אין קבלת שבת האט אויפגעטרעטן מיט גאר פאסיגע דיבורים איינצולייטן דעם שבת הרה"ג ר' יוסף צבי קאהן שליט"א, וועלכער האט ארויסגעברענגט די רגשי הלבבות נאכ'ן מעמד בקשת רחמים און ארויסגעהויבן די גרויסע השפעות טובות וואס וועט אי"ה אראפקומען פון אזא שבת קודש.

צו קבלת שבת איז צוגעגאנגען הרה"ג רבי ברוך שטערן שליט"א. נאכ'ן דאווענען האט מען געטאנצט אויף "שבת שלום ומבורך", דער ניגון פונעם הייליגן בני יששכר זי"ע.

די סעודת ליל שב"ק איז געווען צוגעגרייט אויף אַ מלכות'דיגן אופן לכבוד השבת המרומם. אינאיינעם האט מען געזונגען שלום עליכם, כאיש ובלב אחד, אַזויפיל אידן, פון אלע סארטן שיכטן, פון אלע סארט קרייזן, פון אלע סארט מקומות, אבער אצינד איז יעדער "בלב אחד", מיט אַ פאַראייניגט האַרץ לאבינו שבשמים. דאס אליין איז געווען עפּעס אַן אויסנאַמליכער געפיל פון "מעין עולם הבא".

## עיננו הרואות: די משתתפים וגבאים גיסן זיך אויס די הערצער!

די גאנצע סעודה אין די זמירות איז אנגעפירט געווארן מיט גרויס געניטשאפט דורך איש האשכולות העושה גדולות הרב יואל פריעדמאן שליט"א. וכאן המקום להודות פאר הר"ר יואל שליט"א וואס לזכותו קען צוגעצייכנט ווערן די הצלחה פונעם נסיעה מהחל ועד כלה, זייענדיג דער יחיד מומחה סיי אינעם טעכנישן חלק זיכער צו מאכן אז אלעס קלאפט אויפן בעסטן אופן, און סיי אינעם חלק הדיבור ווי ער האט כסדר אויפגעטרעטן און מהנה געווען דעם ציבור מיט זיינע דברים של טעם, אויף א געשמאקן אופן הנעים לשומעיהם.

במשך די סעודה האט מען געהערט א הערליכע דרשה הרב ר' אפרים גרינבוים שליט"א וועלכער ארויסגעברענגט מפי ספרים וסופרים די געוואלדיגע חשיבות פון אזא סארט צוזאמקום פון גבאים און שלוחים פון אלע שיכטן און קרייזן אויסרעכענעדיג דערביי די פארשידענע קהילות פון שטעט אין לענדער וואס זענען דא, בשב"ת אחים גם יחד.

דערנאך איז נתכבד געווארן א' מהחבורה האברך העסקן הר"ר יואל מייזעלס הי"ו פון קרית יואל, וועלכער האט אסאך צייט אוועקגעגעבן די לעצטערע וואכן צום הצלחה פונעם קאמפיין. ער האט אָנגעהויבן און גזאגט "הקב"ה יושב מזווג זווגים", האט נאך א פשט, אז ווער ס'ווייסט די היסטאריע פון קרן תוס' יוט וויאזוי ס'האט זיך צאם געשטעלט די עוסקים ומסייעים פון אלע קרייזן, דאס קען נאר געשען מיט סייעתא דשמיא פון אויבן אין הימל. ער האט ארויסגעברענגט רגשי לבבו, מיט הארציגע דברים היוצאים מן הלב, ווי זיין תפלה איז נתעלה געווארן זינט די קבלה, און די רושם וואס דאס האט געמאכט ביי זיינע חברים, אנשטאט אפצולאכן האט מען זיך אפגעלערנט, און די גאנצע ביהמ"ד האט באקומען אַן אנדערע צורה! דער ציבור איז געווען זייער איבערגענומען פון די דרשה.

ביי די סעודות ובמשך דעם גאנצן שבת קודש בכלל זענען געהערט געווארן פילע פערזענליכע עובדות און ישועות פארציילט געווארן פערזענליך דורך די בעלי העובדא, ווי אויך די טויש אינעם תפלה ובכלל אינעם רוחניות וואס אידן האבן געשפירט נאכ'ן נעמען אויף זיך די קבלה.

במשך די גאנצע נסיעה ובפרט שבת קודש, האט געהערשט אן אויסערגעווענליכע היימליכקייט און א ברודערליכע אטמאספערע, אלע זענען דא מיט איין אייניציג ציל, מקבלי קבלה באקומען די חיזוק, גבאים זענען ארויס מחוזק, ב"ה אלעס געלונגען מיט א געוואלדיגע סייעתא דשמיא.

די בעלי דרשנים האבן טאקע ארויסגעברענגט פאר גבאים וואס קענען דעם עולם, בפרט יעצט ביי די קבלות וואס מען זעהט וויפיל אידן גייען אריבער אַזויפיל צער וצרה, האט מען מעורר געווען אַז עס ליגט אַ פליכט אויף די גבאים צו







שענקען א גוט וואָרט פאר אנדערע אידן, וואָס מ'קען דערמיט ממש מחי' מתים זיין ברחמים רחמים!

מיט ברכת המזון איז נתכבד געווארן הרה"ג ר' אלי' מאיר סמיט שליט"א, ראה"כ בית אולפנא להוראה פון ירושלים עיה"ק.

נאך די סעודה איז רובם ככולם פון די ציבור געבליבן זיצן אין פארברענגט בשבת אחים מיט שירות ותשבחות ניגוני והכנה לימים הנוראים המשמשים ובאים. און צוזאמען אויסגעשמועסט עניני מורא מקדש און די געוואלדיגע ווארעמקייט וואס הערשט ביים ציבור אין די נושא אין נאך שיינע ענינים וואס האט זיך אריינגעצויגן ביז אין די פריע פארטאגס שעה'ן.

## וביום השבת קודש: די געהויבענע מאָמענטן בצפרא דשבתא!

שבת קודש אין די פריע שעה'ן – טראץ וואס מ'האט קוים געציילטע שעה'ן בעפאר געענדיגט די געהויבענע סעודה... – האבן זיך שוין אנגעזען די חשובע משתתפי השבת זיך יאגענדיג אין מקוה נישט וועלנדיג פארפאסטן אפילו א קליינעם טייל פון די לעכטיגע שעה'ן פון דעם שבת קודש. עס איז געהערט געווארן א הערליכער שיעור הלכה דורך הרה"ג ר' נצ"מ ראזענפעלד מו"ץ בשיכון סקווירא ומח"ס קדוש היכליך, וועלכער האָט משמיע געווען ספעציעל וויכטיגע ענינים בנוגע מורא מקדש, וואס דער עולם האט געשלונגען מיט דאָרשט. ווי אויך איז פארגעקומען א ברבים א מנין תהלים.

מיט פסוקי דזמרה איז נתכבד געווארן הרה"ח ר' מענדל לעווי הי"ו, א תושב אין קרית יואל יצ"ו. צו תפלת שחרית האט יורד געווען לפני התיבה הרה"ג ר' יוסף צבי קאהן שליט"א וועלכער האָט פאָרגעדאַוונט מיט א נעימות און מיט א ווארימע שטימע. זעלבסט-פארשטענדליך אז אין אזא קיבוץ פון אידן וואָס זענען נזהר – און זענען מזכה את אחיהם עמם – אין דעם הייליגן ענין פון מורא מקדש, האט א דאווענען געהאט אַ מורא'דיגן טעם עליון, א נחת רוח, בלויז דאווענען לשם דאַווענען, מיט אַ געהויבנקייט און התרוממות הנפש.

אלס בעל קורא האט געדינט הרה"ח ר' חיים מאיר וויזעל הי"ו פון מאנסי, אייגענטומער פון מעין סטריט טרעוועל, אלס אות הוקרה פאר זיין געוואלדיגע געטריישאפט. די עליות זענען צעטיילט געווארן צווישן די חשובע חברי הקבוצה, משתתפי השבת קודש. מיט שישי האָט מען מכבד געווען דעם חשוב'ן דיין בעל מחבר ספר קדוש היכליך שליט"א.

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני' איז די סעודת עתיקא קדישא ווידעראמאל אפגעראכטען געווארן מיט גרויס התרוממת הנפש, מיט גרויס פראכט לכבוד השבת.

צום ערשט האט אויפגעטרעטן הרב אלי' מאיר סמיט שליט"א, ראה"כ בית אולפנא להוראה פון ירושלים עיה"ק, און דערציילט פערזענליכע עובדות, בזכות קדושת התפלה.

דערנאך האט משמיע געווען א הערליכער שמועס הידען נפלא ההר"ג ר' שמואל גרובער שליט"א מזכיר וועד הכשרות ד'שיכון סקווירא מנהל ויו"ר קרן מאמר מרדכי ע"ש הרה"ק ר' מרדכי מקוזמיר זצוק"ל, ביי וועלכער ער האט געשילדערט א פרק אין די וואונדערליכע היסטאריע פון יהדות פולין.

דערנאך האט מען געהערט א דרשה נלהבה הרה"ג ר' לייבוש רוקח שליט"א, מחברי הועד קרן תוספות יום טוב, וועלכער האט בתוך הדברים ארויסגעברענגט זיין התרגשות האבענדיג די זכי' ארומצוגיין מיט די הנהלה בבית גדולי ישראל אריינשרייבן אותיות אין כלל ישראל'ס ספר תורה, וואו מ'האט באשיינפערליך געזען און מיטגעלעבט די טיפע שעצונג אין הכרת הטוב וואס די גדולי אדמורי"ם ורבנים האבן צו די פעולות נשגבות פון הנהלת הקרן, און ווי אלע גדולי ישראל זענען אַזוי מוקיר ומחזק די הייליגע פעולות און שטיפן אז מ'זאל פאראויסגיין דערמיט ביתר שאת וביתר עז.

מיט ברהמ"ז איז נתכבד געווארן הרה"ג רבי נחום אבראהאם שליט"א, אבד"ק בארדיטשוב מאנסי.

אום זעקס אזייגער נאכמיטאג איז פארגעקומען א גאר באלערענדער שיעור אין פרקי אבות פארגעלערנט דורך הרב ר' אפרים גרינבוים שליט"א, וועלכע האט מפי ספרים וסופרים אין באצויבערט דעם ציבור מיט גאר טרעפליכע דיבורים, און בתוך הדברים שטארק ארויסגעברענגט די שטארקע סייעתא דשמיא און רעוואלוציע פון קרן תוספת יום טוב, וואס האט אזוי וואונדערליך אויפגעהויבן די ניווא פון קדושה בבית השם.

צו תפלת מנחה איז צוגעגאנגען האברך היקר מוה"ר משה בערגער הי"ו פון מאנטריאל.

## בי רעוא דרעוין: די פלאַמעדיגע מאָמענטן ביי שלש סעודות

פתח לנו שער בעת נעילת שער! נאך מנחה האט די עולם זיך געוואשן צו א רייכער שלש סעודות. בני היכלא דכסיפין למחזי זיו דזעיר אנפין, וואו מ'האט צוזאמען געזונגען די גאר ווארעמע זמירות לשל"ש, מיט א ברענענדיגער התעוררות. מיט "שיר המעלות" האט מען מכבד געווען האחים החשובים לבית העללער שיחי' מחסידי סאטמאר בארא פארק נכדי רביה"ק בעל תוס' יו"ט זי"ע.

אנצוהייצן די אזוי אויך אויפגעפלאמטע רגשי הלבבות אין דעם עת רצון, האט אויפגעטראטן הרה"ג רבי יוסף צבי קאהן שליט"א, און בקול בכי מיט גאר שטארקע ווערטער ארויסגעברענגט דעם שעת רחמים אין וואָס מ'שטייט יעצט, און ווי יעדע קלייניקייט האט אזא חשיבות אין הימל ובפרט יעצט אין די ימי הרחמים והרצון אין חודש אלול.

דאַן האָט מען געהערט פון הרב ר' פנחס שפיטצער שליט"א, וואָס ידיו רב לו בנוסף צו אלע זיינע פעולות האדירות במשך דעם גאנצן יאר, איז ער יעצט געשטאנען אונטער די גאנצע הצלחה פונעם קודש, ווען ער האט אין געציילטע מינוטן ארויסגעברענגט רגשי לבבו איבער די איסערגעוועגליכע הצלחה וואס האט באגלייט די גאנצע נסיעה מהחל ועד כלה.

דערנאך האט מען פאר א לענגערע צייט געזינגען ווארעמע ניגוני התעוררות לכ' די ימי הרחמים והרצון, און דערנאך האט מען זיך ארויס געלאזט אין גאר דערהויבענע ריקודין.

מיט ברכת המזון איז נתכבד געווארן הרה"ג רבי ברוך שטערן שליט"א, הבדלה האט געמאכט הרה"ג דער בארדיטשובער רב שליט"א פון מאנסי, און דאַן האָט מען זיך צעשפרייט מיט לעכטיגע געפילן פון דעם שבת נועם הנשמות המתאחדת וואָס מ'האָט זוכה געווען מיטצולעבן.

מוצאי שבת איז מען אַרויף צום ציון הקדוש אין דינוב זי"ע, און דאן איז צוגעשטעלט געווארן א רייכע מלוה מלכה און ממשיך געווען די נסיעה קיין רימנוב.

דאָ האָט מען זיך ווידעראמאל צעטיילט אין צוויי נסיעות. נסיעה א' איז געפארן קיין ראדאשיץ און ראדאמסק, וואו מ'האט זיך טובל געווען אין מקוה און געדאַווענט שחרית. אויפ'ן וועג האט אויפגעטרעטן הרה"ח ר' חיים מאיר וויזעל הי"ו מיט וואונדערליכע סיפורים איבער די צדיקים. פון דאָרט איז מען געפאָרן קיין ווארשא לופטפעלד; נסיעה ב' איז געפארן פון דינוב קיין צאנז צום הייליגן דברי חיים, וואו מ'איז געגאַנגען אין מקוה, און פון דאָרט איז מען געפאָרן צום לופטפעלד וואו מ'האָט געדאַווענט א וואַרעמער תפלת שחרית זונטאג פארטאגס, און פון דאָרט איז מען צוריקגעפלויגן יעדער למקום מושבו, בשעה טובה ומצלחת.

## מחיל אל חיל: רצה הקב"ה לזכות את ישראל!

רוב משתתפי הנסיעה זענען אַהיימגעפאָרן זונטאָג למקומות מושבותיהם, בעת אַנדערע חברי החבריא זענען ווייטער אַרומגעפאָרן אויף מקומות הקדושים, זיך אויסצובעטן דבר ישועה ורחמים פאַר די הייליגע טעג.

די אַלע הונדערטער אידן וואָס האָבן די זכי' געהאַט פוקד צו זיין דעם ציון המצויינת פונעם הייליגן תוספות יום טוב זי"ע ביומא דהילולא קדישא, און בפרט מיטצולעבן דעם לעכטיגן שבת קודש זענען פאַרבליבן איינגעקריצט מיט אייביגע זכרונות וואָס זענען געבליבן חרות על הלב אויף שטענדיג, ווען יעדער איז דורכגעדרינגען עד עמקי נשמתו, אנגעזאפט מיט התרוממות נפש, אָנגעלאָדענט מיט השפעות טובות, און – ועל כולם – פול מיט חיזוק והתחזקות אָנצוגיין ווייטער מיט דעם הייליגן ענין פון "שתיקה בשעת התפלה" און מזכה זיין כלל ישראל מיט די סגולות והשפעות נפלאות וואָס קומט פון דעם אַרויס.

דער אפקלאנג פון אט די נסיעה אינעם ווייטן פוילן, האָט מעכטיג אפגעקלינגען איבער דער גאָרער וועלט! עס האָט ארויפגעברענגט צום אויבערפלאַך די מורא'דיגע היסטארישע אויפוואכונג און התעוררות ביי כלל ישראל, צוריקצוברענגען דעם גלאנץ פון קדושת ביהמ"ד, און מזכה זיין אידישע קינדער מיט די זיסקייט און הערליכקייט פון אַן אמת'ע תפלה פאַר'ן רבוש"ע אָן קיין הפסקה און שיחת חולין.

גלייכצייטיג דאַרף מען דערמאַנען, אַז אין דעם פאַרלאָפענעם "שבת קודש פ' שופטים" האָבן קהלות הקדושות איבער דער וועלט אויך אָפּגעראָכטן די הילולא קדישא, מיט'ן מאַכן דעם "מי שברך" און מיט'ן מעורר זיין די בני הקהלות אין דעם הייליגן ענין פון קדושת התפלה. אַזוי האָט זיך גאַנץ כלל ישראל מאחד ומקשר געווען ביומא דהילולא קדישא פונעם צדיק אמת, מיט אַ פאַראייניגטע התעוררות שלא לדבר בשעת התפלה, וואָס האָט זיכער עושה רושם געווען בשמי מעלה.

וילכו מחיל אל חיל! אצינד, מיט פרישע כוחות, געמוטיגט, מאָטיווירט, און געשטאַרקט פון די הצלחה ביז אַהער, גרייט זיך דער "קרן תוספות יום טוב" צו אַ ווייטערדיגע קייט פון פעולות לטובה, החזק בידך אל תרף, אָנצוגיין מיט דעם הייליגן כלל ישראל פראיעקט ביתר שאת ועז, אריינצוברענגען און מחזק זיין דעם קדושת ביהמ"ד ביי אידישע קינדער אומעטום, ביי קהלות הקודש בכל קצוי תבל, וואָס וועט ברענגען אַלע השפעות טובות פאַר אַלע מקבלי הקבלות און פאַר גאַנץ כלל ישראל; דאָס וועט זיין די גרעסטע מליצה ישרה, יעדער זאל זוכה זיין צו א שנת גאולה וישועה, כתיבה וחתימה טובה, און אינאיינעם זוכה זיין בנין בית מקדשינו ותפארתינו, בב"א.

**ויו"ם טו"ב היו עושין בצאתו בשלום מן הקודש - אשרי עין ראתה כל אלה - זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל!**

בס"ד

# הארציגע ווענדונג

**לכבוד חשובי חברי קהילתינו הק' כל אחד שמו הטוב יבורך.**

עס איז נישט קיין סוד פאר קיינעם ווי ווייט די הוצאות החג זענען למעלה מראש, בפרט ביי קינדער געבענטשטע משפחות, און עס איז דעריבער אונזער פליכט ארויסצוהעלפן חברי קהילתינו הק' וואס קענען נישט דעקן די גרויסע הוצאות החג.

**אט דערפאר איז געעפענט געווארן די צדקה קאסע "קופת קהילתינו" וואס וועט אויספארטיילן סכומים הגונים, נישט פאר פרעמדע אידן וואס איז אוודאי א פליכט צו העלפן, נאר פאר אנשי שלומינו און משפחות הנצרכות פון בני קהילתינו.**

דעם פארגאנגענעם יום טוב פסח איז געלונגען ב"ה צו שאפן א סכום עצום וואס איז פארטיילט געווארן, און האט אריינגעברענגט א שמחת יום טוב ביי פילע היימישע משפחות ברוכות הילדים. און דאס וועט זיך איבערחזר'ן אצינד צום בעפארשטייענדן ימים טובים ביתר שאת וביתר עז. עס איז איפגענומען געווארן א ועד, וועלכע וועלן אנווארימען די הערצער פון אנשי שלומינו, לטובת די הייליגע קופה.

הרה"ג ר' **אשר זעליג פריינד** שליט"א
מו"ץ בקהלתינו

הרה"ח ר' **קלמן ווייס** הי"ו

מו"ה ר' **מרדכי לייב דייטש** הי"ו

מו"ה ר' **יואל הכהן פריעדמאן** הי"ו

מו"ה ר' **יצחק ווײנשטאק** הי"ו

מו"ה ר' **אליעזר** בריי"מ **ווַאלדמאן** הי"ו

מו"ה ר' **יעקב מרדכי ווײנשטאק** הי"ו

הרה"ח ר' **זלמן לייב וואלדמאן** י"ו

**מיר קוקן שטארק ארויס אז יעדער יחיד זאל אויפנעמען וואָרים די עסקנים און דעקן א טשעק לויט דיין יכולת, און לכה"פ דעקט א האלבע טשעק פאר א מיטעלע משפחה מיט $360 און אזוי ארום וועט מען קענען אויסטיילן פילע נתינות אויפ'ן קומענדיגן ימים טובים סעזאן.**

**באזונדער טוען מיר אפעלירן צו די חשוב'ע נדיבים בעלי יכולת זאלן ביישטייערן און דעקן מערערע צו עטליכע טשעקס, און דערמיט ארויסהעלפן די עסקנים דעקן די פילע סכומים וואס וועלן פארטיילט ווערן.**

**דערביי ווערט געגעבן די געלעגנהייט צו ארויפשרייבן אויפ'ן טשעק לעילוי נשמת, לזכות הנדבן החשוב וכדו'**



## יעדער לייזט אויס א טשעק פאר א משפחה

איש איש כפי מתנת ידו

| א טשעק פון | א טשעק פון | א טשעק פון |
|---|---|---|
| $1000 | $720 | $500 |
| פאר א גרעסערע משפחה | פאר א מיטעלע משפחה | פאר א קלענערע משפחה |

לכה"פ **דעקט א האלבע טשעק** פאר א מיטעלע משפחה **$360**

# קופת קהילתינו

שע"י קהל ,,חרדים" קהל בני יואל

מטרתה: ליתן עזר וסעד לצרכי יו"ט, למשפחות ברוכות בילדים

בס"ד

# 'כתבינו'
# בספר החיים

אצינד אין די ימי הרחמים והרצון
איז די פאסיגסטע צייט צו

## העלפן שרייבן א שטעק

## פון א פאסיגע סכום
## לטובת קופת קהילתינו
וועלכע וועט ארויסהעלפן פילע אנשי שלומינו



ובזכות זה זאלט איר זוכה זיין
צו א **"כתיבה"** וחתימה טובה,
**"להכתב"** בספרן של צדיקים.

**יעדער לייזט אויס א טשעק פאר א משפחה**
איש איש כפי מתנת ידו

| א טשעק פון **$1000** פאר א **גרעסערע** משפחה | א טשעק פון **$720** פאר א **מיטעלע** משפחה | א טשעק פון **$500** פאר א **קלענערע** משפחה |
|---|---|---|

לכה"פ **דעקט א האלבע טשעק** פאר א מיטעלע משפחה **$360**

שע"י
קהל חרדים
קהל בני יואל
## קופת קהילתינו
מטרתו: ליתן עזר וסעד לצרכי יר"ט, למשפחות ברוכות בילדים



די וואכנשריפט קרית יואל


טור ושלחן ערוך
אורח חיים
תקופת העולים:
ר' מאיר אין עמעזאן לערנט יעצט
כולל
תקופת העולים
איר האט נאכנישט א תורתי? רופט יעצט דעם מנכ"ל
הר"ר אברהם שלום הכהן שווארץ הי"ו: 845.537.0767


ונחשב
כאילו
הוא
לומד
בעצמו
(שו"ע הרב)
amazon
amazon
35% מער!
כולל
סאטמאר קרית יואל
זכות
תורתי
יספיק לאחרים
הלומדים, ותחשב כאילו
לומד בעצמו
$31
לשבוע
דער תמיכות בודזשעט למען
רבני הכולל איז ארויף מיט 35%
די "תורתי שותפים" גייען
אויך ארויף מיט 35%

Regional
Bikur Cholim
MENTAL CARE

# קרוב צו 100 דייני ניו יאָרק באַהאַנדלען "מענטאַל העלט" ביי ערפאלגרייכע אסיפת הרבנים

## וויכטיגע אסיפה אַראַנדזשירט און פאַררופן דורך "ביקור חולים מענטאל קעיר", באַקאַנט אַלס BCMC

**אומצאָליגע "קרייסיס ליין" קאָלס און אנגייענדע "מענטאל קעיר" קעיסעס הייבט דראַנג צו פארזיכערן א ברייטערע פארשטאַנד ביי מער דיינים שליט"א צו וועמען עס ווענדן זיך אזויפיל אידן פאר עצה והדרכה**

**ערשטע אין רייע אסיפות געקרוינט דורך די דיינים שליט"א אלס אַן אויסטערלישע הצלחה און ריזן תועלת**

ניו יארק - דער עולם ההלכה אין ניו יארק איז אונטער'ן רושם פון די דרינגענדע "אסיפת דיינים" וואס איז אפגעהאלטן געווארן אויף אן ערשטמאלן פארנעם ספעציעל געווידמעט איבער'ן געביט פון "מענטאל העלט", צו ברענגען די קלארהאפטיגע ידיעות נחיצות פאר די יושבים על מדין אלעס אנבאלאנגט אינעם ספעקטרום פון מענטאל געזונטהייט.

די אסיפה איז פאררופן געווארן דורך די לעגענדארע "ביקור חולים מענטאל קעיר" וואס איז די לעצטערע יארן אויסגעשטיגן אלס פאן-טרעגער און צענטראלער אדרעס ביים יהדות החרדית ווען עס קומט צום נושא פון מענטאל העלט, ספעציעל די לעצטערע חדשים, זינט'ן לאזן אין גאנג דעם "קרייסיס ליין" וואס האט פילפאכיג פארדאפלט די ארבעט און שטאב, אינערהאלב די פראפעסיאנאלע און קראנטע באגלייטונג צו העלפן אידישע קינדער מיט זייערע פארשידנארטיגע עמאציאנאלע אישוס.

דורכאויס די הילף אקטיוויטעטן קומט נאכאנאנד אויס צו האבן א נאנטע פארבינדונג צווישן דיינים ומורי הוראה, וועמענ'ס עבודת הקודש צו פסק'ענען שאלות פאר אידישע קינדער ווערט אפט פארמישט אין הדרכה ויעוץ, אנגעהויבן פון רעגלמעסיגע פעלער וואס פארלאנגט א פערזענליכע אנטשיידונג דורך א דעת תורה, ביז פארפלאנטערטע שאלות וואס די חשוב'ע דיינים געבן זיך אוועק מיט זייער קלארע דעת תורה און פארלעסליכע פראקטיק, צו באהאנדלען יעדן פאל אינעם 'פינפטע שו"ע', וואס צו דעם פאדערט זיך א פארשטאנד אין מענטאל העלט.

דעריבער האט דער מענטאל העלט ביקור חולים געשפירט פאר נויטיג צו פארשטעלן פאר די דיינים א גרינטליכע באהאוונטקייט אין אלע אספעקטן פון מענטאל געזונטהייט, צו קענען פארשטיין די אלע ענינים באופן הלכה למעשה, וואס ווען א דיין פארשטייט דעם נושא גייט די באהאנדלונג אסאך גרינגער, שנעלער און אפעקטיווער.

### כולם נקבצו באו

די אסיפה איז באשטימט געווארן אין די זומער-וואכן, ווען א מערהייט דיינים פון די סיטי זענען אויף די בערג, איז פראקטיש צונוצקומען די אכסניא של אסיפה אין שטאט קרית יואל, וואס זיצט צווישן די זומער בערג און די סיטי, זייענדיג בעסער צוגעפאסט פאר די דיינים פון אומעטום צו נעמען אנטייל אין די וויכטיגע אסיפה.

א מחזה הוד האט זיך באוויזן אין די "פילמאר גארדענס" זאלן אויף דער פילמאר גאס אין קרית יואל, וואס איז געווארן איבערגעפילט מיט א קאלירפולע פארזאמלונג פון נאנט צו 100



דיינים חשובים שליט"א, אויסגערופענע מורי צדק אינערהאלב אלע חסיד'ישע קהלות איבער גרעיטער ניו יארק, וועלכע האבן געשפענדעט פון זייער טייערע צייט דעם גאנצן טאג, זייענדיג פאר זיך א שטיק "הלכה פסוקה" איבער'ן חומר הנושא, און ווי ערנסט מ'דארף צוגיין צו דעם.

אן ערנסטע שטימונג האט באהערשט דעם זאל במשך די נאנט צו 7 שעה, ווען אלע דיינים באקומען די אינפארמאטיווע קלארע ידיעות, און שמועסן זיך געמיינזאם דורך מיט'ן דבר ה' זו הלכה ארום די פילצאליגע נושאים וואס איז באהאנדלט געווארן על שולחן מלכים.

### יושב ראש: הרה"ג דומ"ץ דינוב קרית יואל שליט"א

די אסיפה האט זיך אנגעהויבן אום 11:00 פארמיטאג, מיט די ווערטער דורכ'ן יושב ראש, הרה"ג רבי יואל יצחק שטערן שליט"א דומ"ץ דינוב קרית יואל, וועלכער האט בלשונו הזהב אדרעסירט דעם זמן קהילה לכל הדיינים, די מטרה פונעם היינטיגן כינוס, און מיט וואס מ'האפט בעז"ה ארויסצוגיין מיט די קלארע ידיעות וואס וועט ברענגען א עזר הצלה פאר כלל ישראל.

דער חשוב'ער דיין שליט"א האט אראפגעלייגט דעם הלכה'דיגן בליק איבער באהאנדלען מענטאל העלט, א מושג וואס איז די היינטיגע עפאכע א טאג-טעגליכע ערשיינונג ביים הוראה-טישל, וויבאלד א דיין היינטיגע צייטן איז אויך א מדריך און אדרעס פאר כל סארטן דורכגענג וואס מאכן זיך ביי זייערע שואלים, ממילא פאדערט זיך אז די דיינים זאלן פארשטיין דעם דורכגאנג און ספעציפישע אומשטענדן פונעם שואל, און אזוי ארום האבן די זכי' צו אויפרעכטן אידישע קינדער מיט די ווירקזאמע יעוץ און אנווייזונג וואס עס פאדערט זיך ביי יעדן פאל.

### טעראפיסטן 'ענקזייעטי/ או.סי.די.' פאנעל

די אסיפה איז פארגעזעצט געווארן מיט אן אויפטריט דורכ'ן פראמינענטן היימישן טעראפיסט, הר"ר שלמה בינעט הי"ו פון מאנסי, וועלכער האט א לענגערע שעה דורכגעשפרייזט אקטועלע פעלער פון "ענקזייעטי" און "או.סי.די." וואס טרעפט זיך אפט ביים היימישן ציבור, וואס ס'איז אלץ נוגע פאר דיינים צו קענען אויפכאפן פעלער פון שואלים וועלכע ספראווען זיך מיט אינערליכע שוועריקייטן, און ווערט פארשלייערט אונטער א פשוט'ע שאלה.

מיט זיין ברייטע ערפארונג האט ער געשאנקען א טיפערע איינבליק אינעם חילוק צווישן 'ענקזייעטי' און 'או.סי.די'. באגלייט מיט זיינע מעדיצינישע ידיעות ווי אזוי אויפצוכאפן די חילוקים, און פאקטישע ביישפילן פון לעזן שווערע פעלער מיט די ריכטיגע שריט.

דער אויפטריט איז דערנאך פארוואנדלט געווארן אין א "פאנעל" צווישן ר' שלמה מיט'ן אויסגערופענעם טעראפיסט, הר"ר יחזקאל לונגער הי"ו פון מאנסי, וועלכע האבן אויסגעשמועסט א צאל שאלות וואס דיינים האבן געהאט אריינגעגעבן אין די טעג פריער. מיט זייער גענויטע עקספערטיז האבן זיי אויסגעקלארט פילע ספיקות וואס מוטשעט די דיינים ווען הלכה'דיגע שאלות ווערן פארוויקלט אין פארזוכן צו לעזן מענטאלישע פלאגענישן.

### הוראה ורפואה: הרה"ג רבי חיים אהרן אונגאר שליט"א

דער פאדיום איז אצינד איבערגענומען געווארן דורך הרה"ג רבי חיים אהרן אונגאר שליט"א, ומגדולי רבנים מומחים לעניני רפואה, וועלכער האט א לענגערע צייט באהאנדלט די טעמע פון "וואס איז די ראלע פון א דיין, און וואס דעם טעראפיסט", צו פארשטיין געבן די צוזאמענארבעט צווישן 'הלכה' און 'רפואה' ווען עס קומען צו מענטאל פעלער, און ווי אזוי די דיינים האבן די מעגליכקייט צו ראטעווען נפשות און דורות אינערהאלב זייער עבודת הדיינות.

מיט א ברייטערע בליק האט ער אדרעסירט מענטאל דיסארדערס און מיטמאכענישן, ספעציעל אין די געביטן פון 'דעפרעשאן', 'האוסט-פארדאן דעפרעשאן', 'עדיקשאנס', 'או.סי.די.' און 'ענקזייעיטי', אראפלייגנדיג וואס ס'קומט אלץ פאר ביים היימישן ציבור, וויפיל מענטשן מאכן מיט, און די וויכטיגקייט פון די דיינים צו זיין גרייט צו העלפן, זיך אריינלייגן אין יעדן קעיס באזונדער, און טון דאס בעסטע וואס איז שייך פון זייער שטאנדפונקט.

ליתן ריוח בין פרשה לפרשה, איז אצינד אפגעהאלטן געווארן א שעת הפסקה, ווען אלע דיינים האבן צווישן זיך צונויפגעשמועסט, דיסקוסירנדיג אלע געהערטע אינפארמאציע, זיך מיטטיילונג עצה ותושי' פון אייגענע ערפארונג, בעת עס ווערט סערווירט א געשמאקע סעודת צהרים, זייענדיג ווירקליך א סעודה שגדולי ת"ח מסובין בה.

### טעראפיסטן 'פערסאנאליטי דיסארדער' פאנעל

אום 2:15 איז די אסיפה פארגעזעצט געווארן אינעם צווייטן האלב, אנגעהויבן מיט א וויכטיגע לעקציע דורכ'ן בארימטן טעראפיסט הר"ר יעקב קליין הי"ו פון בארא פארק, וועלכער האט בארייכערט די דיינים מיט'ן פארשטיין געבן דעם עומק פון אלע די פארשידנארטיגע סארטן "פערסאנאליטי דיסארדערס", און די רעקאמענדירטע הילף פאר יעדן דיסארדער באזונדער.

ספעציעל האט ער בארירט פעלער פון

פערסאנאליטי דיסארדערס וואס קומען אפט אן צום שלחן הוראה, א שטייגער 'בי.פי.די.', 'נארסיסט', און ענליכס, וואס איז וויכטיג פאר א דיין צו קענען גרינג אויפפאסן און אידענטיפיצירן אזעלכע סארט שוועריקייטן, און אזוי ארום האבן די מעגליכקייט צו העלפן און אנצייגן די ווירקזאמע הילף וואס איז דא צו באקומען. באזונדער האט ער ברייט אויסגעשמועסט וואס עס פארלאנגט זיך וויכטיג פאר דיינים צו האבן פארשטענדיש מיט די מענטשן וואס גייען דאס דורך, און ריכטיג העלפן דעם פאציענט און זיינע ארומיגע.

דערנאך איז ווידער ארויפגעקומען ר' יחזקאל לונגער הי"ו, וועלכער האט אפגעראכטן א פרישן פאנעל, דאסמאל מיט'ן עספערטיז ר' יעקב קליין הי"ו, איבערגייענדיג מערערע שאלות וואס דיינים האבן אריינגעשיקט, זוכנדיג קלארקייט איבער די נושאים פון פערסאנאליטי דיסארדערס.

## יפה שעה אחת קודם: הרב חיים יושע ליכטער שליט"א

דער סדר היום איז פארגעזעצט געווארן מיט א דרשה נחוצה דורכ'ן בארימטן מדריך לחתנים הרב חיים יושע ליכטער שליט"א פון בארא פארק, וועלכער האט אויפגעוויקלט די וואקלדיגע תקופה פון א יונגערמאן נאך די חתונה, און ווי אזוי די דיינים קענען בייהילפיג זיין מיט'ן העלפן די יונגעלייט עלימינירן 'קלענערע אישוס', און דערמיט פארמיידן גרויסע פראבלעמען וואס קומען אונטער ווען מ'כאפט זיי נישט אויף פון פריער.

הגם דער נושא האט נישט אנגעכאפט דירעקט 'מענטאל אישוס', אבער אזוי ווי 'ביקור חולים מענטאל קעיר' האט זיך במשך השנים דערזען מיט שווערע קעיסעס וואס האט זיך אנטוויקלט שטאפלווייז מיט די יארן, און ווען מ'וואלט דאס נישט איגנארירט תיכף נאך די חתונה, ווען דער פראבלעם איז נאך געווען נישטיג, וואלט מען פארמיטן צער'פולע עגמת נפש אינעם עתיד, האט מען געשפירט פאר וויכטיג אויך דעם נושא אריינצולייגן אינעם פראגראם.

ר' חיים יושע האט אויסגעשמועסט א רייע נושאים און דוגמאות פון שלום בית אישוס וואס קען גרינג אויפגעפאסט ווערן דורך די דיינים וואס געבן זיך אפ צו באגלייטן די יונגעלייט מיט אלע זייערע שאלות, און מיט די ריכטיגע שריט און בינה יתירה, קען מען בעז"ה העלפן די יונגעלייט צו א גליקליך צופרידן לעבן.

## דבר 'ביקור חולים מענטאל קעיר': הר"ר אשר מענדל כהנא שליט"א

א קורצע דרשה האט מען דאן געהערט דורכ'ן חשוב'ן מעתסק בקדשים, הר"ר אשר מענדל כהנא שליט"א מנהל 'ביקור חולים מענטאל קעיר', וועלכער האט אויסגעדרוקט שבח והודאה פאר די חשוב'ע דיינים שליט"א, וועלכע האבן אוועקגעגעבן פון זייער טייערע צייט א פולן טאג פאר די אסיפה דחופה, וואס דאס אליינס ווייזט ווי קריטיש וויכטיג דער נושא איז, זייענדיג פאר די הנהלה און שטאב פון 'ביקור חולים מענטאל קעיר' א לערע ווי הייליג און טייער די ארבעט איז.

מיט פאסיגע דיבורים האט ער ארויסגעהויבן די פראדוקטיוויטעט פון די אסיפה, וואס מ'האט מצליח געווען קונה צו זיין פון דעם 'יום שכולו הצלת נפשות', דורך די נאנט צו 100 דיינים מובהקים וועלכע האבן קונה געווען פילע פרטים בנוגע מענטאל העלט, ווען צוגלייך האט זיך פארמירט א נאנטע צוזאמענארבעט צו פארשטיין די נושאים, וואס אזוי קען מען סאך גרינגער העלפן מענטשן.

## תורת הנפש בהלכה: הרה"ג דומ"ץ וואלקאן שליט"א

צום שלוס האט מען געהערט א רייכע הלכה'דיגע אפהאנדלונג דורך הרה"ג רבי זושא אויש שליט"א דומ"ץ וואלקאן ומו"ץ בקיט"ל וומסב"ג, וועלכער האט ציטירט אויסצוגן פון די פריערדיגע גדולי הפוסקים, וואס איז נוגע להלכה אין געביט פון תורת הנפש, וואס צייגט אז דער נושא פון מענטאל העלט איז נישט א נייער באגריף, נאר ס'איז פונקט אזוי געווען אמאל, און די פוסקים האבן זיך אפגעגעבן דערמיט מיט א ספעציעלע ערנסטקייט.

דער חשוב'ער דיין האט א לענגערע צייט געהאלטן געשפאנט איבער דעם חומר המצב פון מענטאל העלט היינטיגע צייטן, און מצד שני די ברייטע אויפוואכונג וואס איז דא ביים ציבור נישט צו פארהוילן פראבלעמען, נאר זיך גיין צייטליך ווענדן נאך הילף, און די אחריות וואס ליגט אויף די דיינים צו בייהילפיג זיין מיט'ן חלק וואס ליגט אין זייערע הענט, און דער זכות איז עד אין לשער.

עס איז געווען נאנט צו 6:00 ווען די אסיפה איז געשלאסן געווארן, ווען אלע דיינים צוגייען זיך אנגעזאפט מיט אן אוצר גדול פון פילצאליגע ידיעות נרחבות און ברייטע ערפארונג וואס מ'האט געשאפן דורכאויס די לעצטע זיבן שעות, וואס וועט בעז"ה אויסווירקן א תשועה גדולה צווישן די צענדליגער טויזנטער שואלים בדבר הלכה ביים יהדות ניו יארק.

לויט ווי ס'ווערט איבערגעגעבן דורכ'ן 'ביקור חולים מענטאל קעיר', איז די אסיפה בלויז אן אנהויב, און עס ווערט פלאנירט בע"ה ענליכע אסיפות אין די היימישע געגנטער, אין שוואונג פון די ברייטע אויפוואכונג און אויסטערלישע דורכברוכן וואס גייט סוקסעספול פאראויס אין די ראמען פון די ביקור חולים מענטאל קעיר.






בס"ד

בית הוראה

# רשימת מורי צדק דקהלתינו

העומדים הכן להורות את דבר ה' זו הלכה

**הגאון הדומ"ץ שליט"א**
4 Orshava ct. #301
היים: 845.783.8790 ספרים שטוב: 845.782.7399

הרה"ג רבי **יעקב יודא ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר
51 Satmar Dr. #302
היים: 845.783.8259 ספרים שטוב: 845.782.4671

הרה"ג רבי **מנחם מענדל ווייס** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב
5 Schunnemunk Rd. #201
היים: 845.782.3190 סעל: 347.598.3917

הרה"ג רבי **בערל ראזענבערגער** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה
15 Fillmore ct. #303
היים: 845.783.3224

הרה"ג רבי **שלמה יונגער** שליט"א
דומ"ץ טאהש
4 Krolla dr. #201
היים: 845.783.7201 סעל: 845.248.8021

הרה"ג רבי **שמואל יעקב מייזעלס** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב
5 Van Buren Dr. #303
היים: 845.781.8143 סעל: 845.395.4972

הרה"ג רבי **שבתי קאהן** שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'
15 Getzil Berger Blvd. #302
היים: 845.783.3572 סעל: 845.537.1559

הרה"ג רבי **יואל ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'
37 Raywood Dr. #204
היים: 845.783.9842 סעל: 845.537.7843

הרה"ג רבי **מנחם נתנאל יונגרייז** שליט"א
דומ"ץ בקהלתינו שכונת בלומינגראוו
9 Strawberry Ln.
היים: 718.302.0917 סעל: 347.415.5850

הרה"ג רבי **יצחק בריזל** שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
4 Iron Hill Plaza #301
היים: 845.774.3622 סעל: 845.637.4570

24 שעה הוראה ליין:
**845.783.5688 #3**



# לכבוד יום טוב

ווי אַלע יאָרן האָבן מיר אַהערגעשטעלט אַ ספּעציעל
גרעסערן אויסוואַל צו דער בעפאָרשטייענדער ימים טובים סעזאָן.

## YOM TOV SPECIALS

| | |
|---|---|
| – <br> **BEEF RIBLETS** <br> **$6.99 LB** | *Pickled* <br> **BEEF MOCK MINUTE ROAST** <br> **$12.99 LB** |
| *Family Pack* <br> **BEEF CHULENT MEAT** <br> **$8.49 LB** | *Family Pack* <br> **BEEF GROUND MIX** <br> **$6.99 LB** |
| *Pickled* <br> **BEEF PASTRAMI ROAST** <br> **$9.99 LB** | – <br> **TURKEY STEAK** <br> **$4.99 LB** |
| *Pepper Crust* <br> **CHICKEN ROAST** <br> **$8.19 LB** | *Ready To Bake* <br> **TURKEY ROAST** <br> **$8.49 LB** |

*Imported*
**CHUCK EYE ROAST**
**$9.99 LB**

WILLIAMSBURG
80 Lee Ave.
718.963.1100

WILLIAMSBURG
823 Bedford
718.963.1100

WILLIAMSBURG
239 Lee Ave.
718.963.1100

BORO PARK
5023 N. Utrecht
718.854.2100

BORO PARK
4525 16th Ave.
718.854.2100

KIRYAS YOEL
68 Forest Rd.
845.782.2900

סאטמאר פל"ש

דער העכסטער סטאנדארט אין כשרות הבשר

# תלמידי חבורת המתמידים "ערב וידעתם" גרייטן זיך מיט התרגשות צום מעמד מרומם "תלמודו בידו" בראשות פון די עלטערן און די זיידעס

## מאנטאג ב' סליחות אין די זאלן פון "עטרת מאיר צבי" - תלמידים מצויינים מסיים געווען גאנץ ששה סדרי משנה

**קרית יואל. - ביי די תלמידים פון חבורת "ערב וידעתם" הערשט א גרויסע שמחה צום אָפּגעצייכנען א פרישן יאר מיט גרויסע דערגרייכונגען און פרישע קנינים און ידיעת התורה פון גאַנצע מסכתות און שווערע מקצועות וואָס זענען סדרים משניות שגורים בפיהם.**

חבורת "ערב וידעתם" איז אַ הערליכע רינגעלע אין די קייט פון הרבצת התורה אין די פרייע צייט, ווערט צוגעשטעלט פאַר די קינדער וואָס האָבן אַ שטאַרקע תשוקה קונה צו זיין מסכתות און דאָס איינבאַקן פעסט אין זכרון אַלס "גירסא דינקותא". די חבורה וואָס מיט איר געוואַלדיגן סוקסעס האָט זיך קונה שם געווען אַלס אַ יחיד במינה, ווערט אנגעפירט דורך הר"ר אלטר לאנדא שליט"א וועלכער לייגט אַריין אומגעהויערע גרויסע כוחות אין די טייערע תלמידים אַריינצוברענגען אין זיי ידיעות בתורה בעיקר אין ששה סדרי משנה. די קינדער פארהערן זיך מסכת נאָך מסכת, וואו עס קומען אַרויס די השלמות וואס זיי האבן זיך קונה געווען אין די מתמידים.

די קינדער פון די עלטערע כיתות ו' און ז', האבן היי-יאר דורכגעלערנט גאנץ סדר זרעים בנוסף צו עטליכע מסכתות פון סדר טהרות, וואס נעמט אריין אין זיך די רייכע מסכתות: כלאים, תרומות, א,א,וו, און דערמיט האבן זיי זוכה געווען מסיים צו זיין א דבר השלם און קונה זיין מיט א קנין נצחי.

**די עלטערע תלמידים פון כיתה ח' און ט' האבן היי יאר באוויזן דאס אויסערגעוועהנליכע, נעמליך, אדורך צו לערנען גאנץ "מס' כלים און אהלות" און דאס איינצוחזר'ן שגורה בפיהם און זיך דערנאך געשטעלט צום פארהער ביי הרה"ג ר' שמואל יעקב מייזעלס שליט"א מו"ץ קיט"ל קרית יואל אויף גאנץ מסכת אהלות, ווי דער דיין שליט"א איז ממש ארויס פון התפעלות פון די קענטעניסן פון די קינדער, ווי ער צייגט דאס אפן ארויס און דעם ספעציעלן געשריבענעם תעודה פאר די יונגע תלמידי חכמים.**

אזוי אויך איז פארגעקומען במשך דעם יאר עטליכע פארהערן אויף פארשידענע מסכתות ביי די כיתה ו' ז' קינדער, וואס טראַצ-דעם וואס עס ווערט נישט פארלאנגט האבן זיך א שיינע צאל קינדער געשטעלט צום פארהער אויף די מסכתות ביים בוחן תמידי פון די מתמידים הרה"ג ר' אברהם דוד פאָלקאָוויטש שליט"א, ארויסצייגנדיג זייער געוואלדיגע ידיעות און קענטעניס וואס זיי האבן קונה געווען אין די קורצע צייט מיט גרויס יגיעה.




אַזוי אויך האָבן די יונגערע כיתות אָפּגעצייכנט היי-יאָר מיט גרויס הצלחה, ווען תלמידי כתה ה' האָבן דורכגעלערנט רוב סדר מועד אריינגערעכנט גאנץ מסכת שבת, און א ספעציעלער דגוש איז געלייגט געווארן אז די קינדער זאלן זיך קענען שטעלן צום פארהער אויף די ל"ט מלאכות בעל פה.

ועל כולם ספעציאַליזירט זיך די מתמידים מיט'ן "סדר החזרה" וואס ווערט אריינגעלייט און אויסגעאַרבעט אויף אַ פּאסיגן אופן עס זאל בלייבן כמונח בקופסא, מען זאל דאס שטענדיג געדענקען, איבערהויפּט ווען מען רעדט פון יונגע קינדער ביי וועמען עס בלייבט לענגער ווי חז"ל זאָגן אַז עס איז ווי געשריבן "דיו על נייר חדש" וואָס האַלט זיך גאָר לאַנג.

עס הערשט אַ גרויסע שמחה ביי אַלע תלמידים וועלכע האָבן יעדע לפי דרגא דילי' קונה געווען גאר אסאך ידיעות וואס וועט צונוצקומען אויפ'ן גאנצן לעבן, דורכלערנענדיג מסכתות וואס צומאל קומט מען נישט אָן דאס צו לערנען במשך אסאך יארן .

**אָבער דער הויכפּונקט פון דעם מעמד מרומם איז, ווי א שיינע צאל תלמידים יונגע בחור'ליך און דערונטער עטליכע קינדער, גרייטן זיך נאך יארן אויסנאמליכע יגיעה פון אנזאמלען צוביסלעך נאך א פרק און נאך א מסכתא לברך על המוגמר און האבן די זעלטענע זכייה מסיים צו זיין גאנץ "ששה סדרי משנה" וואס איז א זעלטענהייט דאס צו קענען באווייזן, און ב"ה מען שטייט שוין יעצט ביים 'ברנה יקצורו' וואס וועט געפראוועט ווערן מיט גרויס שמחה ביים גרויסארטיגן סיום 'תלמודו בידו'.**

יעצט גרייט מען זיך מיט אַ התרגשות צום גרויסארטיגען מעמד "תלמודו בידו" וועט אָפּגעהאַלטן ווערן דעם מאנטאג נצבים (סליחות) אין די זאַלן פון "עטרת מאיר צבי" אינאיינעם מיט די עלטערן און די זיידעס פון די תלמידים וועלכע וועלן קומען שעפּן נחת פון די האָרעוואַניע , און מחזק זיין זייערע קינדערליך ווייטער צו שטייגן און נאר גיין מעלה מעלה.

**אשרי מי שבא לכאן "ותלמודו בידו"!**






וואכנשריפט

בס"ד

אל"ו דברים שאדם אוכל פרותיהם... וגמילות חסדים

תושבי העיר החסד קרית יואל דרוקן אויס
א הערצליכע דאנק ורגשי תודה פאר דעם
טייערן איש החסד, מגדולי בעלי צדקה
בעירינו, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה

הרבני הגיד והנכבד, נודע לשם ולתהלה

מוה"ר

# אייזיק ליפא ווידער

הי"ו

וואס האט ביישטייערט א פילאנטראפישע סומע, צו פינאנצירן דעם פראיעקט פון

לשובע MEALS 845.261.1600

אינערהאלב די פילפארביגע
אפעראציע פון די בארימטע

מרבה לשובע
רבי ישעי'לעס קאך

צו באשטעלן די 'נאכטמאלס' רופט דעם ←




# לשובע ולא לרזון

ווי ברייט באקאנט איז 'מרבה
לשובע' א צענטראלער אדרעס
פאר אורחים און תושבים צוגלייך,
צו געניסן פון זעטיגנדע מאלצייטן,
פרישטאג, מיטאג, נאכטמאל,
סערווירט כיד המלך, מיט פולע
שיינקייט און רייכקייט, ממשיך צו
זיין די פעולות החסד פון הרה"ק
רבי ישעי'לע מ'קערעסטיר זי"ע

**ספעציעל שיינט ארויס דער
נייער פראיעקט פון**

## לשובע-MEALS

**וואס פונקציאנירט די
לעצטערע חדשים מיט
סוקסעס, אונטער א געניטן
סיסטעם פון אפשיקן
אהיים פארטיג-געפאקטע
נאראהאפטיגע נאכטמאלס
פאר משפחות אין געוויסע
מצבים**

אין צוגאב צו די גוטהארציגע
שטיצע וואס 'מרבה לשובע'
געניסט צו יעדע צייט פונעם
נדבן הדגול הר"ר אייזיק ליפא
הי"ו, האט ער אצינד זיך
געלאזט קאסטן א סכום עצום,
אפקויפנדיג דעם זכות פון
"לשובע-meals", לזכר נשמתו
הטהורה פונעם הייליגן רבי
ישעי'לע זי"ע

# מי ישע ישאבון

אשריך ואשרי חלקך, יש שכר לפעולתך, ישועות לרוב
במדה גדושה, זכותים נשגבים בלי גבול וערך, ישלם ה'
פעלך וצדקתך, קול שמחה תמיד באהל איש חסד

לך נאה להתברך ממקור הישועות, ימליץ טוב בעדך
רבי ישעי ב"ר משה זי"ע, פועל ישועות בעד מצמיח
צדקות, אשר פעולותיו הק' ממשיך בחוט של חסד

ויתן לך ה' סל מלא ברכות, ונשא ברכה מאת ה', ייטיב
ה' בעדך כגמולך הטוב, דורות מתוקים ונחת דקדושה,
עזר שמים מעל בכל עת, רב הצלחה בחיים חן וחסד

בברכת תודה
הנהלת
מרבה לשובע
בשם אלפי תושבי
העיר




ב"ה
שובע
ע'ס קאך
רבי ישעי'
ה זי"ע

מרבה לשובע נומער: 845.261.1600

גיוס בנות יהרג ואל יעבור!

# יהדות החרדית אויפגעציטערט פון מיליטערישע ארעסט אויף חרדי'שע מיידל אדל בת מרים שתחי'

**אנגסט איבער פארמערונג פון מערערע 'איינצעלע פעלער' פארבינדן מיט 'גיוס בנות' אין די לעצטע תקופה**

דער יהדות החרדית אין ארה"ק איז אויפגעשוידערט פון א ברוטאלע ארעסט וואס איז פארגעקומען מיט צוויי וואכן צוריק, ווען די ציוניסטישע מיליטערישע פאליציי האבן ארעסטירט א חרדי'שע מיידל וואס האט זיך נישט געוואלט רעקרוטירן צום ציוניסטישן מיליטער.



מחאה פארנט פון מיליטערישע טורמע 'כלא 10'

דאס מיידל וועלכע האט געלערנט אין א חרדי'שע מיידל סקול, האט געשפעטיגט מיטן אנגעבן דעם נויטיגן דאקומענט געחתמ'עט דורך א 'רב מטעם' אז זי איז א רעליגיעזע מיידל, און דעריבער האט דאס מיליטער איר גערופן זיך שטעלן אין לשכת הגיוס, און ווען זי איז דארט אנגעקומען האבן איר די באאמטע געמאלדן אז טאמער זי איז נישט גרייט זיך זאפארט רעקרוטירן צום מיליטער, איז זי ארעסטירט.

דאס מיידל, וואס איז פרום און רעליגיעז, האט געזאגט אז עס קומט נישט אין באטראכט אז א אידיש מיידל זאל גיין אין מיליטער, און איז דעריבער פארהאלטן געווארן אינעווייניג אין לשכת הגיוס, ווען נאך א ווייל איז די מיליטערישע פאליציי אנגעקומען אהין און איר אפגעפירט צום מיליטערישן טורמע 'כלא 10'.

עס האט געדויערט עטליכע טעג ביז ווען די עסקנים זענען געוואויר געווארן איבער איר ארעסט, און מען האט תיכף אנגעפאנגען צו טון וואס מעגליך איר צו באפרייען, למעשה האט זי באקומען א טורמע אורטייל פון 20 טעג, וואס דערפון האט לויט דער סיסטעם געדארפט אראפגיין צוויי טעג און זי האט געזאלט באפרייט ווערן דעם פרייטאג ו' אלול, אבער בחסדי השי"ת, נאך גרויס דרוק און פחד פון שטורמישע פראטעסטן איז זי שוין באפרייט געווארן דעם מאנטאג.

דורכאויס די פאריגע וואך זענען פארגעקומען עטליכע פראטעסטן, און אויך א שטארקער פראטעסט פארנט פון דעם מיליטערישן טורמע וואו עס האט אויפגעטראטן הגאון הגדול רבי צבי פריעדמאן שליט"א וואס האט געזאגט אז "עפ"י הלכה איז פארכאפן א מיידל אין מיליטער ערגער ווי פארכאפן א מיידל אין קלויסטער און מען דארף מחלל שבת זיין איר צו ראטעווען".

אויך האט דארט אויפגעטראטן הגאון הגדול רבי יוסף מאיר אלטמאן שליט"א גאב"ד חוג חתם סופר ב"ב וואס האט ארומגעשמועסט אז דאס עצם גיוס בנות איז א פשע בל יכופר, על אחת כמה וכמה ווען זיי פרובירן פארכאפן חרדי'שע מיידלעך, וואס עס ליגט א פליכט צו קעמפן דערקעגן מיט מסירות נפש ממש.

נאך די דרשות האט דער ציבור געלאזט הערן א הילכיגער קול מחאה און דערמיט מחזק געווען דאס מיידל אינעווייניג אין טורמע.

עסקנים צייכענען אן, אז דאס איז ליידער נישט קיין איינציגע געשיכטע פון א חרדי'שע מיידל אין מיליטערישן טורמע, נאר פון צייט צו צייט הערט מען איבער מער און מער חרדי'שע מיידלעך וואס דאס מיליטער פרובירט זיי צו רעקרוטירן מיט געוואלד, און ס'איז קענטיג אז זיי האבן דערין א נייע סטראטעגיע ווען זיי טאפן נאכאנאנד ווי וואַך דער ציבור איז קעגן די שרעקליכע גזירה, אויפן שטייגער ווי זיי האבן געטון אין די ערשטע יארן וואס זיי האבן פרובירט צו רעקרוטירן חרדי'שע בחורים, היל"ת.

# לחזות בנועם

## פרייליכע נייעס פון דער יהדות החרדית

- יהדות החרדית נעמט אויף מיט גרויס פרייד בשורה מרנינה, איבערן גרינדונג פון פרישע 11 מוסדות חינוך הטהור על טהרת הקודש אום חודש אלול, די מוסדות זענען אויסגעשפרייט לענגאויס עטליכע שטעט און געגענטער פון ארה"ק און ווערן געעפנט מיטן הילף פון דעם נייעם בארימטן "קרן משה מנחם" אנגעפירט דורך תלמידים פון הגה"צ רבי משה מנחם טירנויער זצוק"ל דומ"ץ ור"מ ישיבת 'תורת משה' ד'סאטמאר מאנטריאל.



- מסירות נפש מנהלי המוסדות זענען דאנקבאר און לויבן אויס מאסיווע מיליאן דאלער חלוקה דורך מפעל הכביר 'שקל הטהור' פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וואס האט דעם פארלאפענעם כ"ו אב פארטיילט ריזיגע תמיכות פאר העכער הונדערט און זעכציג מוסדות חינוך הטהור על טהרת הקודש, דער מעמד החלוקה איז פארגעקומען אין ירושלים בראשות הגה"צ מורינו שליט"א.



- נייעס אפיס פון 'מרכז הצלה' געעפנט אין די נייע רמה ג' 2 געגענט אין שטאט בית שמש, וואו די ארבעטער אין אפיס וועלן פון דארט אנפירן די מלאכת הקודש צו ראטעווען בחורי ובנות ישראל משמד הגיוס, און צוגאב צו די ביז איצטיגע אפיסעס פון דער ארגאניזאציע אין ירושלים וואו די ארבעט גייט ווייטער אן ביתר שאת.



- היסטארישער כינוס חיזוק ועידוד פאר הונדערטער חברי 'קהל בני תימן' בארה"ק, וועלכע קלאמערן אויף די תימנ'ער דרך המסורה, בראשות זייער מנהיג הגה"צ מארי רבי חננאל שאררה שליט"א איז אפגעראכטן געווארן אין שטאט 'ראש העין', בהשתתפות דעם חשוב'ן גאסט כ"ק אדמו"ר מסקולען שליט"א פון מאנסי וואס האט אויפגעטראטן מיט הארציגער ניגון און דברי חיזוק.



- נאבעלער מעמד 'חלוקת מלבוש ישע' פאר חתנים גיבורי חיל וועלכע האבן חתונה אין די תקופה איז אפגעראכטן געווארן אין שטוב פון הגאון הגדול רבי משה פאלאק שליט"א דומ"ץ קהל יטב לב ד'סאטמאר ירושלים (מלפנים בלאנדאן), וואס האט אויפגעטראטן מיט דברי חיזוק פאר די גיבורי חיל.

בדרך המלך נלך:

# עצרת מחאה קעגן חילול קברי ישראל אין גילה בראשות גדולי ישראל שליט"א

## אויפן ארט וואו כ"ק מרן הגה"ק גאב"ד ירושלים זצוק"ל בעל 'שערי טוביה' איז ארויסגעקומען מוחה זיין בשארית כוחותיו ממש



העסקן הרה"ח ר' יצחק אייזיק ווייס שליט"א



קבלת עול מלכות שמים דורך הגאון הגדול רבי מאיר העלער שליט"א אב"ד קרית חסידים בי"ש



מסירות נפש יונגעלייט שטעלן אפ די חילול הקברים

א שטורמישע מחאה איז פארגעקומען דעם פארלאפענעם דאנערשטאג פרשת עקב כ"א מנחם אב תשפ"ב, ווען א ריזיגער ציבור מבני הכוללים של היהדות החרדית הנאמנה אין ארה"ק זענען ארויסגעקומען צום גילה געגענט, וואו עס קומט שוין פאר חיטוטי שכבי איבער א יאר צייט, און דארט אפגעראכטן א שטורמישע מחאה כדת של תורה.

ביים פראטעסט זענען געהערט געווארן דברי מחאה פון הגה"צ רבי יהושע ראנזעברעגער שליט"א מרא דאתרא קרית הרמ"א אין בית שמש, הגאון הגדול רבי משה זאב זארגער שליט"א דומ"ץ סאטמאר ירושלים ובעל 'וישב משה' און העסקן הרה"ח ר' יצחק אייזיק ווייס שליט"א.

תפלת רבי חיים פאלאג'י זי"ע איז פארגעזאגט געווארן מיט גרויס התעוררות דורך הרה"צ רבי שמעון שפירא שליט"א ממשפיעי חסידי ברסלב און קבלת עול מלכות שמים דורך הגאון הגדול רבי מאיר העלער שליט"א מרא דאתרא קרית חסידים אין בית שמש.

נאך די דרשות איז דער ציבור אריין אינעווייניג אין שטח וואו עס קומט פאר די חיטוטי שכבי, און טראץ די באריקאדעס פון די בלוט דארשטיגע געדינגענע גארדס וועלכע באוואכן מען זאל נישט קענען שטערן



די רבנים בשעת דער דרשה פון הגה"צ רבי יהושע ראזנבערגער שליט"א אב"ד קרית הרמ"א בי"ש

די מלאכת ההרס - חיטוטי שכבי, האבן די יונגעלייט באוויזן צו דערגרייכן דעם טראקטאר און אפגעשטעלט די ארבעט פאר לאנגע שעה'ן.

ביים פראטעסט זענען ארעסטירט געווארן צוויי חשוב'ע יונגעלייט, וואס דער 'ועד למען אסירי ציון' האט זיי אריינגעברענגט אין טורמע תפילין און עסן, און דער לאיער פונעם ועד האט זיי באגלייט מיט יעוץ און הדרכה ביז צום באפרייאונג, ב"ה.

דער פראטעסט האט געדינט ווי א סימבאל אויסצורופן, אז אויך לאחר פטירתו פון כ"ק מרן הגה"ק גאב"ד ירושלים זצוק"ל בעל שערי טוביה, וואס האט בשארית כוחותיו אנגעפירט די מלחמה קעגן די חיטוטי שכבי, וועלן די פראטעסטן ווייטער ממשיך זיין, און דער זעקה אדירה "אלוקיהם של אלו לא מת" האט גוט אפגעהילכט!

# אנגסט און זארג: נאך רעליגיעזע מוסדות וועלן נאכטון 'בעלזא' און זיך איבערגעבן אין די הענט פון דעם ציוניסטישן 'משרד החינוך'



מחאה פון זקני ירושלים קעגן מוסדות בעלזא

א געדיכטער נעפל שוועבט אין די טעג אויף דער עתיד פון צענדליגער טויזנטער חרדי'שע ילדי התשב"ר אין ארה"ק, נאכדעם וואס דער ציוניסטישער 'משרד החינוך' האט פארעפנטליכט אן אפציעלע דאקומענט, וואס שטעלט קלאר די דעטאלן וויאזוי חרדי'שע מוסדות קענען זיך גענצליך אונטערגעבן פארן ציוניסטישער 'משרד החינוך' און געניסן פון 100 פראצענט רעגירונג שטיצע און נאך בענעפיטן.

דאס נייע מהלך פון אנשליסן חרדי'שע מוסדות אין דער ציוניסטישער 'משרד החינוך' איז אויסגעארבעט געווארן אין די לעצטע חדשים, דורך א חבר כנסת המינים פון די 'יש עתיד' פארטיי, צוזאמען מיט די הנהלה פון 'מוסדות בעלזא' וועלכע ווילן אריינפירן זייערע אלע מוסדות אונטער דאס בעלות פונעם ציוניסטישן 'משרד החינוך'.

אין די לעצטע וואכן, נאך וואס מוסדות בעלזא האט שוין אפציעל געמאלדן א זיי גייען אויף דער מהלך, האט דער ציוניסטישער משרד החינוך פאראויס גערוקט דער אפיציעלער פלאן, און האט שוין פאריגע וואך פארעפנטליכט אלע דעטאלן דערפון און אויך גערופן אז נאך חרדי'שע מוסדות זאלן דאס אננעמען.

ווי עס ווערט באריכטעט, זענען דא עטליכע חסידישע און ליטווישע פריוואטע מוסדות, וועלכע ווילן נאכטון דער שריט פון 'מוסדות בעלזא', וועלכע זענען געווען די ערשטע אריינצוטאנצן אין די אמבטי" של רותחין און דאס אפקילן פאר אנדערע.

עס כאפט א ציטער צו קלערן אז פריוואטע מנהלים וועלן בעד בצע כסף גענצליך איבערגעבן דאס בעלות פון די מוסדות און דער עתיד פון די ילדי התשב"ר אין די הענט פון רשעי ישראל די ציוניסטישע 'משרד החינוך'.

על אלה אני בוכי':

# מיליטערישע צערעמאניע פאר 200 'חרדישע יוגנטליכע' וואס זענען ליידער אריינגעפאלן אין מיליטער

א טרויעריגע צערעמאניע איז אפגעראכטן געווארן דעם פארלאפענעם דאנערשטאג פרשת עקב כ"א מנחם אב תשפ"ב, ווען דאס ציוניסטישע מיליטער האט געפייערט מיט גרויס פאראדע, דאס אריינשליידערן 002 'חרדי'שע יוגנטליכע' אין זייער 'כור ההיתוך', און זיי רעקרוטירן אין ציוניסטישן מיליטער.

אין א מעלדונג וואס דאס מיליטער האט געשיקט פאר די מידיא, האבן זיי פארציילט איבער 002 'חרדישע יוגנטליכע' וואס רעקרוטירן זיך צום ציוניסטישן מיליטער, און וועלן מערסטנס אריינגעשטעלט ווערן אין א רייע פון קאמף איינהייטן און די איבריגע וועלן באקומען פארשידענע שפיאנאזש און טעכנעלאגיע מיסיעס.





טרויעריגע בילדער פון חרדי'שע נשמות וואס זענען ליידער אוועקגעריסן געווארן צום טמא'נעם מיליטער

אויך האבן זיי באטאנט אז דאס קומט נאך א גרינטליכע ארבעט פון די 'מנהלת גיוס חרדים', א ספעציעלע אגענטור וואס גיבט זיך אפ מיט אלעס אנבאלאגט אריינשלעפן 'חרדישע יוגנטליכע' אין דעם ציוניסטישן מיליטער.

ביים צערעמאניע איז געהערט געווארן די ווערטער פון דער א.ג. 'חרדי' וואס פירט אן דער פראיעקט, ער האט געזאגט: "דאס מיליטער נעמט אויף מיט אפענע ארעמס די 002 סאלדאטן, וואס זענען געווען גוטע בחורים און אצינד וועלן זיי געטריי באדינען דעם ציוניסטישן נאציאן...", רח"ל.

דאס הארץ רייסט און טוט וויי צו הערן די שווערע באריכטן, וויאזוי דער שלטון הכופר רוט נישט, און טוט וואס מעגליך אריינצושלעפן וואס מער חרדי'שע קרבנות אין זייער מיליטער, וואס איז באזירט אויף די ג' חמורות וואס א איד איז מחוייב זיך מוסר נפש צו זיין און דאס נישט עובר זיין.

און וויפל צייט וועלן זיי דינען אין מיליטער? צוויי יאר! דאס איז די צייט וואס דער שלטון הכופר שאצט אז ס'איז גענוג פאר די מיליטער צו אראפווארפן דער עול תורה ומצוות פון די יוגנטליכע רח"ל, נאכדעם, וועלן זיי איין יאר לערנען אקאדעמישע קורסן, און ארויסקומען פון מיליטער 'אויפגעקלערטע' יונגען.

**עיני ירדה מים על חללי בת עמי!**

בארצינו הקדושה
דער מצב

# על הפרק

## קליינע נייעסלעך פון גרויסע מערכות

• צער און ווייטאג אויף חילול הקודש ביים אנפאנגען די לימודים פון 'זמן אלול' אינערהאלב די פארטייאישע מוסדות: שעף-קאמאנדיר פון ציוניסטישע פאליציי איז אויפגענומען געווארן אין היכלי הישיבות אין ירושלים, פריצות'דיגע 'צרת (שָׂרַת) החינוך' איז אויפגענומען געווארן אין א תלמוד תורה אין בית שמש, און דער 'המודיע' האט פובליצירט א גאסט עדיטאריעל פונעם 'נשיא המדינה' שר"י 'לכבוד' דער אנפאנג פון 'זמן אלול'.

אנגסט אין בר אילן געגענט אין ירושלים, נאך וואס אראבישער גארד וואס באוואכט די ארבעט פאר די 'רכבת הקלה' באן האט פרובירט צו שטעכן א איד; ס'איז געהערט געווארן א רוף צו די שטאט-ראט זיי זאלן זאפארט אפשטעלן די דארטיגע ארבעט פארן 'רכבת הקלה' און אפטראגן פון דארט צוזאמען מיט זייערע 'שומרים'.

חברת 'אגודים בצרה' האבן דעם פארלאפענעם ערש"ק פר' ראה פארעפנטליכט א ליסט פון איין יונגערמאן פון ירושלים, 5 בחורים פון בית שמש, בני ברק, בת ים און נתני', און איין חרדי'שע מיידל פון אלעד וועלכע שמאכטן ליידער אין מיליטערע טורמע פארן 'זינד' פון זיך נישט וועלן רעקרוטירן צום טמא'נעם מיליטער, כלל ישראל איז מתפלל שלא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים.

טיהר את עיר בני ברק: מעמד לחיים אויף דער רבי עקיבא גאס אין שטאט בני ברק בראשות רבנים חשובים שליט"א, נאך וואס היימישער יונגערמאן האט אפגעקויפט - מיט הילף פון כ"ק אדמו"ר מסטריקוב שליט"א - איינס פון די לעצטע דריי געשעפטן אין שטאט וואס האבן פארקויפט סמארטפאנס, און דאס אריינגעברענגט אונטער די השגחה פון די 'ועדת הרבנים לעניני תקשורת'.

שטורמישע פראטעסט פארגעקומען פארגאנגענעם מיטוואך אין 'גבעת זאב' געגענט אין ירושלים, וואו עס איז פארגעקומען א 'יום משטרה' וואו די פאליציי און אנדערע אגענטורן האבן פארגעשטעלט זייערע אקטיוויטעטן פאר טייערע צאן קדשים.

בחור וואס ווערט שוין דריי יאר געזוכט געווארן דורך דעם מיליטער פארן זיך נישט רעקרוטירן אין מיליטער, איז ארעסטירט געווארן ביים זיך שטעלן אין לשכת הגיוס, און אדאנק שתדלנות פון 'הצלה לאחים' איז ער אפגעקומען מיט 'בלויז' זעקס טעג אין טורמע, און אויפצומארגנס פונעם באפרייאונג האט ער שוין ב"ה ערהאלטן דעם 'פטור'.

כלל רבני העיר בית שמש זענען ארויסגעקומען מיט א קול קורא 'אל תחטאו בילד' קעגן דעם נייעם מוסד 'החיידר החסידי' יציר כפיו פון דעם טרויער-בארימטן מ. בומבאך מייסד ישיבות כלאים אין שטאט ביתר, וואס באהאלט נישט זיינע פינסטערע צילן, אז ילדי התשב"ר זאלן 'ערצויגן' ווערן מיט די לימודי חול פונקט ווי פרייע קינדער, רח"ל.

ביי א פראטעסט וואס איז פארגעקומען אין בית שמש קעגן דער מוסד זענען ארעסטירט געווארן צוויי אסירי ציון, איינער א אומשולדיג דרייצן יעריגער בחור'ל, דער 'ועד למען אסירי ציון' האט געשתדל'ט אז זיי זאלן באפרייעט ווערן תיכף נאך די אויספארשונג.

פעילים פון 'איגוד הצלה' ארגאניזאציע האבן פראטעסטירט אין שטאט ביתר קעגן מפיץ זיין טומאה און קלקול בעניני הנהגת הבית היהודי, נאכדעם וואס בתי דינים און רבנים פון אלע שיכטן און קרייזן האבן ארויסגעגעבן שארפע איסורים דערקעגן.

דרכיה דרכי נועם? בחור פון ליטווישע-פארטייאישע ישיבה ארעסטירט דורך די ציוניסטישע פאליציי נאכן צאמשטעלן באמבעס און פלאנירן דאס צו נוצן קעגן אראבער.

ציוניסטישע מיליטער פובליצירט נייע קאמפיין "קענסט האלטן א סוד?", אריינצושלעפן חרדי'שע יוגנטליכע אין די שפיאנאזש אגענטורן פון זייער טמא'נע מיליטער.

נאך א שווערע בלוטיגע קאמף מיט מסירות נפש צו אפריינציגן די 'גאולה' און 'מאה שערים' געגענטער פון אומ'כשר'ע טעכנעלאגיע געשעפטן, האט דער 'ועד למען טוהר השכונות מפגעי הטעכנעלאגיע' באנייעט די מערכה אין דער געגענט פון 'בר אילן' און 'שמואל הנביא' ווי זיי פאדערן די געשעפטן זאלן מקבל זיין די השגחה כהוראת גדולי ומאורי ישראל שליט"א, און עטליכע געשעפטן האבן שוין באוויליגט צו נעמען די השגחה אדער זיך פארמאכן.

א בושה האט באנומען חרדי'שע אידן, מיטן באריכט אז ליטווישע-פארטייאישע יוצאי הישיבות האבן געגרינדעט א קאלאניע 'דרך אמונה' אין די מערב ברעג פון די ציוניסטישע מדינה מיטן ציל זיך צו רייצן מיט די דארטיגע אראבישע שכנים, נאך עטליכע טעג איז דאס אומלעגאלע קאלאניע עוואקוּאירט געווארן דורך די אינסטאנצן.

זקני ירושלים און חשוב'ע רבנים האבן געלאזט הערן א ווײ געשריי ביים עצרת מחאה אין רחבת מאה שערים קעגן די פריצת גדר בחומת חינוך ילדי התשב"ר דורך דער בעלזער קרייז, דערנאך איז מען ארויס בשק ואפר צום ריכטונג פון דער בנין ת"ת 'בעלזא' אין זכרון משה געגענט.

1,200
פּאַרציעס
יעדן טאג.

הונדערטער אידן דערקוויקן
זיך טעגליך מיט א ברייטע
פרישטאָג
מיטאָג
נאַכטמאָל
נוסח קערעסטיר...

נעמט א חלק אינעם
גרעסטען הכנסת אורחים
אפאראט אין די שטאט

מרב"ה לשובע
ר' ישעי'לע'ס קאך

$180 ארוחת בוקר › זכות פרישטאג
$360 ארוחת ערב › זכות נאכטמאל
$500 סעודה למנין
$720 סעודת הודאה
$1,000 פרנס היום
$5,000 פרנס השבוע

צו ספאנסערן רופט אונזער עסקן מוה"ר זלמן לייב פריעדמאן אויף: 845.261.1600 #2 #3

בס"ד

עמוד התורה

בואו שעריו בתור"ה
ברכנוכם מבית ה'

שאו שערים ראשיכם, בשבח והודאה להקב"ה שבסייעתא דשמיא יפתחו שערי בית מדרשינו,
כמגדל אור לכל הסביבה ובפרטיות לאנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר בית מקדש מעט
על דרך הסלולה של מרן רבינו הקדוש זי"ע, הנמשכת בגאון ובעוז ע"י כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
מבצר עוז אשר קול התורה ותפלה תמיד בה ישמע,

כי עתה הרחיב ה' לנו
יום בשורה הוא לנו כאשר זכינו שהחיינו והגיענו להרחבת גבולי הקדושה
בפתיחת בית מדרשינו
מעריוואלד סאוט
ועתה עומד בית המדרש מוכן ומזומן ללומדי תורה ולתפלה
לקבוע עתים לתורה בהרחבת הדעת ומנוחת הנפש כראוי

ובד בבד אנו מודיעים לכל הקהל הקודש הזה באי בית ה'
אשר אנו עומדים הכן לכל דורש ומבקש כאוות נפשכם,
לסידור חברותות
ושיעורים

ושמחים אנו להודיע אשר בעז"ה נתמנה לשרת בקודש בתור
גבאי עמוד התורה מיוחד לבית מדרשינו
האברך החשוב המופלג
הר"ר אברהם לאקס הי"ו
917-246-7970

ובשם ה' נעשה ונצליח, להגדיל תורה ולהאדירה!
יהי רצון שנזכה להרבות פעלים לתורה ולתעודה, ויתקדש שם שמים על ידינו
הנהלת עמוד התורה

הנה מה טוב ומה
נעים שבת אחים!
והן ידוע כמה תבע
מרן רביה"ק זי"ע
שיתאחדו יחדיו
להתפלל ולקבוע
עתים לתורה בבתי
מדרשינו!

מן הבוקר
ועד הערב
דייני קהלתינו הק'
זיצן גרייט
לדון ולהורות
בדבר ה' זו הלכה

נשים באות
לשמוע
עקסטרע שטוב פאר
פרויען אריינצוקומען
פערזענליך פרעגן א
שאלה

עס איז כדי
אריינצורופן אפאר
מינוט פארן קומען
צו פארזיכערן אז א
דיין איז גרייט
צוצוקומען

קומט
אריין

וגם כל
העם על
מקומו יבא

פון 10:00 אינדערפרי
ביז 10:00 ביינאכט
ערש"ק ביז 2:00 נאכמיטאג

בית הוראה
קהל יטב לב סאטמאר, קרית יואל

845 783.0546
אדער אויף די צענטראלע קהל'ס נומבער #3 845.783.5688

אינעם לשכת בית הוראה
6 גארפיעלד רד.

לבקשת הרבים
האבן מיר פארלענגערט

**צדקת העיר קרית יואל**
קופת החסד למען נצרכי העיר
קרית יואל והגלילות

**Tzedukas Huir**
15 Van Buren Dr. #013
Monroe, NY 10950

[redacted]ashuirkj@gmail.com

בעזהשי"ת

# מודעה מש[redacted]

מיר ווילן מודיע זיין אז דאס יאר וועט אויך [redacted]

**סוכה פענעלס ~ קאסטאם ~ טירן ~ ווינדאו[redacted]**
**פאר די ביליגסטע פרייזן אויף די מארקעט**

**בלויז $40 א פענעל**

די פרייזן איז האלסעיל – נישט קיין צדקה

מען קען באשטעלן נאר דורך אויספילן אן אפליקעשאן

אפליקעשנ"ס קען מען באקומען ביי:

| עסקנים | דראפ באקס | מארקעט פלעיס |
|---|---|---|
| עסקני צדקת העיר | ביים אפיס 24 שעה | 1 לעמבערג קט. # 001 פון 12:00 ביז 6 פארנאכטס ביים צוריק ברענגן לייגן אין דראפ באקס 24 שעה |

אימעיל sukkahtzedukashuir@gmail.com

# דעדליין: זונטאג פרשת כי תבוא הבעל"ט

*בברכת כתיבה וחתימה טובה*
***הנהלת צדקת העיר קרית יואל והגלילות***

נ.ב. א סעמפל פון די פענעלס/ווינדאו קען מען זעהן 24 שעה נעבן די אפיס פון צדקת העיר.

# צום צווייטן יאר ווערט פארקויפט דער וויכטיגער קונטרס 'הפותח שער לדופקי בתשובה' וואס טוט עפענען א טיר צו תשובה פאר א יעדן איינעם

## פילע ליקוטים פון ספרים הקדושים וועלכע פארענטפערן מערערע קשיות און יאושים וואס האלטן אפ מענטשן פון טון תשובה

### הפותח שער

שוין צום צווייטן יאר וואס עס ווערט פארקויפט דער קונטרס 'הפותח שער לדופקי בתשובה', א קונטרס וואס די וואס האבן עס דורכגעלערנט האבן זיך אויסגעדריקט מיט גרויס צופרידנהייט, אז די עבודה פון די הייליגע טעג איז געווען ביי זיי פיל מער מיט התעוררות און חיזוק.

אין פארגאנגענעם יאר, ווען עס איז ארויסגעקומען די נייע מהדורה איז עס ממש צוכאפט געווארן, צוליב וואס דער קונטרס איז א טייערער ליקוט פון פערל ווערטער פון ספרים הקדושים פון די גדולי הדורות, וועלכע מאכן קלאר די דרכי התשובה, באגלייט מיט חיזוק און עצות, צו קענען אנהאלטן מיט תשובה.

### די שוועריגקייטן

א יעדער מענטש האט זיך זיינע עליות און ירידות, אבער ווען עס קומען די ימי הרחמים והרצון, און דערנאך די עשרת ימי תשובה, איז נישטא קיין איד וואס זאל נישט ווערן נתעורר, א יעדער וויל תשובה טון, דאס הארץ פון א יעדן איד ווערט ערוועקט זיך צו טוישן, זיין נשמה בענקט און גלוסט צו זיך דערהייבן און אנפאנגען צו לעבן מער מיטן אויבערשטן, זיך שטארקן אין סור מרע און אין עשה טוב, זיך אפהיטן פון עבירות און מרבה זיין במצוות, אוועקגעבן מער צייט פאר תורה ותפלה, וכו'.

אזוי אויך לערנענדיג מוסר ספרים, וואס זענען מעורר צו זיין פון די מארי דחושבנא, צו מאכן א חשבון וואו מ'האלט אויף דער וועלט, און דער מענטש איז זיך מתבונן אביסל מה חובתו בעולמו, און פון צווייטן זייט ווי אזוי זיין טאג זעט אויס, ברענגט עס אין אים א שטארקע רצון און החלטה זיך צו טוישן און פארבעסערן.

אבער עס זענען דא עטליכע שטערונגען וועלכע שטייען אין וועג פארן מענטש, נישט לאזנדיג אים גיין אינעם דרך התשובה.

עס איז דאך דא דער רמב"ם וואס שרייבט אז תשובה מיינט עד שיעיד עליו יודע תעלומות, אז דער אויבערשטער אליין וועט קענען עדות זאגן אויף אים אז ער גייט מער נישט זיך צוריקקערן צו די עבירה, וואס דאס איז זייער שווער און מורא'דיג הארב.

ווי עס ווערט געברענגט אין די הייליגע ספרים, זענען פאראן פיל מענטשן וואס ווען עס קומען די הייליגע דערהויבענע טעג, אנשטאט זיי זאלן זיך נעמען צו תשובה און תיקון המעשים, איז אדער פאלן זיי אריין אין א צובראכנקייט, א יאוש באנעמט זיי פון קאפ ביז פיס, טאקע צוליב וואס זיי באקומען דעם גרויסן התעוררות, און זיי וואלטן באמת געוואלט תשובה טון, אבער קוקנדיג אויף זייער מצב, און באגרייפנדיג די ערנסטקייט פון תשובה, באשליסן זיי אז זיי האבן נישט די מעגליכקייט צו תשובה טון.

### אנהייבן און דורכפאלן

די ספרים רעדן אויך פון מענטשן וואס פאנגען אן די הייליגע טעג מיט התעוררות און תשובה, זיי זענען מפשפש במעשים און נעמען זיך קבלות אויף להבא, אבער נאך א קורצע צייט, ווען דער התעוררות וועפט אויס, פאלן זיי דורך, און זיי שפירן ווי זיי האלטן צוריק ביי אלף, ספעציעל ווען די ימים נוראים גייען אריבער.

די מחשבות וואס קומען רח"ל נאכדעם זענען, א שאד צו אנהייבן צו תשובה טון, סיי ווי קען איך נישט זיך טוישן, דאס בין איך און אזוי וועל איך בלייבן, און מ'ברענגט זיך נאך ראיות פון הייליגע ספרים וואס ס'שטייט די הארבקייט פון צוריקפאלן נאך די ימים נוראים.

צ.ב.ש. דאס וואס דער הייליגער נועם מגדים באקלאגט זיך מיטן פסוק וישובו מתור הארץ מקץ ארבעים יום, אז נאך די פערציג הייליגע געהויבענע טעג קערט מען זיך צוריק צום אלטן, און די גאנצע געהויבנקייט פאלט אוועק.

ענליך צו דעם איז מבאר דער ישמח משה אויפן פסוק יש שכר לפעולתך וגו', אז באמת נאך די הייליגע טעג וואלט שוין געדארפט זיין די גאולה, נאר ושבו בנים לגבולם, אז נאך די ימים הנוראים גייט א יעדער צוריק צו זיין וועג.

### איך האב שוין פיל מאל פרובירט

אויך ווערט אויסגעשמועסט אין די ספרים דער פראבלעם, פון אזעלכע וואס האבן שוין מערערע יארן פרובירט צו תשובה טון, און זיי טרעפן זיך אז זיי האבן נישט צופיל זיך גערוקט, זיי האלטן א יעדעס יאר ביים זעלבן ארט, דאס מאכט זיי טראכטן אז תשובה איז נישט פאר זיי, עס איז עפעס א מדריגה וואס איז נישט פאר א יעדן.

דאס איז פיל מאל גורם, אז מ'פאנגט נישט אן צו תשובה טון, מ'לאזט אריבער די געהויבענע צייטן מיט גארנישט.

עס זענען פאראן נאך ענליכע מחשבות און געפילן מיט וועלכע מענטשן דרייען זיך ארום, וואס מאכט זיי א באשלוס, אז: "דער טויער פון תשובה איז פארשלאסן פאר מיר".

### הפותח שער לדופקי בתשובה - עפענען די טיר

בעזרת השם יתברך, איז דא געווארן אהערגעשטעלט א קונטרס ספעציעל מיט דעם ציל, צו געבן דעם פארשטאנד און חיזוק, אז א יעדער זאל קענען תשובה טון, און אנקומען צו א ריכטיגע אמת'ע תשובה, די מאמרים פון צדיקים און גדולי ישראל זענען באגלייט מיט זייערע עצות און געדאנקען, אלעס קומט פון ספרי מוסר וחסידות, מאמרים און דרשות פון רבותינו הקדושים זכר כולם לברכה.

דער קונטרס איז געבויעט אויף פיר יסודות וואס זענען געשריבן אין ספרים הקדושים.

**יסוד א)** תשובה מיינט נישט דוקא ענדיגן תשובה טון, א מענטש איז מחוייב צו טון וואס ער קען אין אלע חלקי התשובה, און דאס איז מורא'דיג חשוב פארן אויבערשטן, וואס דאס איז זיין עבודת התשובה אין יעצטיגן מצב.

דער מהר"ם שיק ברענגט פונעם ספר יד הקטנה אויפן רמב"ם, אז וידוי אפילו אויב עס ווערט נישט געזאגט מיט די ריכטיגע חרטה איז עס אויך חשוב, אויב דאס איז וואס דער מענטש קען יעצט צושטעלן.

**יסוד ב)** דער ריכטיגער פשט פון 'עד שיעיד עליו יודע תעלומות' און וואס עס מיינט פאר אונז.

דער חידושי הרי"ם שרייבט, אז דאס איז אן עבודה וואס מ'ברויך הארעווען אנצוקומען דערצו, אבער דאס איז נישט מעכב אין תשובה

**יסוד ג)** הדרכה און עצות אויפן חלק התשובה פון 'קבלה', מאכן ריכטיגע קבלות, און עצות זיי צו קענען אנהאלטן.

ר' שלמה קלוגער שרייבט, אז מ'זאל זיך מאכן איין קבלה א יעדעס יאר, און שטיין אויף דעם, ביז צוביסלעך וועט מען זיך טרעפן אינגאנצן געטוישט.

**יסוד ד)** שבע יפול צדיק וקם, חיזוק און עצות נאכן דורכפאלן אפילו אסאך מאל.

נישט זוכן צו גרויסע מדריגות, זיך שטענדיג מחזק זיין, אנהאלטן שטארק די קבלות, מאכן קנסות, און נאך עצות. מפי ספרים.

*

די ארבעט פון מלקט זיין און מסדר זיין דעם קונטרס, איז געטון געווארן מיט גרויס סיעתא דשמיא דורך הרה"ג ר' מיכאל יוסף שווארטץ שליט"א לאנג-יעריגער מרביץ תורה און משפיע פאר בחורים און יונגעלייט, וועלכער האט באגעגנט פיל בחורים און יונגעלייט זיך באקלאגנדיג אז זיי שפירן ווי די טויערן פון תשובה זענען צו געשפארט פאר זיי, און האט דעריבער זיך גענומען די מיסיע אהערצושטעלן דעם קונטרס מיט די ליקוטים לתועלת הרבים, און חפץ ה' בידו הצליח.

די רייכקייט און פראקטישקייט פונעם קונטרס, האט בעזרת השם יתברך שוין געברענגט ענטפערס אויף פילע קשיות און שאלות אין עניני תשובה ותיקון המעשים, וואס מענטשן פרעגן און פלאגן זיך, און האט שוין געהאלפן זייער פיל אידן זיך שטעלן אויפן ריכטיגן דרך התשובה.

**צו באקומען אין די ספרים געשעפטן**


זה השער לה' צדיקים יבואו בו

קונטרס

הפותח שער

לדופקי בתשובה

מלוקט מפי ספרי קודש, שכל אחד ואחד בלי שום יוצא מן הכלל יוכל לחזור בתשובה בניקל, כמו שכתוב כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו וכו', ואם יעשה כמ"ש בספה"ק המובאים בפנים, יזכה לבסוף לקיים כל הקבלות שקיבל על עצמו, בזכות התשובה שעשה בהימים הקדושים, עד שיזכה לתשובה שלימה, כי הקב"ה לא ימנע טוב להולכים בתמים.

נלקט ונסדר בעזרת השי"ת, ע"י
מיכאל יוסף שווארץ
קרית יואל, מאנרא ניו יארק

חודש אלול תשפ"א לפ"ק
פה קרית יואל יצ"ו
הוצאה שניה עם הוספות

# געזען און געהערט

**אינטערעסאנטע נאטיצן און פיקאנטע אנעקדאטן**

פון די טאָגבוך בלעטער פון אַ תלמיד הישיבה...

# א שבת מיט'ן רבי'ן!

## א לעכטיגער שבת קודש, מבואו ועד צאתו, בצלא דמהמנותא פון כ"ק מרן רבינו שליט"א

געשילדערט אָריגינעל און האַרציג דורך אַ תלמיד אין דער בארימטער סאטמארער ישיבה-גדולה קעמפ - "מחנה דברי יואל"

### אריינפיר:

*אין אַ וועלט ווען אַ צייטונג אַרטיקל האָט פאַרלוירן איר געשריבענע ווערד, אין אַן עפּאָכע ווען מיר ווערן פאַרפלייצט מיט אַזויפיל סופערלאַטיוון און איבערגעטריבענע גוזמאות איבער יעדע סאָרט מעמד אָדער מאורע, איז דוקא העכסט – אינטערעסאַנט און באַלערנד צו ליינען אן אויטענטישע און באַ'חנ'טע שילדערונג, אָפּגעשריבן פון אַ פשוט'ע פענע אויף אַן איינפאַכע פאַפיר, אַזאָנס וואָס יעדעס וואָרט איז טאַקע אָריגינעל און איינפאַך, אָבער טאַקע דערפאַר פאַרמאָגט דאָס אַזאַ דערהויבנקייט און אמת.*

*די פאָלגענדע שורות זענען געשריבן געוואָרן דורך אַ חשוב'ער בחור, אַ גליקליכער תלמיד פון דער הייליגער ישיבה גדולה תורה ויראה דרבינו יואל מסאַטמאַר, שטייענדיג אַצינד אין די טעג נאָכדעם וואָס די נאָנט צו טויזנט תלמידי הישיבה בליעה"ר קערן זיך צוריק פון צווישן די בערג, פון דעם וועלט באַרימטן "מחנה דברי יואל", וואו די בחורי חמד האָבן די גרויסע זכי' צו נהנה זיין מאורו הבהיר פון רבם ומאורם, כ"ק מרן רבינו שליט"א, דורכאויס די פילע ניין וואָכן, איבערהויפּט אין די שבתות קודש, וואָס זענען אַלע אַ חטיבה אחת פון נועם הנשמות ועונג הרוחות בטעם העליון.*

*לאָמיר אַלזאָ נייגן אן אויער און הערן די רויע געפילן וואָס אַ תלמיד הישיבה האָט אָפּגעשריבן גלייך פון האַרץ אַרויס. מיר האָבן דירעקט געלאָזט די שפראַך אָריגינעל ווי ערשינען אין דער 'א בליק' אויסגאבע עטליכע וואכן צוריק, מיט אַלע בחורי'שע אויסדרוקן און שילדערונגען, וואָס גיט אונז ווירקליך דעם ריכטיגן פרעספעקטיוו און רייכע אויסבליק אויף די זכי' וואָס די טייערע תלמידי הישיבה טוען פאַרמאָגן אין די לעכטיגע שבתות הקיץ בצל הקודש, המתאחדת בתורתך וביראתך!*

### בצילא דמהימנותא

אז מיר הייבן אן צו רעדן אדער בלויז טראכטן פון א 'זומער', און איבער אלעם פון א 'שבת' ביים רבי'ן אין "מחנה דברי יואל", ווערן אונזערע הערצער פארפלייצט און איבערוועלטיגט מיט געפילן און נאסטאלגישע זכרונות פון די דערהויבענע און לעכטיגע מאמענטן וואס מיר תלמידים האבן די זכי' מיטצולעבן זיצנדיג בין כותלי הישיבה בישיבתו של רבי, אונטער'ן שאטן פון אונזער גרויסן רבי'ן און ראש ישיבה כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א.

אבער אלס קורצע הקדמה צו 'א שבת מיט'ן רבי'ן אין קעמפ', מוזן מיר עטוואס אראפגעבן וואס דאס איז בכלל טייטש 'דער רבי אין קעמפ'.

דער בלויזער אפטייטש פון די ווערטער, אז דער רבי איז מיט די בחורים אין קעמפ, איז ווייט פון דאס וואס א פרעמדער קען זיך פארשטעלן. דער רבי זאל זיין געזונט איז א רבי און מנהיג פאר טויזנטער צענדליגער טויזנטער אידן בכל קצוי תבל, און פארפיגט איבער קהילות ומוסדות איבער די גאנצע וועלט מיט טויזנטער מיטגלידער אין יעדן שטאט באזונדער, אין צוגאב צו דער פאקט וואס דער רבי איז עומד בראש ביי יעדע נושא וואס נעמט ארום דאס יהדות החרדית בארץ ובגולה, זייענדיג דער שר צבא ה' ההולך לפני מחנה ישראל, בעצה ובמעש, צו דעם קומט צו די טעגליכע רבי'שע ווירטשאפט פון קוויטלעך, אסיפות, שמחות, וכו'.

אבער דאס אלעס קומט צו א גענצליכע טויש און טראנספארמירונג, ווען פאר גאנצע ניין וואכן איז דער גאנצער הלוך-ילך און ווירטשאפט דא ביי אונז אין קעמפ, וואו דער רבי פראוועט אלעס אנאיינעם מיט די בחורים, אריינגערעכנט די תפילות בימות החול ושבת קודש, שיעורים, דרשות, אסיפות, ביקורי קודש, שפאצירן, מאורעות און מסיבות.

חיבה יתירה נודעת לנו, אז אין צוגאב צו דעם אלעם, שיינט ארויס דער עצם הנהגת הישיבה פון רבי'ן פיל מער אין די זומער וואכן דא אין קעמפ; הן מיט די שיעורי סוגיא וואס דער רבי לערנט פאר פיל מער ווי איבערן יאר, הן די דרשות, דברי התחזקות און שיחות קודש וואס די בחורים האלטן מיט רעגלמעסיג מדי שבוע בשבוע ומדי שבת בשבתו. דער עצם זכי' אז מיר געפינען זיך פיר-און-צוואנציג שעה א טאג, פאר גאנצע ניין וואכן אונטערן שאטן פונעם רבי'ן, ברענגט נאטורליך דעם קשר פון די תלמידים צום גרויסן רבי'ן און ראש הישיבה, צו א פיל גרעסערן פארנעם, ווען אלע תלמידים שפירן זיך באקוועם און רואיג סיי ווען איבערן טאג און וואך אריינצוגיין בקודש פנימה צום רבי'ן זיך אויסרעדן, אדורכרעדן, מקבל זיין אן עצה, א ברכה, א.א.וו.

פי כמה איז ווען עס קומט 'א שבת מיט'ן רבי'ן אין קעמפ', ווען וואָך נאך וואָך האלטן די אריבער טויזענט תלמידים נאָך אן אנגעפולטע וואך פון תורה, עבודה ויראה טהורה, צווישן די בערג, אויף די ריינע לופט בצילא דמהימנותא קדישא, און עס קומט דער שבת קודש ווען מ'האט דער זכי' מיטצוהאלטן אלע תפילות, טישן, שמועסן און דברות קודש, מבואו ועד צאתו, איז דאס לעכטיגע און דערהויבענע געפיל ביי יעדן תלמיד הישיבה א זאך וואס מ'קען אויפן פשוט'ן פאפיר נישט באשרייבן. אבער אזוי ווי פטור בלא כלום אי אפשר, וועלן מיר זיך משתדל זיין בעזר השם יתברך צו שרייבן ראשי פרקים און קורצע פונקטן איבער די לעכטיגע און דערהויבענע זמנים פון 'א שבת מיט'ן רבי'ן אין קעמפ'. און הגם כהיום בעת מיר שרייבן די שורות, איז שוין דא געוויסע מינדערוויכטיגע פרטים וואס זענען אביסל אנדערש פון די יארן ווען מיר זענען געווען אין ישיבה, לאזן מיר דאס אריגינעל ווי ווען מיר האבן דאס מיטגעלעבט און מיטגעהאלטן.

### השבת נועם הנשמות

עס איז פרייטאג פארנאכטס א דריי-פערטל שעה נאכ'ן זמן, דער ריזן היכל ביהמ"ד הגדול 'דברי יואל' איז שטארק באלאכטן, אלעס איז איינגעהילט אין אן אנגענעמע שבת'דיגע שטימונג. דער ביהמ"ד איז אנגעפאקט מן הקצה אל הקצה מיט די אריבער טויזנט בחורים און א שיינע טייל רמ"י הישיבה, אין צוגאב צו א שיינע צאל געסט. רוב ציבור זיצט איבער א חסיד'יש ספר זיך אנצווארעמען דאס הארץ פארן דאווענען. דער זייגער קלאפט שוין פופציג מינוט נאכן זמן, ווען די גרויסע טירן אויף מזרח עפענען זיך און דער רבי ערשיינט אין ביהמ"ד אנגעטון מיט די רעזשוואלקע איבערן טלית. עס גייט נישט אדורך קיין האלבע מינוט און דעם רבי'נס לויטערע שטימע הערט זיך איבערן גאנצן שול מיט א שטארקייט און מיט א נעימות "הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו"...

דער מנחה גדויערט גאנץ לאנג, און קומט מיט א קול וואס איז בוקע רקיעים. סוף זומער איז שוין נישט פארהאן קיין איין בחור וואס קען נישט דעם רבי'נס נעימות'דיגער נוסח פון די הויכע שמו"ע בפניא דמעלי שבתא, נאכ'ן דאס הערן וואך נאך וואך מיט די זעלטענע נעימות און השתפכות הנפש כבן המתחטא לפני אביו.

צו קבלת שבת גייט געוועגליך צו צום עמוד איינער פון די חשוב'ע רמ"י הישיבה שליט"א, און דאס דאווענען גייט אריבער מיט א געוואלדיגע התלהבות און מתינות. אין א געוועגליכע וואך פלעגט מען ענדיגן דאס דאווענען ארום צוויי מיט א פערטל שעה נאך דעם זמן הדלקה"נ, וואס דאס מיינט אין די שפעטע זומער שבתים ארום האלב נאך צען.

מ'פאראנדיגט דאס דאווענען און די גאנצע ישיבה שטעלט זיך אין א רייע, צו באקומען דעם גוט שבת מיט'ן לעכטיגן שמייכל פון רבי'ן, - קיינער וויל דאס נישט פארפאסן. עס לוינט זיך דאס שטופעניש און דאס ווארטן די פינף-צען מינוט. דאס איז אויך דער צייט ווען די פרישע חתנים וואס זענען אריין בברית האירוסין במשך די פאראנגאנגענע וואך גייען אפנעמען דעם מז"ט פון רבי'ן, און דער רבי שטעלט זיך ביי יעדעם באזונדער אפ און פרעגט זיך נאך אויף די



מחותנים און די משפחה ארום.

דער רבי גייט אריין אין חדרו המיוחד צו זאגן דעם זוהר, און ביז געציילטע מינוטן קומט דער רבי צוריק אריין אין ביהמ"ד מאכנדיג דעם וועג ארויס צו בנין אלטא פיגא - דער היכל האוכל. דאס ביהמ"ד איז שוין ליידיג, סיידן געציילטע פרחי החסידים וועלכע קענען נישט פארפאסן קיין הגה פונעם רבי'ן, זיי גייען יעצט באגלייטן דעם רבי'ן - אין שפיץ פונעם מנהל הרה"ג רבי נפתלי בלומענפעלד שליט"א - דעם קורצן אבער באַ'טעמ'טן וועג ביז'ן היכל האוכל. גאר שיינע און באַ'טעמ'טע שמועסן קומען דאן פאר צווישן רבי'ן און דער מנהל ר' נפתלי, וואס די בחורים הערן אויס מיט א יראת הכבוד.

## שולחן הטהור

"דער רבי איז דא!"... דער גערויש פון טויזענט בחורים וואס שטייען און ווארטן אויפן רבי'ן ווערט מיטאמאל איינגעשטילט, דער רבי ערשיינט אין דער הייך אויפן גרויסן סטעידזש ביים מזרח וואנט, און הייבט תיכף אן "שלום עליכם", ווען דער גאנצער עולם פאלגט נאך בקול גדול.

אנדערש ווי א געוועגליכע וואך ביים טיש ווען דער רבי זינגט "שלום עליכם" איינער אליינס מיט די ווערטער, און דער גאנצער ציבור זינגט דעם ניגון אן די ווערטער, עסט יעצט דער רבי די סעודת שבת אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה, און אלע בחורים אינאיינעם מיט'ן רבי'ן זינגען די ווערטער פון די זמירות, א געזאנג וואס קלינגט נאך יעצט אין די אויערן.

מיט "אשת חיל" איז דער רבי מכבד איינער פון זיינע אייניקלעך מתלמידי הישיבה, ווען בשעת'ן זינגען איז דער רבי מסדר די י"ב חלות אונטערן חלה-דעקל כנהוג. "אזמר בשבחין" הייבט דער רבי אליינס אן מיט'ן באקאנטן ניגון מיט פארמאכטע אויגן ווען דער גאנצער עולם פאלגט נאך מיט התעוררות.

דער רבי גיסט אן דעם כוס, דער משמש בקודש ר' שמואל טייטלבוים שליט"א הייבט אויף דעם כוס צו קידוש, און א שארפע שטילקייט לאזט זיך אראפ אינעם גיגאנטישן היכל, אזש א פליג קען מען הערן. דער רבי פארמאכט זיך די אויגן און הייבט אן קידוש מיט א ברען, זאגנדיג די ווערטער מיט א זעלטענע נעימות, יעדער וואס האט דאס אמאל מיטגעהאלטן קען אויף דעם מעיד זיין. ביים פארענדיגן טרינקט ער אויס דעם כוס און שטעלט זיך אויף זיך צו וואשן די הענט.

ערשט דאן ווערן אריינגעברענגט הונדערטער פלעשער גרעיפ דזשוס – אין צוגאב צו די וויין וואס א גרויסע טייל פון די בחורים האבן פאר זיך קידוש צו מאכן. עס געדויערט בערך צוואנציג מינוט אז דער גאנצער היכל מיט אירע אריבער טויזנט בחורים זאלן מאכן קידוש, זיך וואשן, מאכן המוציא און אנהייבן עסן די פיש. דערווייל פארענדיגט דער רבי דעם ערשטן כזית, און מ'ברענגט אריין די פיש,



ווען במשך די גאנצע צייט שטייען נעבן רבי'ן דער מנהל הרה"ג ר' נפתלי, און פון די צווייטע זייט דער משב"ק הרה"ח ר' שמואל, און זענען נושא ונותן בדברי תורה בעניני הפרשה. הערשט ווען רוב פון די בחורים האבן זיך שוין געזעצט אויף די פלעצער און עסן שוין די סעודה, וואונטשן זיי דעם רבי'ן 'א גוט שבת', און פון יעצט ביז סוף סעודה זיצט דער רבי איינער אליינס אויפ'ן גרויסן סטעידזש כמלך בגדוד אינאיינעם מיט זיינע געטרייע תלמידים ווען ער איז מעריך פאר זיי את שלחנו אשר לפני ה'.

דער רבי געבט א ווינק פאר די משוררים און מען הייבט אן זינגען ניגונים לכבוד שב"ק, ווען אינדערצווישן ברענגט מען אריין די מאכלי שבת פאר'ן גאנצן עולם. ווי פארשטענדליך געדויערט א היבשע ווייַלע ביז דאס עסן קומט אן צו אלע ווינקלען פון זאל, און וועכענטליך האבן מיר צוגעזען, דאס ווילאנג יעדער בחור - פון איין עק זאל ביז'ן צווייטן - באקומט נישט זיין פארציע האט דער רבי נישט אנגעהויבן עסן. צומאל ווייזט דער רבי פאר די גבאים וואס פארטיילן דאס עסן, אז דארט איז נאכנישט אנגעקומען קיין זופ, אדער דארט איז נאך דא א טיש אן קיין פלייש.

מיט "כל מקדש" און "מנוחה ושמחה" איז דער רבי ווייטער מכבד די משוררים. נאך "מנוחה ושמחה" הייבט דער רבי אן צו זאגן תורה, וואס דויערט געווענליך ארום צוואנציג מינוט. א גענצליכע שטילקייט הערשט איבערן גאנצן היכל, אבער צוליב איר ריזיגע גרויסקייט און רויע געבוי, איז שווער צו הערן בייביידע עקן, ממילא קומען וועכנטליך אראפ די בחורים וואס זיצן פונדערווייטנס, און זיי שטעלן זיך פון פארנט צו קענען גוט מיטהאלטן די תורה. מה נהדר המראה ווען דער רבי געבט איבער פאר די תלמידים מיט א סבר פנים יפות און א לעכטיגע שמייכל די דברי דרוש ואגדה, ווען פיל מאל ווערט ממש די גאנצע זאל פארכאפט אין אן עקסטאז ביים סוף פון די תורה ווען דער רבי קומט אן צום 'כאפ', און דער גאנצער זאל זאגט ממש מיט אינאיינעם מיט'ן רבי'ן דער אויספיר פון די תורה.

געווענליך לייגט דער רבי אריין אין די דברי תורה, דברי הדרכה פאר די תלמידים משולב בדברי אגדה, אריינטייטשנדיג אין די וואכעדיגע סדרה פארשידענע נושאים וואס זענען נוגע פאר די בחורים וואס זיצן און לערנען אין ישיבה. בשעת'ן שרייבן קומט מיר ארויף אין געדאנק עטליכע ענינים וואס ליגן מיר נאך אין דיביינער פון די פרייטאג צונאכטס תורות, צום ביישפיל ווען דער רבי האט ארויסגעברענגט דעם חילוק צווישן א בחור וואס זיצט און לערנט, און א בחור וואס איז פארנומען מיט שטותים, איך געדענק נאך דאס לשון ווי דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט מיט א שמייכל: "א בחור

וואס לערנט, זיין פנים שיינט"...

איין וואך געדענק איך האט דער רבי מעורר געווען איבער שטערן א צווייטער בחור פון גיין שלאפן, וואס אויסער גזל שינה, איז דאס ביטול תורה פאר זיך און פאר יענעם. און אזוי האט דער רבי יעדע וואך אויסגעברייטערט די דברי תורה אויף ענינים וואס זענען נוגע פאר אונז בחורים.

ביים פארענדיגן די תורה ברענגט מען אריין די לעבער, און דאן הייבט זיך אן די צווייטע חלק פון די סעודה, וואס איז שוין מער ערנסט און דערהויבן. דער רבי ווינקט פאר די משוררים און מ'הייבט אן "קה אכסוף", וואס ווער עס האט אפילו נאר איין מאל דאס מיטגעהאלטן ביים רבי'ן וועט קענען מעיד זיין אז דער רבי ברענט מיט אן אש קודש און א געוואלדיגע דביקות בקדושת השבת, און דער גאנצער עולם פון הונדערטער יונגע בחורים ווערט ווי פארכאפט מיט'ן פייער. דער רבי זיצט מיט פארמאכטע אויגן ווען דער פנים איז אים פייער רויט, ער שאקלט זיך מיט התלהבות און זינגט די הייליגע ווערטער. ווען עס קומט צום פערטן שטיקל - "השבת נועם הנשמות", דערגרייכט די התלהבות צו א קלימאקס, בפרט ביי די באקאנטע צוגעלייגטע תנועה פונעם רבי'ן "שבת 'שבת' קודש נפשי חולת אהבתך". ווייטער זינגט מען "קה רבון עלם" מיט נישט ווייניגער התעוררות, ווען ביי די לעצטע צוויי חרוזים זעט מען ווי עס רינען די טרערן ביים רבי'ן, בפרט ביי די ווערטער "למקדשך תוב ולקודש קודשין"...

נאכן בענטשן ברענגט מען אריין א ריזן טאץ פון פירות און געוואשענע טרויבן, דער רבי מאכט א 'בורא פרי העץ' און עסט א שיעור, דערנאך הייבן די בחורים אן אריבערצוגיין און נעמען שיריים, וואס דער רבי געבט פאר יעדן באזונדער אין די האנט. דאס אדורכגיין דויערט גאר א לאנגע צייט, דערנאך טאנצט מען "אז ביום השביעי נחת" און מ'באגלייט אהיים דעם רבי'ן, ווען ביים ארויסגיין פון בנין שטייען די בחורים אויף ביידע זייטן און וואונטשן דעם רבי'ן 'א גוט שבת'.

אויפ'ן וועג אהיים שמועסט געווענליך דער רבי אינטערעסאנטע ענינים אויף די וואכעדיגע סדרה, אדער איבער צדיקים וואס זייער יארצייט געפאלט קומענדיגע וואך, אדער א שמועס איבער אבותיו הקדושים. אינטערעסאנט אנצומערקן, אז בשנת תשע"ו האבן מיר - עטליכע חברים - אויפגעכאפט, אז במשך דעם גאנצן זומער האט דער רבי זאל זיין געזונט א יעדע וואך נאכ'ן טיש גערעדט פונעם הייליגן ישמח משה זי"ע, אן עובדה אדער א דבר תורה, אבער יעדע וואך אן אויסנאם.

## בצפרא דשבתא

שבת קודש אינדערפרי איז דאס ביהמ"ד פול פון גאר פרי, אפגעזען ווי שפעט מ'האט זיך געלייגט. אין א געווענליכע וואך האט זיך געענדיגט די סעודה ארום האלב צוויי אויפדערנאכט, און דאס האט נאכגעפאלגט מיט באטעס און ריקודים לכבוד שבת וואס פילע בחורים האבן ממשיך געווען ביז די פריע פארטאגס שעות, אבער עס איז כמעט נישט געווען מ'זאל דארפן וועקן די בחורים צו קריאת-שמע, ווען היבש בעפאר סוף זמן קרי"ש איז שוין רוב קעמפ אויף די פיס; מ'לויפט אין מקוה אריין, מ'נעמט א קאווע און מ'זעצט זיך לערנען. ניין אזייגער האט שוין אין ביהמ"ד געהילכט א קול תורה ווי אינמיט'ן א פעסטע פארמיטאג סדר אינמיט'ן די וואך.

ארום צען מינוט צו צען אזייגער קומט דער רבי אריין אין ביהמ"ד און ער זאגט פאר ברכות. דאן גייט צו דער בעל תפילה פון פסוקי דזמרה – געווענליך איינער פון די חשוב'ע געסט, יענער זאגט איבער די ברכות און מ'הייבט אן דאווענען.

דער "פסוקי דזמרה" שבת אינדערפרי אין קעמפ איז פון די שענסטע מאמענטן פונעם שבת. עס איז נישטא קיין שום יאגעניש, און קרוב צו א שעה צייט קאכט און רוישט דאס ביהמ"ד מן הקצה אל הקצה מיט א פלאמעדיגע פסוקי דזמרה. די בחורים זענען אריינגעטון אינעם שבת'דיגן דאווענען און שפירן ניטאמאל ווי די צייט גייט פארביי.

אין א געווענליכע וואך אין קעמפ גייט דער רבי נישט צו צום עמוד צו תפילת שחרית, אנדערש ווי אין שטאט וואס לפי המנהג דאוונט דער רבי שחרית פארן עמוד יעדן שבת. נאר ווען עס געפאלט בעצם יום השבת איינע פון די יארצייטן למשפחת התמרים - דער הייליגער ישמח משה, ייטב לב, רביה"ק זי"ע - אדער די יארצייט פון אמו הרבנית הצדיקת ע"ה, דאן גייט דער רבי יא צו צום עמוד, און דאן האבן די בחורים פון אויסערן שטאט דער זכי' וואס זיי האבן נישט געווענליך, צו הערן 'דעם רבי'נס עד הנה', און דער שבת'דיגער שחרית פונעם רבי'ן מיט'ן נעימות'דיגן נוסח וואס צוגייט אין אלע גלידער.

ביים ליינען ווערן די עליות צעטיילט צווישן די רמ"י הישיבה, זקני אנ"ש און חשוב'ע געסט וואס קומען ווילן ביים רבי'ן אויף שבת, ווי אויך פאר אלע בחורים וואס זענען געווארן חתנים במשך די וואך. דער רבי איז עולה ששי כנהוג.




בית הוראה
דקהל יטב לב סאטמאר, קרית יואל
זמני בית הוראה
לשכת בית הוראה:
6 גארפיעלד רד. #013
משעה 7:00 עד 8:50 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר
משעה 9:00 עד 10:00 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב
משעה 10:00 עד 12:00 לפנצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה
משעה 12:00 עד 12:30 אחצ"ה
הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
משעה 12:30 עד 2:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ טאהש
משעה 2:00 עד 3:30 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב
משעה 3:30 עד 5:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
דומ"ץ בקהלתינו שכונת בלומינגראוו
משעה 5:15 עד 6:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'
משעה 6:15 עד 7:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה
משעה 7:00 עד 8:30 בערב
הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב
משעה 8:30 עד 9:00 בערב
הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
משעה 9:00 עד 10:10 בערב
הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'
משעה 10:10 עד 10:45 בערב
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר
ערב שבת קודש: עד שעה 2:00 הכל כרגיל בכל יום
משעה 3:00 עד שעה 6:00
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב
24 שעה הוראה ליין:
845.783.5688 #3
לכל עניני בית הוראה יכולין לפנות
להרה"ג ר' משה יואל מאשקאוויטש שליט"א
יו"ר הנהלת בית הוראה
845.248.8879

א הערליך בילד צייגט די אמת'ע שיינקייט פון די הייליגע ישיבה, ווען וועכנטליך הערשט א גענצליכע שטילקייט אינעם ריזן היכל בית המדרש במשך די גאנצע צייט פון קריאת התורה, אויך בין גברא לגברא איז דאס ביהמ"ד ממש גענצליך שטיל, מיט א שטארקע זהירות אין קדושת ביהמ"ד.

אין א שבת מברכים בענטשט דער רבי ראש חודש. אן אינטערעסאנטע אנעקדאט שפילט זיך אפ אין קעמפ, ווען סיי מוסף פון שבת און סיי מעריב מוצ"ש, איז דער רבי זאל זיין געזונט יורד לפני התיבה ממש יעדע צווייטע וואך, שטייענדיג פאר די יארצייטן מבית אבותיו וואס געפאלן במשך די זומער וואכן; כ"ג תמוז - דעם רבי'נס מאמע הרבנית הצדיקת ע"ה; כ"ח תמוז – דער הייליגער ישמח משה זי"ע; כ"ו אב – מרן רביה"ק זי"ע; ו' אלול - דער הייליגער ייטב לב זי"ע.

דאס דאווענען ענדיגט מען געוועגליך ארום איינס אזייגער, און דאן שטעלן זיך די בחורים ווידעראמאל אין די רייע צו וואונטשן דעם רבי'ן 'א גוט שבת'. דאס איז ווי א 'בחורים מנהג', ווייל געוועגליך אין שטאט גייט מען אריבער וואונטשן דעם רבי'ן 'גוט שבת' נאר פרייטאג צונאכטס.

דערנאך גייט דער רבי אריין בחדרו הפרטי וואו ער מאכט קידוש מיט די געסט, און אויב איז דא א יארצייט פון איינע פון רבותינו הק' זי"ע רעדט דער רבי ארום סיפורים און ענינים במשנתו פונעם בעל ההילולא.

די שבת בייטאג סעודות זענען מסודר אין א איינגעטיילטע סדר צווישן אלע חלקי הישיבה, ווען במשך דעם זומער האט יעדע וואך איין חלק פון די ישיבה דער זכי' צו עסן אינאיינעם מיט'ן רבי'ן, ווען די איבריגע חלקים פון ישיבה עסן מיט זייערע מגידי שיעור אדער מיט'ן מנהל.

## עתיקא קדישא

די שבת בייטאג סעודה מיט'ן רבי'ן איז א גאר שיינע און בא'טעמ'טע איבערלעבעניש. די סעודה קומט פאר אין היכל ביהמ"ד 'כוונת התפילה' (דאס איז די קלענערע ביהמ"ד, נעבן דעם היכל האוכל, וואס אינדערוואכן קומט דארט פאר די צווייטע מנין שחרית - אביסל שפעטער ווי דער גרויסער מנין, אזוי אויך ווערט דאס באנוצט במשך דעם זומער פאר דרשות און נאך ענינים פאר אלע חלקי הישיבה), אינאיינעם מיט נאר עטליכע הונדערט בחורים, ווען יעדער קען אלעס מיטהאלטן פונדערנאנט.

ארום א דריי-פערטל שעה נאכן דאווענען קומט דער רבי אריין צום טיש, ווען די בחורים האלטן שוין ביי די פיש. די סעודה ווערט געפירט אויף א גאר רואיגע און געשמאקע פארנעם. די משוררים פירן אן די ניגונים, און דער רבי זאגט עטליכע מאל שיינע דברי תורה. דעם זמר חי ה' הייבט דער רבי אן כנהוג, און מיט די איבריגע זמירות איז דער רבי ווייטער מכבד די משוררים. די סעודה ציט זיך ביז ארום פיר אזייגער נאכמיטאג, און נאכן בענטשן שפאצירט דער רבי ווידעראמאל אהיים אינאיינעם מיט די בחורים לביתו נאוה קודש, ווען דער שמועס איז מיט א קלענערע צאל בחורים ווי פרייטאג צונאכטס, און די בחורים פרעגן דעם רבי'ן פארשידענע ענינים, בעיקר פון מנהגים אדער עובדות פון רבותינו הק', און דער רבי ענטפערט יעדעם בסבר פנים יפות.

אין די גאר לאנגע שבת נאכמיטאגס, איז דא א געהעריגע סדר הלימוד אין ישיבה, ווען יעדע חלק שטעלט ארויס געהעריגע סדרי הלימוד פארן שבת נאכמיטאג. פון ארום זעקס אזייגער נאכמיטאג איז ממש נישטא קיין פלאץ אין ביהמ"ד און דאס ביהמ"ד קאכט ווי א קעסל מיט אן אומגעהויערע התמדת התורה עטליכע שעה אנע הפסק, ווען עס קען זיך דוכטן אז מ'שטייט יעצט מאנטאג פארמיטאג. דער מחזה הוד שפילט זיך אפ יעדע וואך באזונדער און איז פון די שענסטע סדרים אין ישיבה במשך דעם יאר.

## רעוא דרעוין

פון ארום א האלבע שעה נאך זמן הדלקה"נ הייבן שוין די בחורים אן צו כאפן פלעצער אין ביהמ"ד פאר של"ס, יעדער זיצט אין די חלק ביהמ"ד וואס איז מיוחד פאר זיין יארגאנג, אבער דארט אליינס איז דא נענטערע און ווייטערע פלעצער, און די זריזין מקדימין כאפן שוין א פלאץ אין די מינוט וואס די חברותא וואס זיצט דארט שטעלט זיך אויף.

דער גרויסער לאבי אויף מערב זייט ווערט דאן פארוואנדלט אין א ריזיגע כמו-קאך, מיט בילקעלעך, מצות, פיש, גרעיפ דזשוס א.ד.ג. דער עולם וואשט זיך אין גרויסן פאר מנחה, וויבאלד נאך מנחה איז שוין גאר שפעט און עס הערשט דאן א געוואלדיגע געדרענג.

אין א געוועגליכע וואך קומט דער רבי אריין גאר שפעט צו מנחה, אריבער א דריי-פערטל שעה נאך זמן הדלקה"נ. דער רבי מאכט דעם וועג צום ביהמ"ד מיט שנעלע טריט ווען ער רעדט נישט קיין ווארט, די ערנסטקייט פון דער גרויסער זמן פון רעוא דרעוין שפירט זיך אין די לופט. איינער פון די רמ"י הישיבה האט די וועכנטליכע חזקה און גייט צו צו מנחה, אין מיינע צייטן איז דאס געווען הרה"ח ר' אברהם וואלף שטויבער שליט"א ר"מ בישיבה רבות בשנים. עס געדויערט נישט לאנג, מען יאגט זיך אביסל אונטער, כי עוד מעט ופנה יום. תיכף נאך מנחה קומט דער רבי ארויף אויפ'ן סטעידזש פארנט פון ארון הקודש, וואשט זיך און שניידט אויף די חלה.

אויףביידע זייטן פון רבי'ן לענגאויס די גאנצע מזרח וואנט זיצן אלע רמ"י הישיבה, סיי פון דא און סיי די וואס האלטן זיך אויף אין די דערנעבנדע 'נחלת יעקב' קאלאני. די מיטלסטע טיש איז באזעצט מיט זקני אנ"ש און חשוב'ע בעלי בתים פון די דערנעבנדיגע קאנטריס, און געסט וואס זענען דא אויף שבת. איבערן גאנצן היכל הביהמ"ד זענען אויסגעזעצט אלע תלמידי הישיבה וועלכע נעמען נישט אראפ קיין אויג פון רבי'ן. א שטילע ערנסטקייט הענגט אין די לופט ווען מ'שיקט ארום די שיריים פון די חלה און פיש. דער רבי מאכט א 'בורא פרי הגפן' און וואונטשט 'לחיים' פונדערווייטנס פאר יעדן איינעם.

דער רבי פארמאכט זיך די אויגן און הייבט אן מיט התעוררות "אתקינו סעודתא" און דער גאנצער ציבור ווערט איינגעשלעפט מיט א התעוררות. דאן הייבט דער רבי אן "בני היכלא". איה שוקל ואיה סופר צו באשרייבן דער התעוררות וואס מ'קען טאפן אין די לופט אין אט דעם גרויסן זמן פון רעוא דרעוין ווען די טויערן זענען אפן; נישטא קיין שמועסרייען, קיינע ווערטלעך, אלעס איז איינגעטון אין די הייליגע זמירות, און אלע שאקלען זיך מיט התלהבות און פארמאכטע אויגן.

טייל וואכן האלט מען שוין ביים זמן ר"ת באלד ביים אנהייבן




די זמירות, און מ'פארלעשט שוין דאן די לעקטערס, אבער ביים ערשטן "מזמור לדוד" איז שוין שטענדיג פארלאשן די לעקטער, און דאן שטייגט דאס התעוררות פי כמה. דער קול פון די זמירות איז בוקע רקיעים מיט א געוואלדיגע התעוררות, בפרט ווען דער רבי זאגט פאר די פסוקי יחוד פון "ה' מלך" און "שמע ישראל". נישט אומזיסט זאגן די וואס האלטן מיט דעם רבי'נס שלש סעודות אלע וואכן פון יאר, אז די שענסטע של"ס ביים רבי'ן איז צווישן די בחורים אין מחנה דברי יואל.

מיט "אודה" און "שיר המעלות" איז דער רבי מכבד יעדע וואך באשטימטע אנשים חשובים. אין מיינע צייטן האט געזינגען "אודה" הרה"ח ר' הערש אלימלך כהנא ז"ל, וועלכער פלעגט זיין אין א דערנעבנדיגע קאנטרי און האט זיך געשלעפט צופיס יעדע וואך אן אויסנאם מיט מסירת נפש צום רבי'נס של"ס, שוין זייענדיג א זקן מופלג. "שיר המעלות" פלעגט זינגען הרה"ח ר' וואלף לעפקאוויטש היו פון קרית יואל, וועלכער געפינט זיך אויפן זומער אין די דערבייאיגע 'מעיוואוד' קאנטרי.

דאן האט דער רבי אנגעהויבן זאגן דברי תורה, זיך שטעלנדיג אויף די פרשת השבוע, און ווי געוועגליך בויענדיג אויף ספרי רבותינו הק' פארשידענע בחינות און ענינים. אנדערש ווי געוועגליך ווען נאר ביים סוף פונעם דרוש פירט דער רבי אויס מיט א קורצע חלק פון ענינים אויף למעשה, האט דא אין קעמפ דער רבי איינגעפירט ספעציעל צו רעדן צו די בחורים יעדע וואך דברי מוסר והתעוררות איבער אן אנדערע ענין הצריך חיזוק, ווי תורה, תפילה, מידות, עניני אמונה ודיעות, וכדו'.

אין די יארן וואס איך האב געלערנט אין ישיבה, האב איך כמעט יעדע וואך אפגעשריבן נאך שבת די תוכן הדברות קודש פון של"ס, און ממש יעדע וואך האט דער רבי שטארק מעורר געווען אויף פארשידענע ענינים וואס זענען אונז נוגע.

לדוגמא, שבת פ' פנחס תשע"ו האט דער רבי שטארק מעורר געווען איבער די ביטערע גזירה פון גיוס - ווען די ציונים האבן זיך גאר שטארק אנגעהויבן פארלייגן אין יענע תקופה אויף בחורי ישראל, דער רבי האט מעורר געווען צו זאגן קאפיטלעך תהילים לביטול הגזירה. שבת פ' פנחס תשע"ז האט דער רבי שטארק מעורר געווען איבער נזהר זיין צו ליינען קרי"ש בזמנו. שבת נחמו תשע"ז האט דער רבי אויסגעברייטערט א לענגערע שמועס איבער דער קליפה פון ציונות וואס זייער גאנצע ציל איז צו מאכן ככל הגוים בית ישראל ח"ו. שבת פ' עקב תשע"ז האט דער רבי שטארק ארומגערעדט איבער די 'מאה ברכות' און איבער עבודת התפילה.

שבת פ' שופטים תשע"ז - שטייענדיג פאר'ן צוריקפארן אין שטאט – האט דער רבי שטארק מעורר געווען איבער שמירת עינים, און איבער צוזאמנעמען די לימודים סוף יאר און דאס קונה זיין מיט א שלימות.

מיט "ידיד נפש" איז דער רבי געווענליך מכבד הרה"ג רבי יעקב נחמן שטויבער שליט"א מנהל אין דער ישיבה, און דער רבי בענטשט על הכוס.

ווי געשריבן קומט אויס עטליכע מאל במשך דעם זומער אז דער רבי דאוונט אליינס פארן עמוד מעריב מוצאי שבת, איידער א יארצייט פון רבותינו הקדושים זי"ע. די אנדערע וואכן דאווענט פארן עמוד איינער פון די מגי"ש.

## המבדיל בין קודש לחול

נאך מעריב קומט דער רבי ווידעראמאל ארויף אויפ'ן סטעידזש, און דער רבי מאכט הבדלה ווען אלע בחורים זענען יוצא פונעם רבי'ן. עס ווערן אויסגעטיילט פילע הבדלות און בשמים פלעשלעך איבערן גאנצן ביהמ"ד, און אלע בחורים שטייען און הערן הבדלה פונעם רבי'ן. בעפאר ברכת המבדיל בין קודש לחול שטייט דער רבי שטיל עטליכע מינוט און קוקט זיך ארום איבערן גאנצן היכל הביהמ"ד זיכער צו מאכן אז יעדער בחור האט שוין געשמעקט בשמים און געמאכט 'בורא מאורי האש', דאן פילט דער רבי ווידעראמאל אן דעם כוס על כל גדותיו - נאכדעם וואס צוליב די שטופעניש גיסט זיך אביסל אויס דערפון במשך הבדלה, און דער רבי פארענדיגט מיט ברכת המבדיל.

רעדנדיג פון הבדלה, דערמאן איך זיך א זיסע עפיזאד וואס האט זיך אפגעשפילט זונטאג נאכט - מוצאי תשעה באב נדחה תשע"ו. רוב פון די בחורים האבן געדאוונט מעריב זעכציג מינוט נאך דער שקיעה צוליב די חולשת התענית, און תיכף דערנאך, ביים זמן ר"ת שטעלט זיך דער רבי דאווענען מעריב. איז אויסגעקומען אז ווען די בחורים פונעם ערשטן מנין האבן געענדיגט מעריב און מ'האט אנגעגאסן א כוס צו מאכן הבדלה, איז פונקט דער רבי אריינגעקומען אין ביהמ"ד צו דאווענען מעריב. די בחורים זענען געווען פארזאמלט אינמיט'ן ביהמ"ד גרייט צו הערן הבדלה, אבער זעענדיג דעם רבי'ן אריינקומען איז ענטשטאנען א פארלעגנהייט, עס פאסט דאך נישט אנצוהייבן הבדלה ווען דער רבי איז גרייט צו דאווענען מעריב. יעדער איז געשטאנען אויסגעדרייט צום רבי'ן מיט פרעגנדיגע בליקן, ווארטנדיג צו הערן וואס צו טון. דער רבי האט זאפארט געכאפט וואס דא גייט פאר, און תיכף געבט דער רבי א שמייכל און ווייזט מיט די האנט פאר די בחורים 'מאכטס הבדלה'... דער רבי איז געבליבן אויסגעדרייט צו די בחורים מיט א רואיגע שמייכל ביז מ'האט פארענדיגט הבדלה, און ערשט דאן האט ער זיך געשטעלט דאווענען מעריב.




צוריק צו מוצ"ש. תיכף נאך הבדלה טוט זיך אן אומגעהויערע שטופעניש צו כאפן פון די ווין זיך צו שמירן די אויגן און די טאשן. במשך די יארן זענען די בחורים שוין אויפגעקומען מיט געניאלע בייפעלער צו פארגרינגערן דאס געדרענג, א שטייגער ווי אריינגיסן פון די ווין פון רבי'נס טיש אין עטליכע גרעיפ דזשוס באטלעך און דאס אויסגיסן אויף עטליכע טעצער וואס מען שיקט ארום.

דער רבי הייבט אן זאגן "ויתן לך", און די בחורים הייבן אן זינגען א מארש, דערנאך די הקפה ניגון, ווען ביני לביני כאפן פילע בחורים אריין אליינס צו זאגן "ויתן לך". דאן שטעלט זיך דער רבי אויף פון פלאץ, און די בחורים שטעלן זיך ארום דעם רבי'ן פון ביידע זייטן און וואונטשן 'א גוטע וואך, דאן באגלייט מען דעם רבי'ן דעם קורצן וועג ביז ביתו נאוה קודש.

אין קעמפ וואשט זיך נישט דער רבי צו מלוה מלכה ברבים, נאר פריוואט בביתו נאוה קודש, אויסער מוצ"ש פאר'ן יומא דהילולא פון רבי'ן זי"ע, ווען דער רבי קומט אריין אין היכל האוכל הגדול וואו עס ווערט געפראוועט א מלוה מלכה פאר אלע תלמידים אינאיינעם לקראת די הילולא קדישא. דער רבי איז טועם, טרינקט לחיים און וואונטשט אן ברכת הקודש.

אלע אנדערע וואכן ווערט סעודת מלוה מלכה צוטיילט צווישן אלע חלקי הישיבה - א שטייגער ווי די שבת בייטאג סעודה - אינאיינעם מיט די רמ"י הישיבה שליט"א, וואו מ'פארברענגט אינאיינעם ביז שפעט אויפדערנאכט בשבת אחים גם יחד, מיט זמירות און סיפורי צדיקים.

ב"ה




## 9 Koshnitz

This spacious and well-maintained apartment is perfect for you. This is a top floor of a two-story building. The apartment is in excellent condition. The backyard is a vast and spacious space.




## 6 Lemberg

Nice six-room apartment on the first floor! With a small shared entrance, this apartment is ready to move in and comes complete with all the amenities you need to feel at home.




## 2 Oxford Depot

Looking for an investment opportunity? Look no further! This private house with a big barn is occupied by a tenant, making it a great investment opportunity. **Asking 289k only!!**

# For Sale:

- upgraded **7** room top floor apartment in the Meron area
- **8** room apt top floor on Lemberg
- **8** room apartment top floor on Rovna
- **6** room apt on Lemberg first floor
- **5** room apt first floor on Prag
- **10** room apt on Isreal Zupnick newly renovated with built-in sukkah and many upgrades
- **7** room apartment plus **4** room rental income on Satmar




## 22 Pheasant Run

Beautiful private colonial style home in the country Hollow area. Great condition! over an acre property! comer lot for total privacy! very close to shul.

# For Rent:

- **private house** right next to woodbury Junction with fixed up basement inground pool private
- Brand new **private house** in woodbury junction
- **Private house** in Blooming Grove newly renovated
- **3 room** apt on Filmore
- **6 room** furnished apt sec 1 few months only
- **5** room apt on lemberg
- **6 room** apt schinus veyoel moshe sec 8 only one year lease
- **4 ,5,6 room** apt in schinus Veyoel Moshe
- **4 room** apt on Getzel Berger
- **3 room** on Getzel Berger
- **3 room** apt meron area
- Small office Garfield area

HFA Realty is charging a flat Fee from Tennant, it's not based on price of rental.

# HFA REALTY GROUP

The most trusted realty in קרית יואל והגלילות

**845.781.2410**

Sales@HFArealty.com

ext. 3 **משה יוסף פריעדמאן**
Moshe@hfarealty.com

ext. 4 **מרדכי יואל אונגאר**
Cell 845-238-0039
Mordechai@hfarealty.com

בס"ד

# המוסדות

נייעס · באריכטן · אנטוויקלונגען
נאטיצן · קרישקעלעך



· אינערהאלב די ממלכת התורה והיראה די הייליגע מוסדות אין שטאט קרית יואל ·

# אומפאַרגעסליכע מחזה הוד ווען 200 תלמידי כתה ט' שטעלן זיך צום פאַרהער אויף לומד'ישער פרק "השואל" ביי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**רבינו שליט"א דרוקט אויס זעלטענע קורת רוח און התפעלות פון אויסטערלישע יגיעה און התמדת התורה דורך די טייערע תלמידים, מיט אַזעלכע ברייטע און טיפע קענטעניסן אין די טיפע סוגיות הש"ס גמרא תוספות, באַגלייט מיט אַן אויסנאַמליכע דרך ארץ, איידלקייט און ערנסטקייט, כָּל רֹאֵיהֶם יַכִּירוּם כִּי הֵם זֶרַע בֵּרַךְ ה'!**

ווערטער זענען צו שילדערן דאָס התרגשות דקדושה וואָס שפּירט זיך נאָך גוט אין דער לופטן, צווישן די נאָנט צו 200 בחורי חמד, תלמידי כתה ט' פון די הייליגע סאַטמאַרער מוסדות אין קרית יואל, נאָכדעם וואָס זיי האָבן געהאַט די דערהויבענע זכי' נשגבה, לעמוד על כור המבחן, זיך צו שטעלן צום פאַרהער הדק היטב, אויפ'ן גאַנצן לומד'ישן און עמקות'דיגן פרק "השואל" אין מסכת בבא מציעא, גמרא רש"י תוספות, ישר והפך, בקודש פנימה, לפני רבם ומאורם, כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א.

## והכינו את אשר יביאו; אַ פלאַקער פון חזרה!

שוין מיט לאַנגע וואָכן צוריק, אינמיטן דעם זומער זמן, ווען דער מנהל, הרה"ג רבי שמעון שמואל שוואַרץ שליט"א, האָט געמאָלדן פאר די תלמידים אַז ס'איז פאַרהאַן אַ רעדע אַז די גרויסע בחינה די ענדע יאָר אויפ'ן גאַנצן פרק השואל גמרא תוס', וועט פאָרקומען ביי כ"ק מרן רבינו שליט"א, האָט אַ סקרוך ארומגענומען די ביינער פאר אלע תלמידים, וועלכע האָבן געוואוסט אַז אַצינד איז פאַרהאַן אויף וואָס זיך צו גרייטן.

דאָס איז געקומען נאָכדעם וואָס די תלמידים האָבן זיך נאָך געפינען אונטער דעם רושם פון דעם צענטראַלן פאַרהער, ענדע פון דעם פאַרלאָפענעם ווינטער זמן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דורך כבוד הגה"צ מורינו שליט"א אויף דעם גאַנצן פרק "המפקיד" גמרא תוס', וואָס דער גוטער טעם נאָכ'ן שניידן די פרות פון אַזאַ געוואַלדיגע האָרעוואַניע און יגיעת התורה האָט זיך אויסגעצאָלט, איז נאָך ביי אַלעמען געליגן איינגעקריצט אין די ביינער, אַזוי אַז אַצינד האָט מען זיך נאָכאַמאָל אָנגעהויבן גרייטן מיט אַ געוואַלדיגע פלייס און ברען, צום גרויסן פאַרהער, דורך חזר'ן די אַלטע בלעטער, וואָס מען האָט דורכגעלערנט במשך די זומער חדשים, מיט אַ שטאַרקן סדר, אז ווען עס קומט ביי די חזרות סוף יאר זאל עס גיין געשמירט.

אין לויף פון די זומער וואָכן האָבן די תלמידים זיך געגרייט מיט אַ הכנה דרבה, ווען גלייכצייטיג האָט מען אַגאַנצע צייט געהאָפט אַז מען וועט טאַקע זוכה זיין צו דעם "עלי יניח צדיק את ראשו", און זיך קענען פאַרהערן ביי כ"ק מרן רבינו שליט"א.

דער מנהל שליט"א האָט בשעתו שוין ערוועגט פאר די תלמידים, אז הגם יאר יערליך קוקט מען זייער אַרויס אַז רבינו שליט"א זאל פארהערן די בלעטער פון פרק השואל, אבער צוליב דעם וואָס דער פארהער קומט דאך אויס סוף יאר, ווען דער רבי איז גאָר שטאַרק פארנומען מיט דער עבודת הקודש לקראת די ימי הרחמים והרצון הממשמשים ובאים, סיי מיט'ן געזעגענען אלפי אנ"ש לברך ולהתברך לקראת די הייליגע טעג, און סיי מיט די שטענדיגע עניני הכלל להרחיב גבולי הקדושה אין די קהילות ומוסדות בכל קצוי תבל, צדקות און חלוקות, וואס גרייכן צו א קלימאקס אין די ימים טובים טעג, דעריבער איז שוין מערערע מאָל אויסגעקומען אַז דער רבי האָט אַנשטאָט ממנה געווען במקומו, איינער פון בניו הרה"ג שליט"א, צו פאַרהערן בשליחות קדשו, און מען האָט טאַקע ערהאַלטן דעם כתב תעודה בחתימת יד קדשו פון רבינו שליט"א, צוליב וואס דער רבי האט דאס באגלייט און נאכגעגאנגען מרישא ועד גמירא.

אָבער דאָס יאָר האָט רבינו שליט"א עטליכע מאָל אויסגעדרוקט רצון קדשו אַז ער וויל יאָ פערזענליך פאַרהערן די תלמידים ולתהות על קנקנם, צו מיטהאַלטן פערזענליך די שטארקע התעלות בתורה ויראת שמים פון תלמידיו הקרואים בנים.

ווי פאַרשטענדליך איז דאך ממש אוממעגליך צו פארהערן יעדן תלמיד באזונדער אין אַזאַ אָנגעשטרענגטע תקופה מיט אַזאַ ריבוי עם און גרויסער מספר תלמידים בליעה"ר, דעריבער איז דער רבי איבערגעגאַנגען מיט'ן מנהל אַ געניטן סדר און מהלך וויאזוי דער פארהער זאל צוגיין, אויף א וועג אז קיין שום תלמיד זאל נישט ארויספאלן, און דער רבי זאל גוט קענען פארהערן די באשטימטע מספר פון תלמידים פערזענליך ישר והפוך, און די איבריגע חלק זאל אויך ווערן אריינגענומען אינעם פארהער וואס דער רבי זאל אליינס פערזענליך מיטהאלטן און איבערקוקן.

## מען גרייט זיך צום גרויסן פאַרהער מיט התמדת התורה!

ווירקליך, זינט דער מנהל האט איבערגעגעבן די בשורה מרנינה פאַר די תלמידים, אַז מען גרייט זיך בעז"ה צו ווערן פאַרהערט דורך רבינו שליט"א, האָט אַ שטורמישער פייער פון התמדת התורה אַרומגעכאַפּט די ווענט פון כתה ט', ווען די תלמידים האבן אומצאליגע מאל יומם ולילה בלי הרף געלערנט, געחזר'ט און איבערגעגאנגען די פילע צענדליגע בלעטער גמרא תוס', מיט א געוואלדיגע יגיעה און התמדה זיך צו קענען שטעלן צום פארהער בקודש פנימה.

דאָס איז נאָכמער פאַרשטאַרקערט געוואָרן אין די לעצטע וואכן פונעם סוף זמן, ווען עס האָט געהערשט אַ סיטואַציע פון "לא פסיק גירסא מפומייהו" ביי אַלעמען. טאג און נאכט, ערב שבת, שבת, און מוצאי שבת, זענען די הונדערטער תלמידים בליעה"ר געזעצן און געחזר'ט איינמאל און נאָכאַמאָל. פילע בחורים האָבן פּשוט איבערגעלערנט צענדליגער מאל יעדע בלאט, קענענדיג ישר והפך יעדע שטיקל גמרא, און יעדן תוס'.

די בתי מדרשים אין קרית יואל זענען דורכאויס די אָוונט שטונדן און דורכאויס די שבתים און ערבי שבתים געווען פול מיט די סאַטמאַרער כתה ט' תלמידים, וואו מען האָט צוריקגעהערט פון פילע תושבים וועלכע האָבן אויסגעדרוקט זייער באַגייסטערונג פון די שעות אויף שעות וואָס די בחורים גרייטן זיך צום פאַרהער מיט אַזאַ התמדת התורה.

אין צוגאָב איז אויסגעקומען עטליכע מאָל ווען די תלמידים, אינאיינעם מיט'ן מנהל, האָבן מדעת עצמם באַשטימט קביעות'דיגע סדרים פון לענערע שעות רצופות איבערצו'חזר'ן די בלעטער


כמר יואל טייטלבוים נ"י

גמרא תוספות. דאָס האָט מען מיטגעהאַלטן דעם פאַרלאָפענעם עש"ק עקב אין בנין בית כהנא, וואו מען האָט עוסק געווען בתורה באשמורת הבוקר במשך קרוב צו 4 שעה רצופות! ווי אויספירליך געשילדערט בשעתו צווישן די שפאלטענעס פון דעם וואָכנשריפט.

ענליכע סצענעס האָט זיך איבערגעשפילט דורכאויס די גאַנצע פאַרלאָפענע וואָך, ווען שוין אַזוי פרי ווי 3 אַזייגער פאַרטאָגס זענען די בתי מדרשים געווען באַזעצט מיט די תלמידים היקרים וועלכע האָבן זיך געגרייט צום גרויסן פאַרהער מיט אַ חדוותא דשמעתתא.

## אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו! דער גרויסער טאָג פון דעם פאַרהער

און ווירקליך "הזורעים בדמעה ברנה יקצורו", דעם פארגאנגענעם מאנטאג פרשת כי תצא ווען ס'איז אָנגעקומען דער יום הגדול, אויף וואָס מען האָט זיך אַזויפיל געגרייט!

באשמורת הבוקר, נאָך אין די טונקעלע נאַכט שטונדן, ווען די גאַסן זענען נאָך ליידיג, זענען שוין די איידעלע בחורים, תלמידי כתה ט', געזיצן אין די בתי מדרשים, מאַכנדיג די לעצטע הכנות צו איבע'חזר'ן צענדליגער בלעטער גמרא תוספות אַז ס'זאָל טאַקע זיין משנתם סדורה בפיהם.

ווען די באַשטימטע צייט איז געקומען האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג, קיין "קרית יטב לב", וואו דער רבי שליט"א האָט געוויילט דעם מאָנטאָג צו פראַוועןן אנ"ש תושבי העיר לברך ולהתברך לקראת הימים נוראים, און זיך משתתף זיין ביי דעם אָרטיגן דינער לטובת כולל שומרי החומות לצדקת רבי מאיר בעל הנס.

ס'איז אויסגעשטעלט געוואָרן אַ געניטער סדר, אַז די תלמידים זאָלן זיך פאַרהערן אין דריי באַזונדערע טיילן, יעדעס מאָל עטליכע כתות אויפאַמאָל.

ארום 2:00 זענען די ערשטע קבוצה תלמידים אנגעקומען אין דעם 'שכונת וואלנאט רידזש' צו דעם בית האכסני' אין שטוב פון הרבני הנגיד מו"ה סענדר קאהן הי"ו. צוערשט האָט מען זיך אָפגעשטעלט אין בית המדרש וואו מען האָט זיך ווידער געזעצט צו די גמרות און אויסגענוצט די געציילטע פאַרבליבענע מינוטן ביז דעם פאַרהער.

ארום 2:30 זענען די בחורים אַריבער אין דעם בית האכסני', אין דעם ספרים צימער וואו מען האָט זיך אויסגעשטעלט ביי ביידע זייטן בקודש פנימה, ווען דער רבי שליט"א נעמט זיי אויף בסבר פנים יפות.

דער מנהל שליט"א האט בפניו פון די בחורים אויסגעשמועסט פארן רבי'ן די געוואלדיגע הכנה דרבה וואס די בחורים האבן געמאכט אין די לעצטערע וואכן צום גרויסן פארהער, ווען פון די פריע פארטאגס שעה'ן האט מען שוין אין אלע בתי מדרשים געזען אונזערע בחורים הארעווען מיט התמדה. און ווי פילע אנ"ש האבן איבערגעגעבן גריסן פארן מנהל און פאר די מרביצי תורה איבער זייער געוואלדיגע התפעלות פון די התמדה פון די בחורים, און דאס איז אויסער זייער שטארקע התמדה איבערן גאנצן יאר, און זייער שטארקע התעלות בעבודת התפילה, וביראת שמים. פון וואס דער רבי האט ארויסגעוויזן א געוואלדיגע קורת רוח, און הנאה דקדושה.

דאן האט דער רבי אנגעהויבן פארהערן די בחורים וואס ע"פ גורל זענען ארויסגעקומען צווישן די אלע וואס האבן זיך געגרייט צו שטעלן צום רבי'ן צום פארהער, 12 בחורים פון א גרופע, דער רבי האט גאר שטארק און גרינטליך פארהערט די בחורים, ווען פון יעדן בחור באזונדער שטעלט דער רבי פאר א לענגערע צייט פילע פעסטע און שווערע שאלות אין די גמרא און תוס'. עס האט זיך דערקענט אויפן רבי'ן דער אויסטערלשער התפעלות פון די טיפע און ברייטע קענטעניסן מיט וואס יעדער פון די תלמידים האבן זיך ארויסגעשטעלט.

די חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א האָבן בשעת מעשה איבערגעגעבן פאַר'ן רבי'ן די אלע 'בחינות בכתב', וואס די תלמידים האבן אין דעם זעלבן מאָנטאָג צופרי געשריבן אויף יעדן בלאַט באַזונדער. דער רבי איז איינציגווייז אדורך די בחינות, באַטראַכט די תשובות און געוויזן זיין שטארקע הנאה רוחניות פון די אויסנאַמליכע תשובות פון די טייערע תלמידים.

אלע תלמידים זענען איינציגווייז אריבער אפנעמען זייער כתב מיטן רבינ'ס חתימה מידי קדשו פון רבינו שליט"א, ווען דער רבי גיט דאָס איבער פאר יעדן באַזונדער במאור פניו און איז דערביי מאציל מברכות קדשו פאר די תלמידים.

די זעלבע הערליכע סצענעס האָבן זיך איבערגעשפילט ביי די צווייטע און דריטע קבוצה, וכמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני' ובשלישית, ווען עטליכע מאל אינדערצווישן האט דער רבי נישט געקענט באהאלטן זיין התפעלות, און אנגעצייגט פאר די מרביצי תורה שליט"א און פארן מנהל שליט"א איבער די אויסטערלישע הבנה און ידיעות אין די שווערע סוגיות הש"ס אין וואס די תלמידים האבן זיך אויסגעצייכנט אַלע באַזונדער, סיי די וואס האבן זיך פערזענליך פארהערט, און סיי אין די בחינות בכתב.

ביי די פאַרהערן פון יעדע קבוצה האָט דער רבי שליט"א באזונדער אנגעוואונטשען פאר די חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א מיט ברכת קדשו, הצלחה אין דער עבודת הקודש און נחת ביי די אייגענע קינדער און אייניקלעך. איבערהויפט האָט דער רבי מאציל געווען מברכתו הטהורה פארן מנהל שליט"א און ארויסגעברענגט לשבח די שווערע כוחות און הארעוואניע וואס מ'זעהט די פירות אויף די תלמידים מיט אַזאַ דרך ארץ און איידעלקייט, וואס שיינט אראפ פון זייערע פנימ'ער וואָס איז ב"ה א שטאלץ פאר די מוסדות פון רבינו הקדוש זי"ע.

ויום טוב היו עושין בצאתם בשלום מן הקודש, נוצר תאנה יאכל פריה, אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו!

# צווייטע סעריע פון אינהאַלטסרייכע 'מעשה חושב' מייסטערווערק האַלט געשפאַנט תלמידי כתה ט' מיט באַלערנדע ל"ט מלאכת שבת פרעזענטאַציע

ווי שוין באַריכטעט דא אין "קרית יואל וואכנשריפט" איז דעם זומער דורכגעפירט געוואָרן אַ הערליכע פרעזענטאַציע בין כותלי הת"ת, ווען דער מנהל שליט"א האט אראפגערופן דעם באַרימטן מייסטער אין פראָדוצירן און ממחיש זיין בפועל די ל"ט מלאכות, הרב חיים ישעי' לייטנער הי"ו, וועלכער האָט דאָס פרעזענטירט אויף אַ גאָר רייכע און אינהאַלטספולע אופן, וואו די תלמידים האָבן טאַקע קונה געווען צאָללאָזע ידיעות, קנינים, וואָס זענען נוגע הלכה למעשה אויף מידי שבת בשבתו.

דורכאויס די פאַרלאָפענע וואָכן איז שוין איינמאָל אָפגעהאַלטן געוואָרן אַ וואונדערליכער שיעור פאר די תלמידים פון כתות ז' און ח', וואו ס'איז פאָרגעשטעלט געוואָרן די מלאכות פון 'מלבן', 'מנפץ', און 'צובע', און באַזונדער איז פאָרגעקומען אַ שיעור פאר די תלמידים פון כתה ט', אין די מלאכות פון 'האורג', 'המיסך', און 'העושה שתי בתי נירין'.

פאַרלאָפענע וואָך האט דער מנהל ווידעראמאל אראפגערופן הר"ר חיים ישעי', פאר אַ גאָר תוכנ'דיגע פרעזענטאַציע געווידמעט ספעציעל פאר צו די בחורי חמד, די תלמידי כתה ט', צו איבערגיין און אויסארבעטן די גאנצע פארצווייגטע און ברייטע ענינים אין די מלאכות פון 'מלבן', 'מנפץ', און 'צובע', וואס דער שיעור איז נאכנישט פארגעקומען פאר די תלמידים פון כתה ט'.

פארגאנגענעם מיטוואך פרשת שופטים ארום 3:30 נאכמיטאג האָבן די הונדערטער בחורי כתה ט' זיך צאַמגענומען אין היכל ביהמ"ד ברך משה, וואו יעדער האט זיך אויסגעזעצט אויף די פלעצער לויט דעם באַשטימטן סדר. דער מנהל שליט"א האט איינגעלייטעט דער שיעור אויסשמועסענדיג די פילע הלכות וידיעות נחוצות וואס מ'וועט קונה זיין משך דעם אויסטערליש אינטערעסאנטן שיעור.

דאן האָט ער איבערגעגעבן דאָס וואָרט פאר הר"ר חיים ישעי' הי"ו, וועלכער האָט געהאַלטן געשפאַנט די תלמידים במשך אריבער צוויי שעה! ער האָט פרעזענטירט לעבעדיג די מלאכות פון מלבן און מנפץ וואס די תלמידים האבן געהאט די געלעגנהייט אליינס דאס צו פראַקטיצירן! יעדער האט פאר זיך געהאַט א שיסל וואסער, און געקענט וואַשן און קעמען אַ שטיק וואל וואס איז רוי אראפגעקומען פון די שעפעלע, ווען ביי יעדע פונקט איז ר' חיים ישעי' מסביר די תלמידים די פונקטליכע מהלך און צוגאנג פון יעדע עבודה, אין פראקטיק, און הלכה.

דערנאך זענען די תלמידים ארויס אין הויף פון בנין הת"ת ווי זיי האבן ממשיך געווען מיט זייער אייגענע אויסגעארבעטע וואל צו גיין צו די קומענדיגע מלאכה פון 'צובע', וואו יעדער האט געפארבט זיין וואל, מיט ספעציעלע וואסער און פארב און אהערגעשטעלט א דבר השלם, מיט די אלע אינטערעסאנטע און טיפע ידיעות וואס זיי האבן קונה געווען.

די בחורי חמד זענען אַרויס פון דעם שיעור פאַרגאַפט און אָנגעלאָדנט מיט טיפע און ברייטע קענטעניסן אין אזויפיל הלכות נחוצות, סיי בהלכות שבת והמסתעף, און בכלל אין פילע יסודות אין סוגיות הש"ס ומקצעות שו"ע, וואס וועט זיי בלי ספק באגלייטן אויפן גאנצן לעבן, מיט אַ קנין נצחי ללמוד וללמד לשמור ולעשות!





וואכנשריפט




# התרגשות'דיגע מאָמענטן פון שמחה וחדות התורה ביי פּראכטפולער סיום רבתי דורך תלמידי כתות ז' ח'

א גאר דערהויבענער איבערלעבעניש איז אריבער אויף די הונדערטער תלמידים פון כתות ז' ח', פארגאנגענעם דינסטאג פרשת שופטים, ווען עס איז געפּראַוועט געוואָרן מיט אַ שמחת התורה, דער הערליכער מעמד הסיום אויף די לימודי השנה, וואָס מען האָט ב"ה דורכגעלערנט מיט אַזויפיל עמל ויגיעה, דורכאויס דאָס גאַנצע יאָר.

די תלמידים פון כתה ז' האָבן זוכה געווען צו מסיים זיין דעם ערשטן פּרק "סוכה" פון מסכת סוכה, און די עלטערע תלמידים פון כתה ח' האָבן דורכגעלערנט און זיך פאַרהערט דעם פּרק "האיש מקדש" אין מסכת קידושין. עבידנא יומא טבא לרבנן!

שוין דינסטאג אינדערפרי, ביים אנקומען אין בנין הת"ת, האָט זיך געשפּירט באַשיינפּערליך די יו"ט'דיגע לופט צווישן די תלמידים, ווען יעדער איז געקומען מלובש בבגדי שבת - מיט די ווייסע העמדער, לכבוד דעם גרויסאַרטיגן אייגענעם שמחת התורה.

ווי דער שטייגער יעדן טאָג איז מען צוערשט אַריין אין די כתות וואו מען האָט געלערנט דעם געווענליכן סדר הלימוד, אלס פאסיגע הכנה צום גרויסן מעמד. דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען אין היכל ביהמ"ד ווי יעדן טאג, אבער מיט א גרויס דערהויבענקייט און התרגשות של שמחה.

תיכף נאכן דאווענען, איז מען צוריק אריין אין די חדרים, און אלס לייכטע איבערבייס האט מען אויסגעטיילט ספעציעלע מזונות, מיטן סימבאל פון דער שמחת הסיום, ווען ביני לביני גרייט מען אן דאס היכל ביהמ"ד צום גרויסן מעמד.

דער היכל ביהמ"ד איז ספעציעל פראכטפול איינגערישט געווארן, מיט מייעסטעטישע פארהאנגען און שיינע טאָוולען, צו אויסדרוקן די שמחת וחגיגת התורה אויפ'ן שענסטן פאַרנעם.

ארום א פערטל נאך עלף פארמיטאג, האָבן זיך אַלע תלמידים געוואַשן צו דער גרויסער סעודה, און זיך געזעצט צו די רייך - געדעקטע טישן, סעודת מצוה לגומרה של תורה, ווען א רייכע סעודה ווערט סערווירט כראוי וכיאות פאר די חתני התורה.

נאכן זיך וואשן, האט דער מנהל שליט"א אויפגעטרעטן מיט פאַסיגע ווערטער וואו ער האָט געשילדערט די אמת'ע גרויסע יו"ט פאר אַלעמען, נאך דער געוואלדיגער עמל ויגיעה וואס מ'האט אריינגעלייגט במשך פונעם גאנצען יאר, און יעצט איז דער צייט וואס מ'האלט שוין ב"ה ביים שניידן די פירות, הזורעים בדמעה ברנה יקצורו.

דער מנהל האט באזונדער ארויסגעברענגט פאר די תלמידים, וויפיל מיר זענען מחויב צו מכיר טובה זיין פאַר די חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א, וואס יומם ולילה לא ישבותו פאר די הצלחה און וואוילזיין פון יעדן תלמיד באַזונדער, און יעצט ווען מען שניידט די פירות, דארף מען געדענקען און וויסן אז דאס אלעס איז ערמעגליכט געוואָרן בלויז אַדאַנק זייערע אומגעהויערע כוחות פאר די הצלחה פון די תינוקות של בית רבן.

באזונדער האט דער מנהל שליט"א אויסגעדריקט זיין הכרת הטוב פאר די חשוב'ע סגני מנהלים, הר"ר יצחק רובינשטיין שליט"א - סגן מנהל כתה ח', און הר"ר ישעי' יאקאבאוויטש שליט"א - סגן מנהל כתה ז', פאר די איבערמידליכע און אויסטערלישע כוחות וואס זיי לייגן אריין דורכאויס דאָס גאנצע יאר צו קענען דערגרייכן צו וואס מ'האט ב"ה דערגרייכט ביז אהער, וכה יעזור ה' להלאה.

עס האָבן אויפגעטרעטן מיט פערל ווערטער עטליכע פון די חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א. יעדער פון זיי האט אַרויסגעברענגט, אויף זיין שטייגער, די געוואלדיגע שמחה פון די תלמידים אין אזא מאמענט, טראץ דעם וואס דורכאויס דאס יאר קוקט אויס אסאך מאל ווי ס'גייט שווער, און אז מ'וועט סייווי נישט אָנקומען. עס קען זיך דוכטן אַז אויב מען שטרענגט זיך נישט אן איז דאָס לייכטער און עס לוינט נישט די מיה און פּלאָג. אבער יעצט ווען מ'שטייט ביים סוף, ווען מ'האלט ביי 'ברנה יקצורו', זעהט יעדער אויף זיך אליינס דעם מאמר חז"ל 'יגעת ומצאת תאמין', נאר מיט די געוואלדיגע יגיעה, אפי' ווען ס'איז אנגעקומען שווער, האט מען געקענט אנקומען ביז אהער, און ס'האט זיך אויסגעצאלט איינגאַנצן.

דאן איז געקומען אַן אינטערעסאַנטער מאמענט, ווען לכבוד די 'שמחת התורה' איז אראפּגעקומען צו די תלמידים מו"ה יוסף פּראָמאָוויטש הי"ו, וואס האט אהערגעשטעלט א מייסטערהאַפטיגע און אינהאַלטסרייכע ניגונים צוזאמשטעל. ווען ער האט אינאיינעם מיט די תלמידים צאַמגעשטעלט אויפ'ן אָרט אַ 'כמו סידי', מיט רעקאדירונגען וואס זיי האבן אליינס ערצייגט, ווען ער האט געהייסן זינגען א צאל פון אלטע ווארימע און לעבעדיגע הייליגע ניגונים, אויף עטליכע סאָרט וועגן, און דערנאך דאס צוזאמגעשטעלט, און געגעבן צו הערן פאר די תלמידים, וואס איז ארויסגעקומען אלס גאר רייך און שיין ערצייגטע ווערק, פון וואס די תלמידים האבן שטארק הנאה געהאט הערנדיג די געוואלדיגע כח און שיינקייט וואס ליגט אין די אלטע ניגונים אין זמירות פון אמאל.

נאָך ברכת המזון און אַ וואַרימע תפלת מנחה איז מען אַראָפּגעגאנגען אין דעם גרויסן עס - זאל וואָס איז גענצליך אויסגעליידיגט געווארן פון טישן און בענק, און אַ לענגערע צייט איז דאָרט אָפּגעראָכטן געוואָרן לעבעדיגע ריקודין בשמחת התורה, אינאיינעם מיט די חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א, ווען עס דערקענט זיך די אמת'ע פרייד וואס שיינט אראפּ פון אַלע פּנים'ער. אין שמחה כשמחת התורה!







אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו!

## 10 וואכן רצופות פון יגיעת התורה אינערהאלב לעכטיגע 'חבורת שונה פרקו'

אינאיינעם מיט דעם כלליות'דיגן שמחת התורה ביי דעם גרויסן סיום, איז דאָס געווען אַ באַזונדערע יומא טבא לרבנן פאר הונדערטער פון די תלמידי כתות ז' און ח', דער רובא דמנכרא פון אַלע כתות, וועלכע האָבן דערביי געפייערט מיט פרייד זייער פריוואַטע סיום פון גאנצע 10 וואכן! מיט אן אויסטערלישע יגיעות התורה, אינערהאלב די חבורה פון 'שונה פרקו'. אנגעפאנגען שוין פון תיכף נאך שבועות, ווען די גרעסטע מערהייט פון תלמידים האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם מסגרת החבורה מיט א הערליכן סדר פון חזר'ן און זיך פארהערן אלע לימודים פונעם גאנצן יאר, פון דעם ווינטער און פון דעם זומער.

דורכאויס די גאַנצע צען וואָכן רצופות האבן די טייערע תלמידים געלערנט און גע'חזר'ט אומצאליגע מאל, גרייכענדיג צו ריזיגע ציפערן, פון חזר'ן יעדעס בלאט באזונדער צענדליגע מאל נאכאנאנד, און דערנאך זיך געשטעלט צום פארהער אויף יעדע פאר בלאט, יעדע וואך באַזונדער. און דער גרעסטער חידוש אַז דאָס אַלעס איז געלערנט געווארן אין די זייטיגע זמנים, סיי יעדן טאג, און סיי פרייטאג / שבת, אין וואס די תלמידים האבן ארייגעלייגט אן אומגעהויערע יגיעה און התמדה צו דערגרייכן ביז אהער.

און אַצינד אַז מען האָט דערגרייכט ב"ה, ווען מען האָט פאַרענדיגט די צען וואָכן מיט אַזאַ התמדה, און מען איז געזיצן ביים גרויסן סיום מיט אַ שמחת התורה, האָבן די יונגע עמלי התורה זיך געפריידט מיט זייער באַזונדערע שמחת התורה פון אַזויפיל הונדערטער שעות לימוד התורה און פון אַזויפיל צענדליגער בלעטער פון גמרא. כמונח בקופסא, אוועקגעלייגט אויף שטענדיג.

דורך די "חבורת שונה פרקו" איז טאַקע פארטיילט געווארן אַ מתן שכרה בצדה אַלס געשאַנק און מנחת מזכרת, א הערליכער זמירות לשבת ויו"ט, באַגלייט מיט אַן אוצר מלא פון הונדערטער אַלטע, הייליגע, אידישע, און לשה"ק'דיגע ניגונים, צוגעלייגט א הערליכער כתב פון אינעווייניג.

# יומא דהילולא קדישא כ"ו אב געפראַוועט מיט הערליכע הכנה דרבה אין ישיבה קטנה שערי תורה ד'סאטמאַר ח"א

אַלס פאַסיגע הכנה צו דער יאָרצייט פון אבינו רועינו רביה"ק זי"ע, זענען די תלמידי ישיבה קטנה ח"א אַרויסגעפאָרן צו אַן אָנגעפולטער טאָג פון התמדת התורה, דורכאויס דעם גאַנצן טאָג פון ערב יומא דהילולא, מאָנטאָג פרשת ראה העעל"ט.

אינדערפרי איז מען אַרויסגעפאָרן צו דעם "רעים קעמפ" אין בלומינגבורג ניו יאָרק, וואו מען האט געלערנט א גאַנצן טאָג מיט אן אויסטערלישע התמדה. שוין בעפאָר דאָס דאַווענען איז געווען אַ סדר לימוד רצופות פון צוויי שעה, און דערנאָך, אין די פאַרמיטאָג שטונדן, האָט מען נאָכאַמאָל געלערנט פיר שעה רצופות מיט אַ חיות דקדושה.

נאָכמיטאָג האָט אויפגעטרעטן מיט אַ דרשה נפלאה, אַ חשוב'ער גר צדק, וואָס איז לעצטנס נתקרב געוואָרן תחת כנפי השכינה, הר"ר יואל שטרייך שליט"א, וועלכער האָט זיך מגייר געווען בלויז מיט צוויי וואָכן פריער און האָט געשילדערט מיט אַלע פאַרבן דעם "אשר בחר בנו מכל העמים".

נאך א אנגעפילטע טאג פון תורה ויראת שמים זענען די בחורים אהיימגעפארן, מיט א ריכטיגע הכנה צו די הילולא קדישא פונעם רבי'ן זי"ע.

(אַ באַזונדערע קבוצה פון 25 מצויני הישיבה, וועלכע האָבן דורכאויס דאָס יאָר מיטגעהאַלטן דעם ספעציעלן שיעור ביי הפסקה, בהנהלת הרה"ג רבי יואל מאַרקאָוויטש שליט"א, זענען שוין אַרויסגעפאָרן אין דעם קעמפ זונטאָג נאַכט וואו זיי האָבן איבערגענעכטיגט און דאַן אויסגענוצט די פאַרטאָגס שטונדן פון מאָנטאָג אינדערפרי צו לערנען לאַנגע שעות רצופות. די קבוצה איז אויך איבערגעשלאָפן אין קעמפ די קומענדיגע נאַכט, און דינסטאָג פאַרטאָגס, אום דריי אַזייגער פאַרטאָגס, האָבן זיי אָנגעהויבן אַ סדר פון לימוד 5 שעות רצופות, ווען דורכאויס די צוויי טעג האָבן זיי זוכה געווען צו קונה זיין דעם גאַנצן ערשטן פרק פון מסכת שבועות, וואָס מען האָט אַצינד איבערגע'חזר'ט הדק היטב, נאָכ'ן דאָס לערנען במשך די לעצטע חדשים ביים הפסקה שיעור).

דינסטאָג, בעצם יומא דהילולא קדישא פון רבינו הקדוש והטהור זי"ע, איז געפראַוועט געוואָרן אַ גרויסאַרטיגע יארצייט סעודה אין היכל הישיבה, צוגעשטעלט דורך דעם מפעל הכביר ירושת הצדיק, וואס איז בכל ימות השנה צו מפרסם זיין משנתו של רבינו באופן נפלא, ובפרט אין דער ישיבה וואו אַ גרויסער ציבור בחורים זענען אָנגעשלאָסן אין די הייליגע מסגרת פון לערנען דעם רבי'נס ספרים.

דער געטרייער מייסד ומנהל החבורה, העסקן הדגול מו"ה יואל אהרן שווארטץ הי"ו, האט געעפענט דעם מעמד, ערוועגענדיג דאָס וויכטיגקייט פון לערנען דעם רבי'נס ספרים, וואָס דאָס איז באמת וואָס פארעמט אויס דאָס מהות פון א סאטמארער תלמיד, ווי רביה"ק זי"ע האָט זיך אויסגעדריקט אז ער האט נישט געמאכט דעם ספר ויואל משה כדי עס זאל ליגן אין שאַנק. ער האט שטארק אויפגעפלאמט די הערצער פון די בחורים זיך מחזק צו זיין צו לערנען דעם ספר הקדוש ויואל משה, וואס מען לערנט יעצט אין די מסגרת פון חבורת ירושת הצדיק.

דאן האט די בחורי חמד געהערט א הערליכע אויפטריט פון הרב יעקב שפירא שליט"א רב ביהמ"ד בעיסוואָטער, אַ פלומעניק פון הרבנית הצדיקת ע"ה, וועלכער האָט אין לויף פון אַריבער א שעה צייט אַרומגערעדט דברים נפלאים איבער דעם הייליגן רבי'נס גדלות אין אַלע ג' עמודי העולם און איבער זיין הייליגע שיטה וואָס ער האָט אונז מנחיל געווען מיט אַזאַ קלאָרקייט. באַזונדער האָט ער שיין אויסגעשמועסט די סכנה פון ציונות, די וויכטיגקייט נישט צו רעדן די טמא'נע שפראך, און נישט צו פארן צו די מדינה של גיהנם.

בשעת די סעודת הילולא האָט מערכת "ירושת הצדיק" אויסגעלייגט אַ הערליכער גליון מפואר "מיין שייכות מיט'ן רבי'ן" מיט פאַסיגע אויסצוגן מפיו ומפי כתבו פון רביה"ק זי"ע איבער דאָס גרויסקייט און נחיצות פון לערנען דעם הייליגן ספר ויואל משה, באַגלייט מיט אַ באַלערנדע מעשה נפלא געשריבן דורך איינער פון די חשוב'ע תלמידי הישיבה.

נאכמיטאג זענען די תלמידים אַריינגעפאָרן קיין קרית יואל פוקד זיין דעם ציון הק' אינאיינעם מיט כ"ק רבינו שליט"א און תלמידי ישיבתינו הקדושות מכל רחבי ניו יאָרק. תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו!


Orange Collision Inc.
אין פאל פון אן עקסידענט ח"ו, רופט גלייך:
24 Hour Towing · Car Rental · Auto Body Repair
845-782-2426

We Patch It · We Paint It · We Clean It
WE CLOSE ANY WALL ANY SIZE
24 HOUR SERVICE
PatchMan
845.388.1444
WWW.GOPATCHMAN.COM

YOUR GPS
From Renter To Homeowner
845-818-0750

קרית יואל מענער דריי-גודס היפטע קווארטער.
MEN'S CORNER
27 QUICKWAY RD UNIT 104
Free Delivery
845.782.6756

Qbin Closets
A Custom Experience
CALL NOW FOR YOUR FREE ESTIMATE
845.324.0004
sales@qbinclosets.com

Berry's Landscaping
We Grow Satisfaction
845.204.8138
berryslandscaping@gmail.com

OWL SECURITY
845.782.8090 | אברהם יהושע בינער
sales@owlsecurityinc.com

kj vitamins & health food
845.783.8711
21 Hayes Ct.
we carry all major brands

די נומער פאר אלע אייערע שמחות!
845 782.1340
בעידן תדוותא
טראנספארטאציע רוט אינפארמאציע
#9 דרווער #1 845.782.1340

COLORIFIC
845 783.6863

HANDYWORK
for a complete job, well done
יואל זאב שווארץ
845-248-3585

FishDirect
845.253.8040 | מרדכי יואל בראווער

elite healthcare
14 Raywood Dr.
782-4000

פלאמבינג – עלעקטריק
845-239-7697
לייבל קופּטשיק

AWR WINDOWS
REACH US AT: 845.774.6495
SERVICE@AWRWINDOWS.COM

F&W BOOKKEEPING
845.492.3945

Upstate Collision
LEASING · RENTAL · COLLISION · 24 HR TOWING
845.599.9000 | AFTER HOURS: 845.500.1400

# א בליק אויף די נייעס

## אין קרית יואל רבתי

## אויסטערלישע הרחבת גבולי טהרה אין קרית יואל רבתי; פרעכטיגע מקוה טהרה אין בית המדרש המפואר "יראי השם בנין בראך" וועט פייערליך באַנייט ווערן אויף קומענדיגן ראש השנה הבעל"ט



שטייענדיג ביים שוועל פון דעם נייעם יאָר הבעל"ט, זענען די איינוואוינער אין דעם הערליכן "סמיט גאַרדנס" אומגעגנט נתבשר געוואָרן מיט די בשורה מרנינה אַז נאָך לאַנגע חדשים פון איבערמידליכע אַרבעט צו אויפבויען און אַהערשטעלן דעם הערליכן "מקוה טהרה" שע"י בית המדרש יראי השם בנין בראך, גרייט מען שוין אַצינד לברך על המוגמר ולנצח על מלאכת בית ה', צו פאַרענדיגן דעם ריזן בוי פראָיעקט, און עפענען די שערי טהרה וקדושה, אין געציילטע וואָכן, אויף דעם קומענדיגן ראש השנה שנת תשפ"ג הבעל"ט.

אשריכם תושבי קרית יואל רבתי, לפני מי אתם מטהרין! דאָס האַרץ וואַקסט דאָס פון גליק ווען מען לעבט מיט וויאַזוי דער כח הטהרה אין שטאט שטייגט און וואקסט, די רוחניות'דיגע אקטיוויטעטן שפרייט זיך אויס לאורכה ולרחבה. יעדע געגענט מיט אירע תושבים און אירע רבנים שליט"א, כאיש אחד בלב אחד, מיט איין הייליגן ציל, אוועקצושטעלן יעדע רוחניות'דיגע פונקציע, אהערשטעלן דעם כח הטהרה אויפן העכסטן סטאנדארט, וואס דער שפיץ דערפון איז די וויכטיגסטע יסוד העיר "טהרתן וקדושתן של ישראל"!

ובכן ווי גרויס איז די שמחה ווען עס קומט יעצט צו א פרישע רינגעלע אין די גאלדענע קייט פון מקוואות אין קרית יואל, מיט דער ערעפענונג פון דער נייער פרעכטיגע מקוה אין א פרישע שכונה אין קרית יואל רבתי עם. די מקוה וועט גלייכצייטיג אַנטהאַלטן אַלע איינריכטונגען, אַ גרויסער חדר המקוה, אַ ברייטער בור הטבילה, פילצאָליגע שאָוערס, און אַן אויסגערישטע שמש שטיבל מיט אַלע צוגעהערן, זייט ביי זייט מיט דעם רחבות'דיגן היכל התורה, וואָס ווערט אַהערגעשטעלט אויפ'ן זעלבן שטאָק און ווערט אַצינד פאַרענדיגט אין אירע לעצטע פאַזעס.

אין אַ זייטיגע נאָטיץ וועט דער שמש שטיבל אויך דינען ווי אַ צענטער פאר אַלע איינוואוינער אין דער געגנט, וואו עס וועט פאַרקויפט ווערן אַ ברייטער אויסוואַל פון אַלע וויכטיגע פראָדוקטן צום טאָג טעגליכן באַנוץ, פאר די צוגענליכע באַקוועמליכקייט פון די מתפללי ביהמ"ד ותושבי השכונה, להחיות בהם נפש כל חי.

די הערליכע ערשיינונג פון דעם חנוכת המקוה טהרה שליסט זיך אן אין א לאנגע גאלדענע קייט פון אלע געגענטער וועלכע ווערן פולקאם געדעקט מיט מקוואות און ווי פארשטענדליך מיט בתי מדרשים און יעדע רוחניות'דיגע געביט צו האבן אלעס צוגעשטעלט אויף די ריכטיגע יסודות, אויף די הייליגע יסודות הוראות והדרכות פון רבינו הקדוש זי"ע, ווען אלעס ווערט באגלייט דורך הגאוה"צ רבני ודייני העיר רבתי שליט"א, פון אַלע קהילות חשובות און פון יעדע געגנט באזונדער איש על מחנהו ואיש על דגלו, וואָס שטעלן ב"ה אַוועק אלע יסודות העיר ובפרט בענין הטהרה אויפ'ן העכסטן און שענסטן פאַרנעם.

אין דעם פריידיגן מאמענט ווען מען שטייט גרייט צו באנייען די פרעכטיגע מקוה אין געציילטע וואכן, בעת הזאת ווען עס ווערט נתרומם דער כח הטהרה אין שכונת סמיט גאַרדנס, ווענדט זיך דער וועד קרן הבנין פון דעם ביהמ"ד המפואר און די מקוה טהרה צו אַלע וועלכע האָבן נאָכנישט אַנטייל גענומען אין די גרויסע הוצאות צו אַקעגן קומען די מלאכת הקודש, אַז די אַרבעט זאל חלילה נישט אויפגעהאַלטן ווערן קיין איבריגע טאָג צוליב געלט, און מען זאָל ווי אַמשנעלסטן טאַקע גומר זיין דער הייליגער פראָיעקט, וזכות הרבים יהא תלוי בכם!

**לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים!**

## מוסיפין והולכין; חשוב'ער מו"ץ שליט"א וועט זיצן יעדן שב"ק אין בית הוראה שע"י בית המדרש הגדול

די הנהלת הקהילה פון קהל יטב לב האָט געמאָלדן איבער אַ פרישע נאָבעלע איינפיר וואָס איז איינגעפעדעמט געווארן דורכאויס אַלע שבתות השנה, אָנגעהויבן פון פארגאנגענע וואָך, אַז הרה"ג רבי יואל אלימלך כהנא שליט"א - פון די נייע געקרוינטע מורי צדק וועלכע זענען נתמנה געוואָרן דורך כ"ק אדמו"ר שליט"א לשרת בקודש - וועט זיך געפינען דעם בית הוראה שע"י בית המדרש הגדול, יעדן פרייטאָג צונאַכטס, סיי צען מינוט בעפאָר דאָס דאַווענען און אַזוי אויך 10 מינוט נאָכ'ן דאַווענען, צו ענטפערן אַלע שאלות לעם אשר שוא"ל.



מצילי אש לייטער טראק ווערט אפגעשוועונקט און מענטענט אויף חברון



הרבני הנגיד ר' ישראל דוב גאלדבערגער שליט"א באזוכט אין די נייע מקוה ישראל דוב בביהמ"ד סטאוויניץ. די ערשטע פראמינענטע מקוה אין שכונת קוועיקיר הילל, פעני קאורט אין טאון

# א בליק אויף די נייעס

## אין קרית יואל רבתי

דער פאַסיגער איינשטעל ווערט וואַרעם באַגריסט דורך בני קהלתינו הק׳ ובאי בית מדרשינו וואָס דרוקן אויס דאַנקבאַרקייט פאר די ענערגישע הנהלת הקהילה וועלכע איז מוסיף והולך מיט אַלע ערליי סערוויסעס בגשמיות וברוחניות להגביר קרן הקהילה וכח ההוראה לשם ולתפארת.




# עלעגאַנטע באַנקעט אין קרית יואל רבתי פאראייניגט תושבי בלומינגראוו לטובת מוסדות יטב לב ד׳סאַטמאַר בני ברק

### קאָלאָסאַלע הצלחה ביי הערליכע מסיבה וואס איז אפגעראכטן געווארן בהוקרה ופאר פאַרגאַנגענעם ליל שישי, אין שטוב פון הר״ר יואל שטערן הי״ו מראשי העיר, בהשתתפות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

א הערכסט נאבעלע מסיבה של מצוה מיוחדת במינה איז דעם פארלאפענעם ליל ששי שופטים העעל״ט אפגעראכטן געווארן לטובת די הייליגע מוסדות יטב לב ד׳סאַטמאַר - בני ברק, אין שטוב פון מו״ה יואל שטערן הי״ו, מראשי העיר בלומינגראוו, ספּעציעל פאַררופן פאר תושבי בלומינגראוו המעטירה, וועלכע האבן זיך פאראייניגט תחת קורת גג אחד, ובאו כולם בברית יחד, צו שטעלן א יסוד מוסד פאר די מוסדות הק׳, ומלכם בראשם כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א וואס האט פערזענליך באשיינט דעם געהויבענעם מעמד און מאציל געווען מברכתו הטהורה פאר אלע משתתפים.

עס איז שוין אייגנטליך אַ יערליכע חזקה וואס הר״ר יואל הי״ו טוט פאָרזעצן מדי שנה בשנה, צו אַהערשטעלן אן עלעגאַנטע מסיבה של מצוה פאר די הייליגע מוסדות יטב לב, אויף די פערזענליכע בקשה פון כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א. יאָר יערליך ווערט די מסיבה פאַרוואַנדלט אַלס אַ צענטער פונקט ווי עס באַטייליגן זיך די תושבים פונעם געגענט פון אַלע קרייזן מיט אַ זעלטענע אחדות, להביע רננות פאר ר׳ יואל ווענעמס לייסטונגען פאר דער שטאָט איז אומשאַצבאַר, און עס דינט טאַקע ווי אַ שטאַנדהאַפטיגע באַזע פון הכנסה פאר די הייליגע מוסדות יטב לב בני ברק, וואָס זענען דער קרוין פון חינוך הטהור און דער שטאָלץ פון סאַטמאַר אַלוועלטליך.

דורכאויס די אָוונט שטונדן זענען ביי די עלעגאנט-באדעקטע טישן געזעסן אחים לדעה, תושבי העיר פון אַלע שיכטן און קרייזן, ידידים, גוטע פריינד און מוקיריו פונעם בעל המסיבה הי״ו, וועלכע זענען אריבערגעקומען בכל לבם ומאודם, צו זיך אנשליסן, נעמען א טייל, און מחזק זיין דעם עתיד פון סאַטמאַר אין בני ברק, און האָבן זיך אנגעקוואלן פון יעדן מאמענט, ווען ס׳איז ברייטהארציג סערווירט געווארן ווארימע דעליקאטן און לייכטע געטראנקען, הערליך איינגערישט דורך אַ באַגאַבטע פירמע, מיט די פּאַרדינטע אַנערקענונג און שעצונג פאר די מוקירי תורה.

דער קלימאַקס פון דעם הערליכן אָוונט איז געוויס געווען די ערשיינונג פון דעם גרויסן מנהיג העדה ונשיא המוסדות, כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א, וועלכער האָט מפאר געווען בראש המסובים און מאציל געווען מברכתו הטהורה פאר הר״ר יואל הי״ו און פאר אלע באטייליגטע תומכים ונדיבים אז מען זאל זוכה זיין צו א ברכה המשולשת בתורה אין זכות פון די מצוה הנשגבה.

כ״ק רבינו שליט״א האָט אין לויף פון די שפּעטע מיטאָג שטונדן ווירקליך געווילט אין בלומינגראוו, וואו ער האָט זיך צוערשט באַטייליגט ביי אַ קביעת מזוזה בבית הרבני החסיד מו״ה בנציון פרידמאן הי״ו, און דאַן ביי דער צענטראַלער און פייערליכע מעמד חנוכת הבית און מסיבת לחיים לרגל די ערעפענונג פון דעם נייעם סאַטמאַרער בית המדרש אויף מעריוואלד לעין, און פאַרענדיגט מיט דער השתתפות ביי דער מסיבה של מצוה לטובת יטב לב בני ברק.

און דער אפרוף איז ב״ה געווען אומגעהויער, אויפן פלאץ איז בייגעשטייערט געווארן שיינע סכומים, וואס האט ווידעראמאל איבערצייגט אין דעם ווארימקייט וואס הערשט אין די הערצער פון תלמידי וחסידי סאטמאר תושבי קרית יואל פאר די הייליגע מורשה פון רביה״ק זי״ע, וואָס וועט געוויס איבערלאזן פאר אלע משתתפים ותומכים הויפענעס פון השפעות ואיחולי קודש.

**אשרי העם שככה לו!**


כ״ק אדמו״ר מבקשי השם שליט״א אין ביהמ״ד רב טוב אויף קארלסבורג


כ״ק אדמו״ר מבקשי השם שליט״א בסוד שיח מיט הגה״צ אבד״ק טארנא שליט״א אין טארנא ביהמ״ד בשכונת אלטא פיגא

# א בליק אויף די נייעס

## אין קרית יואל רבתי

## פייערליכע שמחת "הכנסת ספר תורה" דורך הרבני מו"ה יודא ווייס הי"ו לע"נ דעם הייליגן אור החיים הק'




מיטגעפריידט מיט דער גרויסער שמחת הכנסת ספר תורה וואָס איז געשריבן און אַריינגעגעבן געוואָרן דורך הרבני החסיד המפואר מוה"ר יודא ווייס הי"ו, בקול רנה ותודה והמון חוגג, לעילו נשמת רבינו חיים בן עטר זצוק"ל, דער הייליגער אור החיים הק'.

דער ספר תורה איז אַריינגעפירט געוואָרן צום בית המדרש הגדול 12 בשירה ובזמרה וואו מען האָט זיך אַ לענגערע צייט משמח געווען בכבוד התורה. דערנאך איז געפראוועט געווארן אַ גרויסאַרטיגע סעודה של מצוה לגומרה של תורה אין דער "קרן ויואל משה" זאַל, בהשתתפות פילע בני המשפחה, קרובים וידידים. עס האָבן מהנה געווען די פילהארמאנישע שירה כאאר, אין באַגלייטונג פון דעם בעל מנגן הר"ר שלמה זלמן הורוויץ שליט"א.

אַלס יושב ראש האָט געדינט דער באַרימטער פה מפיק מרגליות, הרב אהרן ארי' אייזענבערג שליט"א, מען האָט געהערט וואַרימע און תוכנ'פולע דרשות דורך הרה"ג אב"ד חעמעלניק שליט"א, פאטער פונעם חשוב'ן נדבן; הרה"ג אב"ד באַרדיוב קר"י שליט"א שווער פון נדבן; דער חשוב'ער נדבן הרה"ח מו"ה יודא שליט"א וועלכער האָט ארויסגעברענגט זיינע הרגשים לכבוד המאורע; בנו הבחור החשוב ני"ו; און דאַן האָט מען געהערט דאָס וואָרט בשם דעם באַרימטן מפעל אור החיים וואָס דער נדבן שליט"א האָט די זכי' צו אַסאַך אַרויסהעלפן די מלאכת הקודש פון פאַרשפּרייטן דעם לימוד אור החיים הק'. אַלס דער צענטראַלער נואם הכבוד האָט געדינט הרה"ג רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א רב ביהמ"ד ישמח משה - דינוב.

שישו ושמחו בשמחת התורה כי היא לנו עוז ואורה!

## לעצטע צוגרייטונגען צום נייעם זמן הלימודים הבעל"ט אין ישיבה קטנה תפארת משולם פייש טאָהש

ותלמידיהון, די פילע בחורי חמד צו אָנהויבן דעם קומענדיגן זמן הלימודים שנת תשפ"ג הבעל"ט צווישן די ווענט פון דעם הייליגן מקום תורה "ישיבה קטנה משולם פייש טאָהש" וואָס וועט בעז"ה זיין אַ שם דבר אין דער עולם הישיבות, אַלס אַ פּרעכטיגער מקום התעלות פאר די תלמידים יקרים, בסולם העולה בית קל.

אַצינד, שטייענדיג שוין ביים שוועל פונעם קומענדיגן ווינטער זמן הבעל"ט, וואַקסט די פאַרלאַנג פון בחורי חמד וועלכע האבן זיך איינגעשריבן צו נהנה זיין פון דעם רוח של תורה ועבודת ה' וואָס מען וועט קונה זיין אין דער ישיבה.

טראָצדעם וואָס אָריגינעל איז געווען געפּלאַנט צו עפענען די שערי הישיבה בלויז מיט דעם שיעור א' יאָרגאַנג, האָט זיך גאַנץ שנעל אַרויסגעשטעלט אַז "רבים אומרים מי יראינו טוב", ווען דער שיעור א' איז בליץ שנעל אָנגעפולט געוואָרן מיט בחורים מצוינים ומבקשי ה', און אַצינד איז פאַרהאַן אַ וואַקסנדע פאַרלאַנג ביי עלטערן פון בחורים אין דעם יאָרגאַנג פון שיעור ב' וועלכע זענען משתוקק אַז מען זאָל שוין דאָס יאָר עפענען אויך די כתה, להסתפח בנחלת ה'.

דורכאויס די וואך פון פּרשת שופטים העעל"ט איז פאָרגעקומען דער פאַרהער, ווען אַלע פרישע תלמידים האָבן זיך געשטעלט על כור הבחינה ביים מנהל שליט"א, איידער זיי ווערן אָנגענומען בין כותלי הישיבה. דער מנהל האָט דערביי אויסגעדרוקט זיין התפעלות, זעהנדיג פון דער נאָנט די בחורים, אַלע פון זיי מצוינים בתורה וביראה ובעלי מדות טובות, וואָס וועט בלי ספק אויפהייבן דעם ניוואָ פון דער הייליגע ישיבה אויף מעלות רמות.

אין די זעלבע צייט וואס די רעגיסטראציע איז אין פולן שוואונג לייגן אריין די הנהלת הישיבה אַריין געוואלדיגע כוחות אויף אלע אנדערע פראנטן, סיי צו אויסרישן דעם אכסניא של תורה און סיי אויפצוטרייבן די נויטיגע סכומים להחזקת הישיבה, ווען ס'איז נאָך פאַרהאַן די געלעגנהייט פאַר אידן נדיבים בעם צו האבן א חלק שותפות אין דער עבודת הקודש.

די וואך זונטאָג האָבן המוני תושבי העיר קרית יואל רבתי זיך מיט געפילן פון התרגשות דקדושה גרייט זיך די רבנן ווירקליך צייגן אידן אַרויס אן אויסנאמליכע אינטערעסע


רייעס באסעס אויפן צענטראלן פארעסט פארנט פון גרויסן ביהמ"ד אויפן וועג צוריק צום בית אולפנא רבתי ישיבה גדולה ד'סאטמאר


גאנצע גאס מיט הייזער איינגעוואורפן אויפן וועג אריין צום גיגאנטישן שטח פון ביזנעס סענטער #8 מוזיאום ווילעדזש קאר. רוט 208

# א בליק אויף די נייעס

## אין קרית יואל רבתי

אפצוקויפן זכותים פון פרנסי הישיבה, שפירנדיג פאר א זכי' צו קונה זיין אַזעלכע אייביגע זכותים לדורות עולם, וואָס וועט פאַרבלייבן נזקף לזכותם אַז זיי האָבן אַרויסגעהאָלפן בויען דעם יסוד ובסיס פאר דעם הערליכן מקום תורה ביז משיח'ס טאָג.

קוקט מען טאקע ארויס מיט האפענונג און ערווארטונג אז די היילינע ישיבה זאל ווייטער באגלייט ווערן מיט א שיינענדיגע סייעתא דשמיא און הצלחה אלס א פרעכטיגע באזע פאר די בחורי חמד היקרים וועלכע וועלן דארט אויסשטייגן מיט א חיים שיש בו אהבת תורה ויראת שמים, תחת דגלו והדרכתו של כ"ק אדמו"ר מטאָהש שליט"א, עד ביאת הגואל. כי ממנו תצא תורה מיד ולדורות.

## אויסטערלישע רוחניות'דיגע הצלחה ביי "יום תורה" דורך מפעל הנשגב "עמוד התורה"

אין אַ הערליכע רינגעלע אינערהאַלב דעם פרעכטיגן קייט פון "כולל יום ראשון" שע"י מפעל הנשגב "עמוד התורה", איז דעם פאַרלאָפענעם מאָנטאָג תצא, אַ טאָג ווען פילע אַרבעטער זענען נישט אַריין אין אַרבעט, אויסגענוצט געוואָרן פאַר אַ חידוש'דיגע "יום של תורה", דורך די געניטע עבודת הקודש פון דעם הייליגן מפעל "עמוד התורה".

עס איז אַראַנדזשירט געוואָרן אַ געהויבענער סדר אַז די פילע בעלי בתים חברי הקהילה זאלן ערמעגליכט ווערן צו לערנען אינאיינעם בצוותא חדא. דער סדר איז אויסגעשטעלט געוואָרן אויפ'ן זעלבן מוצלח'דיגן סיסטעם אַזוי ווי דער "כולל יום ראשון" וואָס פונקציאָנירט ב"ה מיט אַ זעלטענע הצלחה.

צוערשט איז געווען צוגעגרייט אַ ברייטהאַרציגע פת שחרית, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט מיט אַ שטורמישע סדר הלימוד במשך לאַנגע שעות רצופות פון דעם פאַרמיטאָג. ס'איז ווירקליך געווען אַ מחזה נהדר צו מיטהאַלטן וויאַזוי די חשוב'ע בעלי בתים, העוסקים על המחי' ועל הכלכלה, נוצן אויס די פרייע צייט צו שווימען אין דעם ים התלמוד און עוסק זיין בתורה ווי ריכטיגע בני תורה, אשרי עין ראתה אלה.

ביי דעם ענדע פון דעם פאַרמיטאָג סדר האָט אויפגעטרעטן מיט אַ הערליכע שיעור אויף הלכות מזוזה, הרה"ג רבי משה ארי' ליבערמאַן שליט"א, דומ"ץ ביהמ"ד לי גאַרדנס, וויליאַמסבורג, וואָס איז מיטגעהאַלטן געוואָרן מיט אַ געוואַלדיגע אינטערעסע דורך די מקשיבי השיעור וועלכע האָבן דערביי קונה געווען ידיעות נחוצות אין די וויכטיגע הלכה וואָס איז אַזויפיל נוגע אין אידישע שטיבער.

מען האָט זיך געשיידט פון דעם געהויבענעם יום של תורה מיט אַ רוחניות'דיגע געפיל פון "טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף".

## קאָנסטרוקציע פראָיעקט וועט צייטווייליג פאַרשווערן טראַפיק אויף עיקערס רד. צווישן בעיקערטאַון און רוט. 105

אין אָפיציעלע מעלדונגען איז פובליצירט געוואָרן איבער


בורא עולם בקנין השלם זה הבנין!

## פאַרצווייגטער "דריי מיליאָן דאָלער" קאַמפיין געלאָזט אין שוואונג צום אויפבוי פון פרעכטיגן בית המדרש "וואודבערי ווילאַס"



קרית יואל רבתי - שטייענדיג ביי אַ היסטארישן ווענדפונקט אין דער געשיכטע פון דער בליענדער "וואודבערי ווילאַס" געגנט, ווען מען גרייט זיך אָט צו אויפבויען דעם מייעסטעטישן בית המדרש הגדול וואָס וועט דינען אַלס דער אבן שואבת און צענטער פונקט פאר אַלע תושבי השכונה, איז אין די יעצטיגע טעג געלאָזט געוואָרן אין גאַנג דער היסטאָרישער און איינמאָליגער קאַמפיין, וואָס וועט בעז"ה אויפטרייבן די ריזיגע סומע פון דריי מיליאָן דאָלער, למען בית ה' אלקינו!

דער גרויסער קאַמפיין האָט אַרומגעכאַפט אין אַ העלישע פייער די פילע תושבים און מוקירי תורה ועבודה פון איבער דער גאַנצער געגענט, וועלכע ווילן זיך אָנשליסן בכל לב ונפש פאר דעם עתיד פון אַזאַ הערליכע מקום קדוש לדורות עולם. ווען באַזונדער איז פאַרהאַן אַ גלענצענדע געלעגנהייט פאַר נדיבים בעם, וועלכע ווילן זיך איינקויפן זכותים נשגבים לזכרון נצח אדער לעילו נשמות יקיריהם, מנציח צו זיין זייערע נעמען, און אפקויפן קלענערע אָדער גרעסערע זכותים לזכרון עולם בהיכל ה'.

אין שוואונג פון דעם פאַרצווייגטן קאַמפיין איז אַהערגעשטעלט געוואָרן אַ וואונדערליכער סיסטעם דורך די ענערגישע און באַגאַבטע חברי "וועד קרן הבנין" מיט אַן אייגנאַרטיגע מהלך, אַנדערש ווי געוועגליך ווען מען גייט אַרויס צו דער ברייטער גאַסט, וועט דער קאַמפיין אָנגעפירט ווערן אינערליך, באופן פנימי, טאַקע דירעקט פאר די תושבי השכונה וועלכע וועלן דאָס מערסטע געניסן פון דעם מקום קדוש. אַז יעדער איינוואוינער זאָל זיך אָנשליסן מיט לכה"פ $7,200, וואָס וועט בעז"ה ערמעגליכן די קאָלאָסאַלע הצלחה פון דעם קאַמפיין און די פריידיגע הרחבת גבולי הקדושה וואָס איז די אינטערעסע פון יעדן.

אָט מיט די טיפע איבערצייגונג, מיט די ברענענדיגע געפיל פאַר'ן עתיד השכונה, איז ווירקליך געלאָזט געוואָרן אין שוואונג דער גרויסאַרטיגער קאַמפיין, צו שאַפן אַ מיליאָן דאָלער צו אָפקויפן דעם גרויסן שטח פון דעם עקזיסטירנדן בית המדרש, אז דאס זאל אריינגיין אונטער דעם בעלות פון די הנהלת הביהמ"ד און נאָך צוויי מיליאן צו אויפבויען דעם בית ה' על תילה ומכונה מיט אַלע פראַכטפולע איינריכטונגען לכבוד ולתפארת.

און דער אָפרוף איז ווירקליך אומגלויבליך! מרבים העם להביא, שוין אין די ערשטע טעג פון דעם גרויסן קאַמפיין זענען די עסקנים איבערראַשט וויאַזוי אידן שליסן זיך אָן מיט ריזיגע סכומים צו איינהאנדלן אַ זכות שותפות אין דעם בנין החדש, צו צעמענטירן און עטאבעלירן דעם מרכז הקודש לתורה ולתפלה מיד ולדורות עד ביאת הגואל.

צו דער געלעגנהייט ווערט טאַקע באַריכטעט דורך דעם "וועד קרן הבנין" אַז נאָך לאַנג - פאַרצויגענע אינטערווענצן צו ערהאַלטן די נויטיגע פערמיטן האַלט מען שוין ב"ה ביים ענדגילטיגן שטאַפל, און מען האפט אַז אין די גאָר נאָנטע טעג וועט זיין גינסטיגע אַנטוויקלונגען צו קענען אָנהויבן די פאַקטישע מלאכת הבני' מיט אַ שנעלן אימפעט.

גלייכצייטיג זעצט פאָר דער קאַמפיין צווישן תושבי השכונה ונדבנים בעם, ווען עס איז נאָך פאַרבליבן עטליכע איינמאָליגע "זכותים והנצחות", וואו אידן קענען נאָך אַריינכאַפן צו אָפקויפן אַן אויסוואל פון אומגעהויערע זכותים נצחיים אין דעם בנין החדש, וואָס זאָל פאַרבלייבן אויף זייער נאָמען לשם ולתפארת.

**מחיל אל חיל להקים היכל ה'; מאת כל איש אשר ידבנו לבו!**



# א בליק אויף די נייעס

## אין קרית יואל רבתי

געפּלאַנטע רענאָוואַציע פּראָיעקטן וואָס וועט אויף צייטווייליג אָפּשפּארן דעם עיקערס רד. צווישן בעיקערטאון און רוט. 105, געצילט צו ברענגען כאָטש אַ טיילווייזע לעזונג צו דעם טראַפּיק קריזיס וואָס פּלאָגט שטאַרק די ארטיגע ראָודס.

די ראָוד אָפּשליסונג וועט זיין אַקטיוו בלויז אויף אַ קורצע טערמין. עס וועט ברענגען אומבאַקוועמליכקייטן אָבער עס ווערט געטון צו פאַרלייכטערן פאר קרית יואל'ער מאָטאָריסטן און פיס גייער, אויף די קומענדיגע לאַנגע יאָרן.

די געפּלאַנטע קאָנסטרוקציע האָט זיך אָנגעהויבן די וואך דינסטאָג און עס וועט אָנהאַלטן ביז קומענדיגן ערב סוכות. ס'איז ראַטזאַם אַז דרייווער וועלכע ווילן אנקומען קיין "שכונת ויואל משה" אָדער צו אַנדערע געגנטער אין קרית יואל רבתי אַריבער דעם קאַונטי רוט 105 זאָלן זיך באַנוצן מיט אַלטערנאַטיווע ראָודס, און אויסמיידן די שוין אַזוי אויך אָנגעלייגטע בעיקערטאַון טראפּיק.

## הגה"צ אדמו"ר ממבקשי השם שליט"א אויף קורצע באַזוך אין קרית יואל לקראת ימי הרחמים והרצון

די וואך מאנטאג האָט מען געהאַט צוגאַסט אין קרית יואל, הגה"צ אדמו"ר ממבקשי השם שליט"א, וועלכער האָט זיך דאָ אויפגעהאַלטן אויף אַ קורצע צייט צו פּראַוועזן תושבי העיר, שטייענדיג אין די ימי אלול לקראת ימי הרחמים והרצון הממשמשים ובאים.

די אכסני' איז געווען אין שטוב פון הרבני החסיד מו"ה וואָלף לעוו הי"ו, אויף די געציל בערגער גאַס, וואו אַ שיינער ציבור האָט זיך פאַרזאַמלט און דער רבי האָט במשך אַ לענגערע צייט אויפגענומען דעם ציבור. דער שיינער באַזוך האָט איבערגעלאָזט אַ רישומא קדישא אויף דער גאַנצער שטאט.

## הגה"צ רבי יצחק משה ערלאַנגער שליט"א טרעט אויף מיט דרשת התעוררות אין ביהמ"ד אור משה - וואודבערי ווילאַס

אין די ראַמען פון דעם באַזוך אין קרית יואל רבתי דורך המשפּיע המפורסם הגה"צ רבי יצחק משה ערלאַנגער שליט"א, האָט דער חשוב'ער משפּיע די וואך משמיע געווען אַ פלאַמפּייערדיגע דרשת התעוררות אין בית המדרש אור משה - וואודבערי ווילאַס, וואו די תושבים היקרים האָבן זיך דערקוויקט מיט די פּנינים יקרים מפּי ספרים וסופרים.

במשך אַ לענגערע צייט האָט דער משפּיע שליט"א אָנגעוואַרעמט די הערצער פון די פילע צוהערער וועלכע האָבן געשלינגען מיט דאָרשט די טייערע פּערל ווערטער פון התעוררות און התחזקות, געבויעט אויף די ספרים פון תלמידי בעש"ט הק' מיט אַ געוואַלדיגן קאָך און התרוממות הנפש.

## אינהאַלטסרייכע סעריע פון שיעורים נפלאים בעניני הנהגת הבית דורך מפעל "בנין שלם" שע"י ביהמ"ד אהל מרדכי טאָהש

אין די ראַמען פון דעם נאָבעלן מפעל "בנין שלם" וואָס פונקציאָנירט אונטער די התאחדות אברכים וביהמ"ד טאָהש איז אין די יעצטיגע וואָכן איינגעפעדעמט געוואָרן דער אויפגעכאַפּטער סעריע פון אינהאַלטסרייכע שיעורים פאר אברכים יקרים, מיט די גאָר וויכטיגע הלכות און הדרכות פאר דער אידישער שטוב, אויפ'ן דרך המסורה לנו מדור דור.

די שיעורים נפלאים ווערן איבערגעגעבן בטוב טעם ודעת דורך הרה"ג דומ"ץ טאהש שליט"א, ורב מפעל "בנין עדי עד" שע"י קהל יטב לב, וועלכער איז ברייט באקאנט מיט זיינע רייכע שיעורים און זיין לשון לימודים בעצה ותושי', מיט פּראַקטישע און תורה'דיגע הדרכה וויאַזוי צו לעבן מיט אַן אמת'ע בית נאמן בישראל על מי מנוחות.

אין דער סעריע פון דעם מפעל וועט דעם קומענדיגן מיטוואָך אויך פארגעלערנט ווערן א ספּעציעלער שיעור דורך הרה"ג רבי מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א, מנהל בישיבת תפארת משולם פייש ד'טאָהש, וועלכער וועט איבערגעבן מאוצרו הטוב לידע את הדרך ילכו בה להעמיד בתים נאמנים בישראל.

די שיעורים קומען פאר אין ביהמ"ד אהל מרדכי ד'טאהש אינעם חדר ההוראה, וואו פילצאָליגע אברכים יקרים, באי הביהמ"ד, דערקוויקען זיך מיט די הערליכע שיעורים, און באַקומען טאַקע די פּאַסיגע עצה והדרכה, בהלכה ובהשקפה, וויאַזוי אויפצושטעלן ריכטיגע הייליגע אידישע שטיבער על דרך אבותינו ורבותינו.

## סיום ספר הקדוש "על הגאולה" ביים וועכנטליכן שיעור פון הגה"צ גאב"ד שארמאש שליט"א

קרית יואל. – דעם פאַרגאַנגענעם שבת האָט מען מסיים געווען דעם קונטרס "על הגאולה ועל התמורה" וואס ווערט פאָרגעלערנט יעדן שבת נאכמיטאג פאר מנחה דורך הגה"צ גאב"ד שאַרמאַש שליט"א.

דער שיעור האַלט שוין אָן צענדליגער יאָרן, אָנגעהויבן דורך כ"ק גאב"ד שאַרמאַש זצ"ל וועלכער פלעגט געבן דעם שיעור שבת





מאסיווע סטרוקטור פון ביזנעס סענטער #7 אויף צענטראלן 208

# א בליק אויף די נייעס

## אין קרית יואל רבתי

נאָכמיטאָגביים זמן הדלקת הנרות ביז מנחה חק ולא יעבור, וואו אַ גרויסער ציבור האָט זיך קובע געווען.

דער שיעור האָט דער רב זצ"ל נאָך איינגעפירט אַלס דומ"ץ דקהל יטב לב אין לעיקוואוד, און האט דאס מחדש געווען ווען ער האָט צוריק געעפענט דאָס שאַרמאַשער ביהמ"ד אין קרית יואל, וועלכע איז צום ערשט געווען נאר פאר שלש סעודות און פאר דעם שיעור.

במשך די יאָרן האָט דער רב זצ"ל גענענדיגט צענדליגע מאָל דעם ספה"ק ויואל משה און קונטרס על הגאולה, און האָט דאָס אָנגעהאַלטן מיט מסירות נפש ממש ביז אַ שבת פאַר ראש השנה תשע"ז.

דער רב שליט"א האלט אָן די חזקה און יעדן שבת קומט פאר דער שיעור אַזוי ווי אַמאָל. דעם פארגאנגענעם שבת האט מען מסיים געווען דעם קונטרס על הגאולה ועל התמורה.

דעם קומענדיגן שבת הייבט מען אָן דעם ספה"ק "ויואל משה", און עס איז אַ פּאַסיגע געלעגנהייט פאר יעדן זיך מיטצוכאַפּן מיט דעם שיעור צו באַקומען אַ קלאָרקייט אין די פייערדיגע יסודות וואָס דער רבי זי"ע האָט גע'חזר'ט מיט אונז אין יענע יאָרן בהלו נרו על ראשינו, וואָס איז אַ גרינגער לימוד און איז שוה לכל נפש.

לא ימושו מפיך ומפי זרעך!

## בית המדרש ראַדאַשיץ בשכונת חברון-ראַוונע ווערט איינגעפּעדעמט מיט מנינים שחרית מנחה מעריב אַלס אַ צענטראַלער לייכטורעם פאר דער גאַנצער אומגעגנט

אין אַ פריידיגע "הרחבת גבולי הקדושה" אַנטוויקלונג איז די וואך אויפגענומען געוואָרן די געוואַלדיגע פּאָרשריט אין בית הגדול לתורה ולתפלה, בית המדרש המפואר תורת ישכר בער ראַדאַשיץ, וואָס באַלייכט די גאַנצע "חברון ראָוונע" אומגעגנט, אַז אָנגעהויבן פון קומענדיגע וואָך זינטאג פרשת כי תבא הבעל"ט וועט זיך בעזו"ה זיך עפענען לרווחה די שערי בית המדרש ומקוה אויך אין די ימי החול, אויף אַ הערליכן פאַרנעם מיט מנינים שחרית מדי יום ביומו.

שוין לאַנג וואָס די מתפללים און תושבים קוקן אַרויס צו האָבן א אייגענע צענטער פאר תורה ותפלה במשך כל שעות היום, און ברוך ה' אַז אַצינד איז מען זוכה דאָס צו מיטלעבן, וויאַזוי דאָס פּראַכטפולע בית המדרש ראַדאַשיץ וואָס ס'איז עומד לתלפיות מיט אַזאַ הרחבת הדעת ווערט פאַקטיש פאַרוואַנדלט ווערן אַלס דער תל תלפיות פון דער גאַנצער געגנט, און אַלס נאָך אַ פנת יקרת אין דער הייליגער שטאט קרית יואל רבתי לשם ולתפארת




## מוקירי החינוך הטהור ביי יערליכע מסיבה לטובת ת"ת אור המאיר אין בית שמש

קרית יואל. – פילע תושבי העיר מוקירי החינוך הטהור האָבן זיך באַטייליגט ביי דער יערליכער מסיבה לטובת תלמוד תורה "אור המאיר" אין בית שמש, וואָס איז פאָרגעקומען היינטיגן דינסטאג פרשת כי-תצא אין שטוב פון הרבני הנכבד מוה"ר ישראל ארי' גאלדבערגער ע"ה, וואס איז אפגעראכטן געווארן דורך זיינע קינדער לע"נ.

די תלמוד תורה אור המאיר וואָס ווערט גערופן לשמו ולזכרו פון הגה"צ רבי מאיר לאנדא ז"ל אב"ד דראָהביטש אַנטווערפּען, איז נתייסד געוואָרן בפקודת קדשם פון כ"ק גאב"ד ירושלים זצוק"ל און די גאונים הצדיקים חברי הבד"ץ עדה החרדית שליט"א, וועלכע האָבן געהערט דאָס געשריי פון די חשוב'ע אינגעלייט וועלכע האָבן זיך געצויגן קיין בית שמש, וואו אַלע מוסדות זענען געווען איבערגעפולט, נישט קענענדיג נאָכקומען דעם גרויסן פאַרלאַנג פון פילע איינוואוינער, וואָס האָבן נישט געהאַט וואו צו שיקן זייערע קינדער.

אַ גרופּע עסקנים האָבן זיך אַריינגעוואָרפן לעשות רצון צדיק, און האָבן אַהערגעשטעלט אַ הערליכע מבצר התורה, וואו די ילדי התשב"ר ווערן נתחנך אויפ'ן אויסגעטראָטענעם וועג שקבלנו מדור דור, און אַלעס על טהרת הקודש, אָן קיין שום הנאה פון פרעמדע מקורות.

דער פינאַנציעלער צושטאַנד פון די מוסדות איז זייער שווער, די עסקנים זענען איבערגעשטרענגט העכער זייערע כוחות, און זיי זענען דעריבער אַרויסגעקומען קלאַפּן אויף פתחי נדיבים, זיי בעטן דרינגענדע הילף.

דעם היינטיגן דינסטאג נאַכט איז פאָרגעקומען געוואָרן די יערליכע מסיבה אין קרית יואל להצלת המוסד, אין שטוב פון הרבני הנכבד מוה"ר ישראל ארי' גאלדבערגער ע"ה, און אַ גרויסער ציבור האָט דערביי אַנטיילגענומען מיט שיינע סכומים.

במשך די פאָלגענדע טעג וועלן אָנגיין די אַפּיעלס אין די בתי מדרשים וואו אַ גרויסער ציבור שלומי אמוני ישראל שומרי משמרת הקודש, וועלן האָבן די געלעגנהייט צו נעמען אַ חלק אין די הצלה פונעם חינוך הטהור אין ארה"ק.

## ביהמ"ד המפואר בנין בראך



הערליכער שטיינער אין די נייע מקוה מפוארה




פלאמבינג איינגעריכטעט צו די פולסטע באקוועמליכקייט

# א בליק אויף די נייעס

## אין קרית יואל רבתי

## יערליכע מסיבה לטובת ביהמ"ד ומקוה עטרת יהושע ד'נאַסאָד

קרית יואל. – אַ גרויסער ציבור האט זיך באטייליגט פארלאפענעם דינסטאג ביי די יערליכע מסיבה לטובת דעם באַרימטן ביהמ"ד ומקוה עטרת יהושע דנאַסאָד, וועלכע איז נתייסד געוואָרן על שם מרן הגה"ק רמ"א פריינד זצוק"ל גאב"ד ירושלים בעמח"ס עטרת יהושע און ווערט געפירט פון תלמידו הרה"ג אברהם כהן שליט"א.

דער נאַסוידער ביהמ"ד איז פון די שיינע בתי מדרשים דאָ אין שטאָט און אַ תל תלפיות פאַר די גאַנצע אומגעגנט, וואו עס קומען פאָר די תפילות אויף אַ געהויבענעם פאַרנעם.

בפרט זינט עס איז געבויט געווארן דעם מקוה, פון דעם ביהמ"ד, וועלכע איז געווען דער ערשטער מקוה אין די גאנצע געגענט ארום, קארלין, סאסוב, טעיטש, מעזיבוש, וואו הונדערטער אידן האָבן שוין געוואוינט און ווערט באַנוצט דורך פילצאָליגע תושבי השכונה וועלכע זענען אַלע שטאַרק מכיר טובה פאַרן רב שליט"א, פאַרן צושטעלן דעם שיינעם מקום לתורה ותפלה.

אינעם ביהמ"ד עטרת יהושע שפירט זיך דער גייסט פון ירושלימער רב זי"ע, יעדע וואָך ביי שלש סעודות ווערט פאָרגעלערנט דער ספה"ק עטרת יהושע חידו"ת פון ירושלימער רב זי"ע, און מען לערנט ברבים זיינע תורה'ס, פון וואָס דער ציבור מתפללים שעפן כסדר חיזוק והתחזקות להתעלות בדברי השי"ת. דער רב, רבי אברהם שליט"א, איז אַ תלמיד מובהק פון הגה"ק רבי משה ארי' פריינד גאב"ד ירושלים עיה"ק בעל עטרת יהושע, און איז כל ימיו געווען מקושר צו זיין גרויסן רבי'ן זצ"ל.

די יערליכע מסיבה איז פאָרגעקומען בהיכל הביהמ"ד אויף קאַרלין בלווד, פארגאנגענעם דינסטאָג  אין טאג פון די יומא הילולא פון מרן הגה"ק מנאַסאד זי"ע, וואו א גרויס ציבור תושבי העיר זענען געקומען מחזק זיין דעם מקום תורה ותפילה.

עס איז זיכער אַז זכותם פון הייליגן נאסוידער רב זי"ע און פון נכדו מרן הגאב"ד זצ"ל וואָס דאָס ביהמ"ד איז נקראת על שמם – עטרת יהושע נאַסאָד – וועט מגין זיין פאַר די אַלע אידן וואָס שטיצן דעם ביהמ"ד כדי עס זאָל קענען אָנגיין ווייטער להגדיל תורה ולהאדירה.

## אינהאַלטסרייכע חינוך אָוונט דורך ת"ת "באר מים חיים" פאר חשוב'ע מאַמעס






אַ העכסט איינדרוקספולע פאַרזאַמלונג איז דעם מיטוואָך ראה אָפּגעהאַלטן געוואָרן אינאיינעם מיט די געטרייע מאַמעס פון דער הייליגער תלמוד תורה "באר מים חיים", וואָס האָט געדינט דעם הערליכן ציל אַז די מאַמעס זאלן אליינס מיטהאַלטן און כאַפּן אַ בליק פון דער נאָנט אויף די געטרייע פלעגונג און חינוך וואָס זייערע ליכטיגע קינדערלעך ערהאַלטן צווישן די ווענט פון דעם מוסד.

צו דער באַשטימטער צייט האָבן זיך פאַרזאַמלט די געטרייע מאַמעס, ווען עס האָט אָפּגעוואַרט אַ מצוה צעטל וואָס די איבערגעגעבענע מלמדים האָבן געשריבן צו די עלטערן אויף יעדעס קינד באַזונדער. זייענדיג אַ קלענערע ת"ת וואו יעדער תלמיד ווערט באגלייט פונדערנאנט מיט אן עינא פקיחא און ווארימע געטריישאפט, מיט אחריות און צוגעלאָזנקייט.

מיט אַ גאָר תוכנ'פולע דרשה האָט אויפגעטרעטן די געשעצטע מרת ראטטענבערג תחי', לאַנגיעריגע מחנכת און פרינציפּל, וואָס האָט אַרומגערעדט איבער די פּרינציפּ פון "חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסיר ממנו", אַז יעדעס קינד איז א וועלט פאר זיך, און די צוגאַנג צו יעדעס קינד דאַרף זיין צוגעפּאַסט לויט זיינע פעאיגקייטן און כשרונות, וואָס דאָס איז טאַקע די הערליכע מעלה פון דעם הייליגן ת"ת, וואו יעדעס קינד האָט די פולסטע מעגליכקייט צו אויסשטייגן צום שענסטן, על פי דרכו!

דאַן האָט מען געהערט אַן געפילישע גרוס פון אַ חשוב'ע מאַמע, וואָס איז געווען צוגאַסט דאָהי' אין קרית יואל אויף די זומער וואָכן, און האָט געשיקט איר זון לערנען אין דער תלמוד תורה במשך דעם זומער. די מאַמע האָט געשילדערט מיט פאַרבן די באַשיינפערליכע חילוק וואָס עס זעהט זיך אָן אויף דאָס קינד, בלויז פון די עטליכע וואָכן וואָס ער האָט געטרונקן פון דעם "באר מים חיים". דאָס קינד האָט איינפאַך אויפגעלעבט און איז געוואָרן אַן אַנדערע מענטש פון די געטרייע פערזענליכע פלעגונג וואָס ער האָט באַקומען אין דער ת"ת, אַזש אַז ס'איז פשוט שווער צוריקצופאָרן אין שטאָט צו זיין געווענליכע חדר...

עס איז אויפגעשפּילט געוואָרן אַ הערליכע פּרעזענטאַציע,



2 פון די שפאגל נייע אמבולאנסן פון חברה הצלה קרית יואל רבתי




2 פון די שפאגל נייע אמבולאנסן פון חברה הצלה קרית יואל רבתי

# א בליק אויף די נייעס

## אין קרית יואל רבתי

וואו די עלטערן האָבן באַקומען די געלעגנהייט צו מיטהאַלטן אַ לעבעדיגע בליק אין חדר, און דערביי שעפּן הויפּענעס נחת פון דעם טאָג טעגליכן סדר היום וואו די קינדער שיינען און בליען ב"ה מיט אַזאַ הצלחה און סייעתא דשמיא.

דורכאויס די גאַנצע פאַרזאַמלונג איז געווען פריידיג זיך צו אומקוקן וויאַזוי אַז אלע צאן קדשים וועלכע לערנען בין כותלי הת"ת זענען פון ערליכע, איידעלע און געהויבענע שטובער, מסלתה ומשמנה פון דער שטאָט, וואו פארצייטישע ארגינעלע אידישקייט איז א לעבעדיגע זאך אין טאג טעגליכן לעבן.

ס'איז דערביי אויך אויסגעשמועסט געוואָרן די פּאָזיטיווע פּלענער אויפ'ן קומענדיגן יאָר, ווען מען גרייט זיך בעז"ה צוצולייגן אַ כתה ב', מיט אַ גאָר חשוב'ער און געטרייער מלמד מומחה, און דאָס זעלבע וועלן אַלע אַנדערע קלאַסן אין דער ת"ת אויפגעהויבן ווערן מיט נאָך פילע חידושים און מעלות רמות, פאר די תועלת און רוחניות'דיגע וואוקס פון די טייערע קינדערלעך בליעה"ר.




עירוב אויסגעברייטערט ארום נייע צענטראלן ביהמ"ד אין שכונת ויואל משה דקיט"ל




או. ענד אר. פאררעכטיגונג ארבעט ביים ביהמ"ד הגדול 12



בנין ביהמ"ד החדש 'שערי חיים' אויף סקאנימאנק ווערט פרעכטיג ערגענצט מיט היכל, מקוה, חדרי תפלה, להרחיב גבולי תורה וטהרה בקרב העיר

**Tzedukas Huir**
**15 Van Buren Dr. #013**
**Monroe, NY 10950**

**צדקת העיר קרית יואל**
קופת החסד למען נצרכי העיר
קרית יואל והגלילות

צדקת העיר
הקופה למען נצרכי קרית יואל והגלילות

**845.751.0233** | **tzedukashuirkj@gmail.com**


ב ע ז ה ש י " ת

# מודעה משמחת

מיר ווילן מודיע זיין אז מיר וועלן בע"ה ארויסשיקן פאר אלע חשוב'ע נויטבאדערפיגע

# דיסקאונט קארטלעך | 50%

אין די **גראסערי** געשעפטן

מיט וואס איר וועט קענען איינקויפן לכבוד די ימים טובים הבעל"ט

ווער עס וויל א דיסקאונט קארטל אדער ווען איינער ווייסט פון א קרוב / שכן / חבר וואס קען עס נוצן זאל ווי פריער אריינרופן אין "צדקת העיר" אפיס

## 845.751.0233 #7

## ביז מיטוואך כי תבוא ביינאכט

(איר קענט רופן 24 שעה און לאזן א קלארע מעסעדזש די נאמען אדרעס און טעל. נאמבער)

### בברכת כתיבה וחתימה טובה

הנהלת **צדקת העיר** קרית יואל והגלילות

נ.ב. די קארטלעך וועלן אנקומען אויפ'ן פאסט בע"ה דורכאויס די וואך פון סליחות הבעל"ט

בעז"ה

# הִנֵּה יוֹם הַדִּין!

## אַ פַּחד, אַ ציטער

דער גאַנצער יאָר, מיין משפחה, מיינע קינדער, אלעס שטייט אויפ'ן וואָגשאָל

איך מאך יעצט מ'ין פעסטע החלטה!

איך פארמאג נישט קיין סמארטפאון!

אין דעם זכות וועט איך זוכה זיין צו

בְּרָכָה וְשָׁלוֹם, וּפַרְנָסָה טוֹבָה, וּגְזֵרוֹת טוֹבוֹת, יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת!

מחניך קדוש

לחיזוק וביצור חומת הקדושה בקרב מחנינו

להישמר מפגעי הטעכנאלאגיע

עפ"י פקודת קדשו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

דקהל יטב לב ד'סאטמאר

מפעל מחניך קדוש דקהל יטב לב ד'סאטמאר

לחיזוק וביצור חומת הקדושה בקרב מחנינו להישמר מפגעי הטעכנאלאגיע

טעל: 347-974-1121

# דברים כדרבונות מאת הגה"צ אבדק"ק טשאטה שליט"א

דער מדרש שרייט דאך געוואלד, דער מדרש שרייט ראה ה' את עני כי הגדיל אויב, מזעהט כי הגדיל אויב, מהערט זאכן וואס די האר פון קאפ שטעלט זיך, וואס מנהיגי העדה, כלומרשט פירן זיי אן עדה, קענען רעדן דיבורים, מינות וכפירה, קענען משפיע זיין רח"ל, מהאט שוין גערעדט דערפון, אבער איך בין מחיוב צו זאגן, דער אמת'ן איז, די חיוב מחאה איז נישט אויף זיי, צו זאגן דיבורים אז די גאולה שלימה און קיבוץ גליות דאס וועט זיין בדרך הטבע, די קיבוץ גליות וועט זיין דורך די גוים, די שלוחים פון הערצל ימ"ש, זיי וועלן זיין קיבוץ גליות, חס וחלילה להזכיר אפילו אזעלכע ווערטער, זיי האבן מצליח געווען.

ווען די רבי האט געשריגן אינמיטן די נשא תורה, צו זאגן אז די פריערדיגע צדיקים האבן א טעות געהאט, און די רשעים די פוקרים האבן מצליח געווען, ער האט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און געשריגן אזעלכע קולות, היעלה על הדעת צו הערן אזעלכע דיבורים, ממש כפירה בה', מאיז כופר אין דברי חכמינו ז"ל.

**זיי גלייבן נישט אין קיין נביאים, זיי גלייבן נישט אין דברי חכמינו ז"ל, ווי קען מען זאגן אז ס'איז דרך הטבע, דער רבי שרייבט אז די כפירה ומינות דאס האלט אויף די גאולה שלימה**, אונז זעמיר מאמינים אז די פסוקים זענען קיימא וקאי, **נישט קיין פליגערס וועט זיין נפוצות ישראל**, דער אויבערשטער זאגט איך וועל צוזאמנעמען, ונשא נס לגוים, סוועט זיין א נס, אויף דעם זאגט מען יעדן טאג ביי שמונה עשרה, דריי מאל א טאג, תקע בשופר גדול לחירותנו, ושא "נס" לקבץ גליותנו, קען מען קומען, כופרים ופוקרים און משכילים, און זאגן אז ס'וועט קומען בדרך הטבע, קעגן די פסוקי התורה, ס'שטייט אין די פסוקים (מיכה ז), כימי צאתך ממצרים אראנו נפלאות, איך וועל ענק ווייזן ווינדערליכע זאכן, **קומען די כופרים, און קענען אריינלייגן אין דעם "טבע".**

מורה ורבותי עס איז איום ונורא, ווי קען דאס זיין, ווי קען מען זיך דערקייקלען אויף אזא מצב, אבער סאיז ידוע אז די רבי ז"ל האט געזאגט, מיין שווער האט מיר דאס געזאגט, אז ער האט געהערט פון ר' ישכר דוב, פון הייליגן בעלזא רב זי"ע, אז סאיז געווען אין קראקא, איז געווען א טיאטער, סאיז געווען א בילד פון הערצל ימ"ש, די מזרחי האט זיך זייער געשעמט, ווייל סאיז געווען א בילד אן א קאפל, האבן זיי געפועלט אז מזאל ארויפלייגן א קאפל אויף דעם בילד, האט בעלזא רב ז"ל געזאגט פארן רבין, זיי האבן געפועלט מזאל אנטון א קאפל, די אגודה איז נישט צופרידן מיטן קאפל, האבן זיי ארויף געלייגט א שטריימל, אויף הערצל ימ"ש, קען מען צולייגן, **אז בעלזא האט ארויפגעלייגט א גארטל, ארויפגעלייגט א גארטל אויף הערצל ימ"ש, מהאט אים אנגעטוהען א בעלזער גארטל**, די אלע כופרים, די אלע מינים, איום ונורא צו הערן אזעלכע דיבורים, סאיז דאך א פחד, און אמת'ן אריין ווי קען מען אפילו זאגן אזא מציאות אז אלע צדיקים האבן א טעות געהאט.

די אמת'ן ס'איז געווען אן ארטיקל מיט א ניין יאר צוריק, איך האב דאס געזען, פון אן אלטן כופר, וואס ער האט געזאגט אז הערצל ימ"ש האט מצליח געווען, להבדיל אלף אלפי הבדלות קעגן די הייליגע חתם סופר, דאס זאגט מען אין בעלזא, אז די פריערדיגע, די אלע צדיקים האבן א טעות געהאט, סאיז דאך איום ונורא, נאר וואס דען, ווי קומט מען צו צו דעם, די יסוד הדבר איז, שטייט, אויף איכה איז דא פון ברוך טעם אין מרגניתא דרב, איז דא א שטיקל, ער איז מדייק פון א לשון הרמב"ם אזוי, כזאג עס נאך דעם לשון, דברמב"ם הנ"ל מביא תוך הדברים המביאים ביטול הבחירה, ס'איז דא אזא זאך ווי ביטול הבחירה, את הפסוק (ד"ה ב לו טז) ויהיו מלעיבים במלאכי האלקים ובוזים דבריו וגו', מ'איז מבזה די פריערדיגע, ומתעתעים בנביאיו עד עלות חמת ה' בעמו, פירט אויס די פסוק עד לאין מרפה, אויף דעם איז נישטא קיין רפואה, האט אפגעלערנט די ברוך טעם אין דעם רמב"ם, אז איינער וואס ער לאכט, **מיט פערציג יאר צוריק האט ער אפגעלאכט פון די חתם סופר ותלמידיו, ער האט אפגעלאכט פונעם רבי'ן**, וואס איז געשען נאכדעם, אז די פסוק זאגט אז ס'איז נישטא קיין תשובה, פירט ער אויס די ברוך טעם, וכן עינינו רואות בחוש, איך האב עס געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, שהמתחיל לזלזל בדברי חכמים, ווער ס'הייבט אן מזלזל זיין אין דברי חכמים, סופו להיות כופר בכל, ווערט ער א כופר בכל התורה כולה, א לשון פונעם ברוך טעם, כהאב עס אליינס געזען מיט מיינע אויגן, דאס איז די עונש, די הכבדת הלב, ולא ישיב אז ער זאל נישט קענען תשובה טון, און דאס איז געשען.

**מ'האט געלאכט פון כח הפועל בהנפעל, ס'איז געווארן א ליצי לציונות, מהאט געלאכט פונעם דרך התם סופר, מהאט געלאכט פונעם הייליגן רבי'נס דיבורים, ווי איז מען אנגעקומען, זיי זענען געווארן ממש א חלק אין כפירה אין ניאוץ בה' יתברך, נאר וואס דען אונז דארף מיר נישט מוחה זיין אויף זיי אונז זענען אחראי פאר אונז.**

כוועל צוויי נקודות אויסשמועסן, ס'דא אין הפלא"ה אין פנים יפות, איז דא א מורא'דיגע דרשה קעגן די משכילים, די נקודה פון הפלאה איז, אין קורצן, זאגט די הפלאה, אז משה רבינו האט געזאגט ביי קרח, אם כמות כל האדם ימותון לא ה' שלחני ואם בריאה יברא וגו' ה' שלחני, וואס הייסט לא ה' שלחני, זאגט די גמרא אין נדרים, אם כמות כל האדם, אז זיי וועלן שטארבן אויפן בעט, און מ'וועט זיי גיין מבקר חולה זיין, לא ה' שלחני, וואספארא שייכות האט איינס מיטן אנדערן, זאגט די הפלא"ה א יסוד גדול, אם כמות כל האדם ימותון מ'גייט זיי מבקר חולה זיין, אז מ'גייט מבקר חולה זיין, שמועסט מען דאך מיט אים, ער הערט דאך דברי ניאוץ, אויב דער אויבערשטער איז נישט מקפיד אז מזאל הערן דברי ניאוץ, לא ה' שלחני, דעמאלטס איז ביטער ווי א גאל, טאמער אבער ואם בריאה יברא, 'שוין', אין איין רגע, נישט הערן זייערע דיבורים, כ'זאל נישט קענען אפילו הערן זייערע דיבורים, דעמאלט ווייס איך ה' שלחני, ער געט א זאג דארטן אז דאס איז דער ענין, פון וכל המינים כרגע יאבדו, וואס עפעס כרגע, 'שוין', כ'וויל נישט הערן פון אים, **אונזער פראבלעם איז, אז מ'הערט זייערע דרשות, אל נא אחי תרעו, סאיז דא בעוונינו הרבים אריין געכאפט, מהערט פון זיי חומש רשי"ס, מהערט שיעורים, פון די אלע וואס זייווארפען אריין גיפט, מינות ווארס אין זייערע דרשות אין זייערע חומש רשי"ס, אין לימוד חומש רש"י איז אריינגעווארפן גיפט, וואס איז סם.**

מורי ורבותי ס'איז נישט קיין שפילעריי, מיין שווער האט מיר אמאל געזאגט, ער האט געהערט פון רבין, אז די רבי האט אמאל געזאגט אינמיטן א שמועס, א איד מיינט ער ליינט א צייטונג, און ער זעהט אמאל א געדאנק, און ער פארטרייבט עס פון מח, ער טראכט ס'איז גארנישט, זאל ער וויסען עס איז נישט קיין שפילעריי, האט ער געגעבן א זאג כהאי לישנא, **עס קען זיין זיבעציג יאר האט ער נישט געטראכט פון די געדאנק, אבער ווען ער האלט פארן אוועק גיין פון דער וועלט, קומט די בעל דבר ער רוקט אים אריין דאס געדאנק, אין ער שטארבט ווי אן אפיקורס, א רעיון וואס מהאט געהערט פאר זיבעציג יאר, מקען הערן זאכן פון פארלערנערס, אן אור החמה, איינער איז מיר געקומען ווייזן, ס'איז ליגענט, סאיז שקר, אז ס'וועט זיין בדרך הטבע, זיי גלייבן נישט אין קיין פסוקים, ס'גייט אריין אין מח, אפילו ער פארטרייבט עס, אבער ווער ווייסט אז אין די לעצטע מינוטן וועט ער נישט שטארבן ווי אן אפיקורס, דער אויבערשטער זאל אפהיטן.**

# דברים כדרבונות מאת הגה"צ רבי ברוך נתן הלבערשטאם שליט"א

אב"ד קהלתינו הק' לאנדאן • של"ס פ' פינחס תשפ"ב לפ"ק - בביהמ"ד הגדול ד'קהל יטב לב סאטמאר לאנדאן יצ"ו

## על דברי המינות וכפירה שנאמרו ברבים רח"ל

דרייט זיך אין די גאסן דברי מינות וכפירה, מיר האמיר לײדער אויסצושטיין, מיט אפיקורסים פון אומות העולם, מיט אפיקורסים רשעי ישראל, און מיט די 'רבי'ישע אפיקורסים' מיט די ווייסע זאקן.

דער פאלטישאנער רב זצ"ל האט געפרעגט דעם רבי'ן ז"ל אויב עס וועט נאך קומען א נסיון אז עס וועט זיין א רבי א ראש ממשלה, און חסידים מיט ווייסע זאקן וועלן זיין ראש ממשלה? האט דער רבי זי"ע געגעבן א שטארקע קרעכץ, היינט צוטאגס קען מען עס לײדער זעהן, עס איז דא היינט רבי"ס אפיקורסים, שוין מיט פערציג יאר צוריק האט מען איהם ארויסגעשטעלט מחוץ למחנה, היינט צוטאגס גייט עס נאך ווייטער.

זייט שבתי צבי ימ"ש און זייט מנדלסון ימ"ש איז נישט געווען אזא איינער, מען טאר אפילו נישט דערמאנען זיין נאמען אין שבת, נאך ערגער פון מנדלסון שר"י, און נישט אומזינסט האבן אלע פריערדיגע צדיקים זיע"א מיט פערציג יאר צוריק זיך מבדיל געווען פון אים און ארויס קעגן אים.

די אמונה פשוטה אין די גאולה העתידה בניסים ונפלאות ודברי כאב ומחאה

# ע"י כ"ק מרן אבד"ק **יאוואזשנא** שליט"א

פ' מטו"מ תשפ"ב לפ"ק

אזיווי ס'איז ליידער צושפרייט געווארן בעוה"ר דיבורים צווישן אידן שומרי תורה ומצוות, אז מען קען ח"ו מלביש זיין די ענין פון די גאולה שלימה פארבינדן מיטן טבעיות, שפיר איך א שטיקל התחייבות צו זאגן אפאר ווערטער, וויבאלד דאס איז א מורא'דיגע טיפע כפירה השם ישמרנו.

אלע אידישע קינדער זענען נתגדל געווארן אין גאנצן המשך זמן הגלות, אז די גאולה שלימה וועט זיין אסאך גרעסער ווי גאולת מצרים, ס'נישט דא קיין קינד וואס ווייסט נישט פון דעם, ס'שטייט ארויס אין פסוק (ירמי' כ"ג ז') ולא יאמרו עוד חי ה' אשר העלה את בני ישראל מארץ מצרים וגו' כי אם חי ה' אשר העלה וגו' ומכל הארצות.

ביי יציאת מצרים, די ערשטע זאך וואס דער אויבערשטער האט געזאגט איז אני ה', והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי, און וויאזוי איז דאס צוגעגאנגען איז דאך געווען מיט געוואלדיגע נסים ונפלאות, ס'שטייט פארדעם אני ה' און נאכדעם אני ה', זאגט דארט דער רמב"ן און דער אבן עזרא, אז אויסלייזן די אידן האט געמוזט זיין מיט א געוואלדיגע התגלות חוץ לדרך הטבע, ווייל דער גאנצער צורה פון גאולת ישראל איז פארבינדן מיטן זעהן די ליכטיגקייט פונעם אייבערשטן.

**מ'האט אונז מחייב געווען צוויי מאל יעדן טאג, צו זאגן די ניסים פון מכות בכורות, און דאס ווייסן אזוי אלע אידן, אז פלוצלינג אויפאיינמאל אינמיטן די נאכט זענען אלע מצריים געשטארבן, און אזוי ווייטער די געוואלדיגע ניסים פון קריעת ים סוף, ווי דער פסוק זאגט הנסה אלקים לבוא לקחת לו גוי מקרב גוי, במסות באותות ובמוראים גדולים (דברים ד לד), און באלד נאך יציאת מצרים זאגט מען ווייטער, קומה בעזרת ישראל ופדה כנאומך יהודה וישראל, אזיווי אלע אידן האבן פון אייביג אן געוואוסט, אז כימי צאתך ממצרים אראנו נפלאות.**

קומט מען און מען מישט אריין די טבע אין די ענין פון די גאולה שלימה, צו זאגן ח"ו אלקיהם ישן הוא, אז טאקע דעמאלטס איז געווען יציאת מצרים מיט די געוואלדיגע מכות, אבער היינט ח"ו קען עס גיין מיט טאנקן. אזיווי די פושעים די אפיקורסים די ציוניסטן מיט זייער כפירה, מיט זייער געוואלדיגע כפירה אין די גאנצע תורה, אזיווי זיי האבן ליידער געטון. גייט מען אריינמישן די טבע אין די גרויסע גאולה שלימה?...

יעדער חדר אינגל ווייסט אז מען פארציילט יציאת מצרים איז דאס געווען מיט די געוואלדיגע נסים ונפלאות, און מ'ווייסט און מ'איז אויפגעצויגן דורי דורות אז די גאולה שלימה וועט זיין אסאך גרעסער און אסאך העכער, גייט מען אריינמישן די טבע, ווייל מ'וויל זעטיגן די פראסטע געמיט.

ליידער אין זמן פון עקבתא דמשיחא איז דא א הסתר פנים, די שרעקליכע הסתרת פנים, אנכי הסתר אסתיר פני, און די טבעיות העולם די גופניות מיטן טבעיות דאמינירט ליידער אויף אלעמען, טוט מען אפשוואכן דאס לעצטע ביסל אידן, אז מיטן טבעיות קען גיין די גאולה, השם ישמרנו. געוואלד! אויף דעם זאגן אידן יעדן טאג כל בכוריהם הרגת וים סוף להם בקעת, קומה בעזרת ישראל ופדה כנאומך יהודה וישראל...? דאס איז דאך די תמימות, די אמונה פשוטה פון אידן פון אזויפיל יארן, טויזנטער יארן אין גלות,

**וואס וויל מען דא..? אויסלעשן ח"ו דעם תמימות, די געוואלדיגע תמימות וואס אידישע קינדער האבן, אין דעם בבקעך ים סוף עמך ראו יד הגדולה, און מ'בעט תשוש נא עלינו כאשר ששת על אבותינו. קומט מען פארדרייען דעם קאפ פון אידישע קינדער, אריינמישן די טבע, די טאנקען פון מיליטער, מיטן גאנצן טבעיות פון עולם הזה אריינמישן אין דעם אין די גרויסע ענינים. געוואלד! וואס מישט מען דאס אריין...?. ס'איז דאך ב"ה נאך דא דאס ביסל אידן וואס זיי גלייבן בפשטות אין באשעפער, אז ס'איז דא א לעבעדיגער באשעפער וואס די גאנצע וועלט איז ביי איהם כחומר ביד היוצר, ווי דער פסוק זאגט (יחזקאל לז) אני ה' בניתי הנהרסות נטעתי הנשמה אני ד' דברתי ועשיתי.**

וואס וויל מען דא טוישן? דאס איז דאך נאר אויסצולעשן דאס וואס אידן זיצן אויף דער ערד און זיי וויינען אויפן חורבן, אריינברענגן דעם טבעיות מיטן גופניות מיטן גאס, אריינמישן אין די הערצער פון אידן וואס וויינען אויפן גרויסן חורבן און דאס השתוקקות אויף דעם גרויסן התגלות פונעם אויבערשטן וואס אידן ווארטן אויף אזא ליכטיגקייט שוין אזויפיל יארן.

מ'ווייסט נישט וויאזוי די גאולה שלימה וועט זיין? מקען פרעגן יעדעס קליין אידישע טאכטער, ביי אלע אידישע מאמע'ס און באבעס, יעדער ווייסט וואס מיינט משיח, וויאזוי משיח וועט קומען, און וואס פאר א אפענע ליכטיגקייט ס'וועט דעמאלס זיין ביי אידן, אויפאיינמאל האט מען זיך דערמאנט, אראפגעקומען עפעס א נייע מין משוגעת...!

**ס'איז דאך באוואוסט אז די ערשטע מזרחיסטן האבן מיט דעם אנגעהויבן, זיי זענען דעמאלס מיט דעם ארומגעלאפן, און מ'ווייסט דאך ווי שטארק די גדולי ישראל אין אלע ארבע כנפות הארץ ממש, האבן זיי אינגאנצן דערשטיקט. נאר דעמאלטס האבן מיר נאך געהאט גרויסע מענטשן, דער מהרש"ב זי"ע, רבי חיים בריסקער זי"ע און דער בעלזא רב זי"ע, און אזוי אין די גאנצע וועלט אלע גרעסטע גדולים זי"ע האבן זיי אראפגעריסן דעם קאפ, עס שטייט דארט (קונטרס ומעין מבית ד') פון מהרש"ב זי"ע אז זייער גאנצער ענין איז נגד תוקף אמונתם ותקותם של ישראל, דאס איז דאך געווען דער קערנדל פון זייער ענין.**

**דער רבי זי"ע האט דאך אויף דעם אזויפיל צאמגעווינט, אויף דעם גאנצן שורש פון דעם רעיון פון ציוניזם, וואס מיטן געווער וויל מען ח"ו פארגעסן פון דעם קריעת ים סוף, השם ישמרנו, ווי סנחרב און נבוכדנצר האבן געזאגט, אלוקיהם ישן הוא, מ'זוכט נייע עצות פארן אויבערשטן וויאזוי אויסצולייזן אידן השם ישמרנו, מיט דעם געדאנק האבן זיי דאך שוין אויסגע'שמד'ט אזויפיל טויזנטער טויזנטער אידן, ווי דער רבי זי"ע פלעגט זאגן, אז זיי זענען ארומגעפארן מכפר לכפר צו פארשפרייטן זייער כפירה ומינות רח"ל, און אלעס האט זיך אנגעהויבן מיט דעם געדאנק, אז מען מוז עפעס טוהן בדרך הטבע, השם ישמרנו, קומט מען היינט אויסרייסן פון די הערצער פון אידן דעם געוואלדיגן תמימות וואס אידן האבן...!**

דער אויבערשטער זאל העלפן, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן, און ליכטיג מאכן פאר אידן, געבן דעם רעכטן שכל אז מ'זאל זעהן דעם אמת, אונז זאל מיר שוין זוכה זיין איינמאל פאר אלעמאל אויסבעטן די גרויסע ליכטיגע מינוט, ווען עס וועט זיין דער געוואלדיגע התגלות פונעם בורא כל עולמים, און ס'זאל זיין מתוך רחמים וחסדים, בלי שום צרה ועקתא, נישט ברוחניות און נישט בגשמיות.

---

# מהגאון המפורסם רבי מנשה מאיער שליט"א

אב"ד קהל עדת גרינוויל - דזשערסי סיטי • בביהמ"ד בית זאב דוב דקהל עדת גרינוויל יצ"ו

של"ס פ' מטו"מ תשפ"ב לפ"ק

עס איז נתפרסם געווארן פון עפעס א מנהיג פון א געוויסע קהלה, ווי ער זאגט דברי מינות וכפירה אז די גאולה וועט זיך אנפאנגען בדרך הטבע. ער האט זיך פאררופן אויפ'ן אוה"ח הק' אין פרשת בלק אויפ'ן פסוק דרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל, פירוש שיקום שבט אחד מישראל כדרך הקמים בעולם דרך טבע וכו' שיבוא עני ורוכב על חמור וכו'. ער שטעלט זיך אהער כאילו ער האט אנטדעקט אמעריקא .

רבינו הקדוש אין ויואל משה מאמר שלש שבועות סימן ע' איז מסביר בטוב טעם ודעת אז דאס גייט ארויף אויף דעם אופן וויאזוי משיח וועט נתגלה ווערן, אבער בכלל נישט וועגן די גאולה אליין, עיין שם.

איך האב געזעהן א בריוו ווי הגאון המפורסם רבי משה גרין זצ"ל שרייבט אויפ'ן ספר ויואל משה "אשר זה הספר הוא מאיר עינים בכל הנסיונות ופגעי הזמן, והוא מציל את ישראל מלהכשל באיסור העברה על השבועות, ומחזקת את האמונה בביאת המשיח".

# אלו... וְאלו...

ציטאטן • אויסצוגן • אבזערוואציעס • קרישקעלעך אויסשניטן • נאטיצן

מ. גראסמאן

## אייגענארטיגע קאלירפולער ארייַנבליק אינעם הויפן פובליקאציעס וועלכע ערשיינט רעגלמעסיג איבער עיר רבתי קרית יואל




## א גרויסע פארטש אין וומס"ב

א שטיקל צייט צוריק בין איך געווען אין וויליאמסבורג, האט א אינגערמאן מיר געבעטן איך זאל אריבער קומען צו אים אין די דירה. איך קען שוין דעם אינגערמאן אסאך יארן, ער האט געוואוינט פאר דעם אין א קליינע דירה, אזוי ווי מען וואוינט אין וומסב"ג. לעצטנס האט ער זיך אריבער געצויגן אין א גרעסערע דירה, האט ער מיר געבעטן איך זאל אריבער קומען זעהן זיין נייע דירה, בין איך טאקע אריבערגעגאנגען, ער וואוינט נישט ווייט פון די אלטע געגנט פון וומסב"ג, א שיינע גרויסע דירה. זייענדיג דארט אין די דירה בעט ער מיר איך זאל ארויסקומען אויפן 'פארטש', זעה איך אז ער האט זייער א גרויסע פארטש, און איך וואונדער מיר אין וויליאמסבורג אזא גרויסע פארטש, זאגט מיר דער אינגערמאן איך וועל פארציילן די מעשה וואס ליגט אונטער די דירה מיט דעם פארטש.

פארציילט ער אזוי: און די אלטע דירה וואו ער האט געוואוינט - פון די חתונה, איז געווען נאר איין שלאף שטוב מיט א קליינע קאך, ממש גאר קליין, און ב"ה ער האט שוין א פילע שטוב מיט קינדער קע"ה, און ס'איז שוין געווען פארשטייט זיך זייער ענג די דירה, און בפרט ווען ס'איז געקומען די יו"ט סוכות, איז עס געווען נאך שווערער, מ'האט זיך געדארפט ארייַנציען צו די עלטערן יעדן סוכות, כדי צו קענען מקיים זיין מצות סוכה און עס איז געווען זייער א גרויסע אפקומעניש יעדן סוכות.



וואס האט דער אינגערמאן געטוהן? יעדן אויפדערנאכט ווען ער האט געליינט קריאת שמע מיט די קינדער, וואס אלע זענען זיי נאך געווען זייער קליין אונטער די בר מצוה, און נאך קריאת שמע האט די טאטע צוזאמען מיט די קליינע קינדער געזאגט צוזאמען א תפילה צום אייבערשטן אויף אידיש: "הייליגער באשעפער, העלף מיר זאלן טרעפן א גוטע דירה, מיט גוטע שכנים, און א גוטע געגנט, מיט א גוטע סוכה", דאס איז געווען דער נוסח וואס ער האט מתפלל געווען א יעדע נאכט נאך קרי"ש מיט די קליינע קינדערלעך בתמימות, פשוט אויף אידיש, אזוי האבן זיי מתפלל געווען 'צוויי און האלב יאר' ברציפות יעדע נאכט נאך קרי"ש.

ווען איך בין דארט געווען, האב איך געזען די פארטש, ס'איז גרויס 680 סקווער פיס!!! און הארץ פון וויליאמסבורג! נאנט צום געגנט! ס'איז מקויים געווארן 'אלעס' וואס זיי האבן געבעטן, א גוטע דירה, א גוטע געגנט, און א גוטע סוכה!, איין זאך האט ער נאר געקרעכצט אז ס'איז אויף די זיבעטע שטאק... ער דארף ארויפגיין זיבן שטאק אנצוקומען צו די גרויסע דירה און גרויסע סוכה... דאס איז ער אבער אליין שולדיג... ווייל אויף דעם האט ער נישט מתפלל געווען, ס'איז אים נישט אייַנגעפאלן צו בעטן אויף א גוטע שטאק... וואלט ער אויף דעם אויך מתפלל געווען וואלט ער דאס אויך באקומען... דער הייליגער באשעפער קען אים געבן אזא גרויסע פארטש אויך אויפן ערשטן שטאק אין וויליאמסבורג, נאר דאס איז אים נישט אייַנגעפאלן צו בעטן, אבער אלעס וואס ער האט געבעטן בתמימות פשוט אויף אידיש מיט א ריין הארץ פון קליינע קינדערלעך האט ער אלעס באקומען.

(קרית יואל וואכנשריפט - חודש אלול כח התפלה, פון הרה"ג שלמה יונגער שליט"א דומ"ץ טאהש ורב מפעל בנין עדי עד דקיט"ל)

## מיטינג קיינמאל פארגעקומען

איך האב געארבעט א געוויסע תקופה אין א מוסד פון קינדער מיט ספעציעלע געברויכן.

אין ראם פון דער ארבעט איז מיר אפט אויסגעקומען צו דארפן זיצן מיט טעראפיסטן איבער ווי אזוי צו באהאנדלען געוויסע פון די הייליגע קינדער.

איין טאג האט מען מיר געמאלדן אז נאכמיטאג דארף איך האבן א זיצונג מיט א געוויסער טעראפיסט איבערצושמועסן א קעיס. די טעראפיסט איז געווען א פרוי, איך בין שוין געזעסן מיט איר אינעם עבר, און איך האב געשפירט אז ס'איז נישט אויסגעהאלטן איך זאל זיצן מיט איר.

למעשה איז דאס געווען א חלק פון מיין ארבעט און איך האב נישט געקענט סתם אזוי זאגן אז איך וויל נישט גיין צו דער מיטינג. מצד שני האב איך אבער געוואוסט אז ס'טויג נישט, און איך בין געווען אין א גרויסער פארלעגנהייט וואס צו טון.

אביסל פאר די זיצונג האט געדארפט פארקומען האב איך געדאווענט מנחה, און איך האב אויסגעניצט די געלעגנהייט מתפלל צו זיין צום אויבערשטן אויף מאמע-לשון. "רבש"ע, דו ביסט דאך א כל יכול.

איך ווייס נישט ווי אזוי זיך ארויסצוזען פון דעם פלאנטער, אבער דו דארפסט נישט צוקומען צו מיינע עצות. איך בעט דיר, העלף מיר איך זאל נישט דארפן זיצן ביי דער מיטינג אינאיינעם מיט דער טעראפיסט.״

ווי נאר איך ענדיג מנחה קומט צו מיר צו איינער פון די מענעדזשערס, און זאגט מיר אז צום באדויערן האט זיך געמאכט א טעכנישע פראבלעם און די טעראפיסט וועט נישט קענען אנקומען צו דער מיטינג, דעריבער ווערט עס אפגעשטופט דערווייל.

זינט דעמאלט זענען שוין דורך עטליכע יאר, אבער די מיטינג איז קיינמאל נישט צושטאנד געקומען. און פון יענעם טאג איז מיר מער נישט אויסגעקומען צו דארפן זיצן מיט איר.

איך האב געזען בחוש ווי דער אויבערשטער האט אויסגעהערט מיין תפילה, ווי ס'שטייט אין די ספרים הק' אז ווען א איד בעט עפעס פאר'ן אויבערשטנ'ס וועגן ווערט די תפילה אלעמאל געענטפערט.

**(מאמר התחזקות (שמירת עינים) דערציילט דורך הרה"ח ר' בערל אקער שליט"א פון קרית יואל)**

## נייע ביהמ"ד דקיט"ל אין שכונת ויואל משה



מיט פרייד קוקן זיך תושבי שכונת ויואל משה צו ווי עס בויעט זיך א פרישער ווינקל לתורה ותפלה אינעם נייעם שכונת ויואל משה. דער נייער צייטווייליגער ביהמ"ד ווערט אויפגעשטעלט אויפן מאגלעניץ גאס, אויפן שטח וואס איז אוועקגעשאנקען געווארן בנדבת לבו הטוב פונעם חשובן דעוועלאפער צו קענען בויען דארט דעם בית המדרש.

א קבוצה עסקנים האבן זיך צוזאמגענומען מיטן ציהל אויפצושטעלן דעם ביהמ"ד צוצושטעלן א פרישן ווינקל פאר א חשובע קבוצה תושבי השכונה צו דאווענען.

דער בית המדרש איז געבויעט געווארן אויף א דויערהאפטיגע פארנעם צו קענען דינען פאר לענגערע יארן ביז די גרעסערע בתי מדרשים אין די שכונה וועלן זיין גרייט צו ערזעצן די צייטווייליגע. דעם פארלאפענעם וואך איז געווען אן אסיפה וואו עס האבן זיך צוזאמגענומען א ציבור תושבי השכונה, און געהערט די פלענער און די קאסטן אין וואס דאס ציהט אריין, און אינאיינעם זיך איינגעשפאנט ארויסצוהעלפן אז דער ביהמ"ד זאל קענען געעפנט ווערן וואס שנעלער.

**(קרית יואל היימשטאַט - באריכט איבער ביהמ"ד החדש דקיט"ל אין שכונת ויואל משה)**

## עלעקטעראנישע שאוערס

אין די לעצטע וואכן האבן עטליכע מעורר געווען אז צוליב די מאנגל אין וואסער דא אין קרית יואל, איז אפשר וואלט געווען כדאי צו איינשטעלן א סיסטעם אין די מקוואות פון די בתי מדרשים, אז ס'זאל נישט רינען קיין וואסער אגאנצן צייט. און מאנכע האבן גע'טענה'ט אז די עצה איז נישט גוט ווייל ס'ווערט קאלט די וואסער יעדע מאל וואס ס'לעשט זיך אויס.

האב איך געטראכט א פשוטע עצה וואס קען זיין זייער גוט, צו איינשטעלן אז די שאוערס זאל ארבעטן עלעקטעראניש, מיט אן אויגעלע (EYE), אז יעדע מאל ווען איינער גייט אריין אין שאוער צינדט זיך דאס אליינס אן, און גלייך ווען דער מענטש גייט ארויס פונעם שאוער לעשט זיך דאס אויס. אזוי דארף מען נישט כסדר אריינדרוקן קנעפלעך. און דאס קען מען אנשטעלן אויף א נארמאלע גראד, און אויב איינער וויל ס'זאל זיין מער הייס וכדו' קען זיין א וועג וויאזוי צו מאכן הייסער. מיט די היינטיגע טעכנאלאגיע קען מען זיך גרינג אן עצה געבן.

**(יעזורו - חזק)**

## פרישע ביהמ"ד פאר תושבי שכונת חברון ראוונע

גייענדיג צום דרוק קומט אריין די פריידיגע באַריכטן איבער דעם פרישער הרחבת גבולי הקדושה אין די שטאָט, מיטן באַשטעטיגן די פלענער פון די נייע פראַכטפולע געביידע וואָס וועט אי"ה אויפגעבויט



ווערן אין די געגענט פון חברון און ראוונע, מיט אַלע צוגעהערן פאר די תושבי השכונה וואָס וועלן בעזהשי"ת געניסן פון דעם הרחבת דעת וואָס דער נייער בנין וועט אי"ה צושטעלן פאר די תושבים.

לויט די ערשטע פלענער וועט אי"ה אויפגעשטעלט ווערן א בנין מפואר פון זעקס שטאָק הויך, וואו עס וועט אי"ה ווערן איינגעשטעלט אַלע איינריכטונגען פאר א צענטראַלער ביהמ"ד פאר די תושבים פון די גאַנצע אומגעגענט, א שיין גרויסער צענטראַלער ביהמ"ד, עטליכע חדרי תפלה, א היכל התורה, א נייע פראַכטפולע מהודר'דיגע מקוה, א חדר הוראה און אַזוי אַלע אַנדערע צוגעהערן וואָס פעלט זיך אויס פאַר'ן געברויך פון די תושבים, צו קענען דאַווענען און לערנען מיט החרבת הדעת און מנוחת הנפש.

עטליכע שטאָקן פון די געביידע וועט זיין ספעציעל צוגעשטעלט אַלס אכסניא של תורה פאר איינס פון די ישיבות קטנות פון מוסדותינו הק', וועלכע וועלן דארט פלאַצירט ווערן, צו קענען אָנגיין בעבודת הקודש מיט הרחבת, צוגעשטעלט מיט אַלעם נויטיג, א ביהמ"ד, עס-זאַל, פארלערנען-צימערן און נאך.

די פלענער פון די נייע געביידע ווערן אצינד אויסגעאַרבעט דורך די חברי ועד קרן הבנין פון קהלתינו ומוסדותינו הק', און אָנץ בקרוב וועט מען אי"ה אנהייבן בויען די געביידע מיט א הייסע תפלה, אַז בורא עולם בקנין השלם זה הבנין.

**(קרית יואל זשורנאל)**

## תקנות גדולות שנו

מען דארף זיין געווארנט צו הערן דרשות וכדומה, בלויז פון איינעם וואס האט א אויסגעהאלטענע ערליכע השקפה.

א אידישע טאכטער זאל פרובירן ווי ווייט מעגליך בכלל נישט צו איינקויפן אנליין, צוליב וואס דאס איז פארבינדן מיט שטארקע מכשולות. אויך ברענגט דאס צו ווערן אדיקטעד און צוגעבינדן דערצו, און דאס טוישט אינגאנצן די מהות פון א ערליכע אידישע מאמע/פרוי.

**(קונטרס 'יסודות הדת' דקיט"ל 12)**

## היימישע ארנטליכע ארבעטער

לכבוד די ליינער'ס ווינקל

איך וויל רעאגירן צו דער וועלכער שרייבט אז זי זוכט א ביליגער, ארנטליכע, גוי'אישע קאנטראקטער: פון מיין אייגענער ערפארונג, ווי ארנטליך א גוי זאל נאר נישט זיין, לוינט זיך נישט צו האנדלען מיט זיי, נאך דערצו ווען זיי זענען ביליג, ד. מ. אז זיי האבן נאכנישט צופיל ערפארונג, ווייל אין דער מינוט וואס זיי האבן עפעס ערפארונג גייען זיי פונקט אזוי ארויף מיט די פרייזן.

עס זענען דא היינט צוטאגס גענוג און נאך ביליגע אידישע קאנטראקטארס, אידן וואס אפילו האבן זיי האבן נישט קיין ערפארונג, אבער זיי האבן כאטש אין זיך אביסל מענטשליכקייט און זענען ארנטליך. די ווערטער אן ארנטליכער גוי'אישער ביליגער קאנטראקטאר, שטימען פשוט נישט. ענדערש זוכט אויף א איד וואס איז אנהויב אין דער ליין, און אפילו ער וועט נישט מאכן א ספעציעלער שיינער דזשאב און ער וועט בעטן אביסל ביליג, אבער כאטש האט מען נישט אנגעהויבן מיט א גוי וועלכער מאכט קאפ ווייי, און נארט נאכדעם אויס מיט די פרייזן, נאר מען האט זיך אראפגעזעצט מיט א איד מיט וועמען מען קען זיך אויסקומען נארמאל, דאס איז אויסער די מצוה פון שטיצן א איד.

**(פאמיליע - ליינערס ווינקל)**

לבנותו
בניני חדשים ומפוארים
עיר על תילה
קרן הבנין קהל יטב לב סאטמאר בלומינגראון קרית יואל

## גאלאפירנדע פארשריט ביי די בוי ארבעט ביי

# בית המדרש - דועלק עוו.



הרבני הנגיד בונה ומקים ר' אברהם בער יאקאבאוויטש הי"ו סגן ראה"ק דקהלתינו אין וויליאמסבורג אינאיינעם מיט די חברי הועד ביים שטח הבנין החדש



ערשטע שטאק פונעם בנין געפרעימט, ליפערונג פון בוי מאטריאל פאר'ן צווייטן שטאק גרייט ארויפצוציען דעם בנין לשמחת לב אנשי שלומינו

והראנו בבנינו ושמחנו בתיקונו:

## א בליק אויפ'ן שטח הבני' אינטערשטער שטאק שטיבער אויסגעפרעימט גרייט ארויפצוציען דעם שטאק פונעם גרויסן היכל ביהמ"ד







עד אמצא מקום לה' משכנות לאביר יעקב

# מאדיולער בנין צוגעשטעלט אויף צייטווייליג מיטן פולסטן פראכט, ביז עס וועט געענדיגט ווערן דער נייער גרויסער ביהמ"ד אויף מעריוואלד סאוט






טייל פון די גרויסע פארקינג שטח פארנט פונעם בנין



מאדיולער בנין ווערט געזעהן הארט נעבן דעם שטח הבני' פונעם נייעם ביהמ"ד

לבנותו
בניני חדשים ומפוארים
עיר על תילה
קרן הבנין קהל יטב לב סאטמאר בלומינגראון קרית יואל

## גאלאפירנדע פארשריט ביי די בוי ארבעט ביי

# ביהמ"ד הגדול מעריווואלד

**דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג פרשת שופטים העעל"ט איז געגאסן געווארן די פונדאמענט, די וועגט פונעם מלכות'דיגן בנין האדיר דקהל יטב לב שכונת בלומינגראוו - קרית יואל אויף די מעריוואלד גאס**











דער מעכטיגער יסוד פונעם ריזיגן בנין, נעמט ארייין די ווענט פונעם בעיסמענט וואס וועט ענהאלטן די גרויסע פראכטפולע היכל התורה און די מקוואות אלעס מיט א לופטיגע הויכע דאך לשם ולתפארת

לבנותו
עיר על תילה







רייעס פון צענדליגער צעמענט טראקס מארשירן נאכאנאד פאר עטליכע שעה אריינצוגיסן די בעטאן אין די פארעמעס פאר די ווענט פון די פאנדעישאן








## אריינפיר:

הגה"ק רבי פנחס קאָריצער איז געבוירן געוואָרן אין שנת תפ"ו, אין די שטאָט שקלאָוו, צו זיין פאָטער הגאון הקדוש רבי אברהם אבא זצוק"ל. ער האָט געצויגן זיין הייליגן יחוס בן אחר בן, ביז הקדוש הנורא בעל מגלה עמוקות.

רבי פנחס קאָריצער האָט זיך אַלס יונגערמאַן שטאַרק אויסבאַהאַלטן פון מענטשן. ער איז געווען אַ מלמד אין די שטאָט פולנאה, אין די צייט ווען הגה"ק רבי לייב מוכיח האָט דאָרטן משמש געווען ברבנות. קיינער, חוץ הגה"ק רבי לייב, האָט נישט געוואוסט דאָרט פון זיין גרויסקייט.

שפעטער איז ער געוואָרן אַ תלמיד מובהק פונעם בעל שם טוב הק', און דעמאָלט האָט ער זיך נאָך אַלץ אויסבאַהאַלטן פון מענטשן. ערשט נאָך אַ צייט פונעם הסתלקות הבעש"ט הק' איז ער נתגלה געוואָרן, און געהויבענע תלמידים האָבן אָנגעהויבן צו שטראָמען קיין קאָריץ צו לערנען ביי אים דרכי השם. ער איז געווען פון די געציילטע תלמידים פונעם בעל שם טוב הק', וואָס האָבן נוהג עדה געווען נאָך זיין הסתלקות.

פון קאָריץ איז הרה"ק רבי פנחס פאַרטריבן געוואָרן, צוליב אַ מסירה וואָס מען האָט אויף אים מלשין געווען ביים שר העיר. דעמאָלט האָט אים הרה"ק רבי ייב"י גענומען צו זיך קיין אוסטראה, און ער האָט אים צוגעזאָגט צו געבן אַ העלפט פון זיין געהאַלט, וואָס ער האָט באַקומען פון די שטאָט פאַר זיין מגידות.

אין שנת תק"נ האָט הרה"ק רבי פנחס קאָריצער געוואָלט אַרויפגיין קיין ירושלים עיה"ק, אָבער ווען ער איז אָנגעקומען אינמיטן וועג צו די שטאָט שפיטיווקא, איז ער דאָרט נסתלק געוואָרן לגנזי מרומים ביום י' אלול, און דאָרט איז מקום מנוחתו כבוד.

פון זיינע גרויסע תלמידים זענען באַקאַנט: זיין מחותן הגה"ק רבי יעקב שמשון משפיטיווקא, הגה"ק רבי רפאל בערשידער, הגה"ק רבי וואלף באַלטער, רבי יוסף ראשקיווער אַ זון פון הרה"ק רבי שבתי דער מחבר סידור האריז"ל.

זיינע דברי תורה זענען געדרוקט אין די ספרים מדרש פנחס, אמרי פנחס, נופת צופים, און אין נאָך אַנדערע ספרים. אויך הרה"ק דער קאָזשניצער מגיד ברענגט פון אים דברי תורה אין סוף פון זיין ספר נר ישראל. אין אַ סאַך ספרים קדושים ווערט געברענגט פון זיינע הייליגע מאמרים, בפרט אין די ספרים פון "בני יששכר" זצ"ל.

רבי פנחס קאָריצער האָט זוכה געווען צו פינף זין צדיקי הדור: הגה"ק ר' יהודה מאיר אב"ד שפיטיווקא, הגה"ק רבי משה אב"ד סלאוויטא, הגה"ק רבי יעקב שמעון אב"ד זאָסלאָוו, הגה"ק רבי יחזקאל מאוסטראה, הגה"ק רבי אלי' מווישניוויץ. זיין איידעם איז געווען הגה"ק רבי שמואל אב"ד קאניבלאט.

## מפורסם ברוח קדשו

הרה"ק רבי צבי אלימלך מדינוב זי"ע, שרייבט אין זיין ספר הקדוש בני יששכר (מאמרי חדשי כסלו טבת) וז"ל: הנה העדתי לך שלשה עדים נאמנים וכו' און ער רעכענט אויס די ערשטע צוויי "עדות", דער בעל הרוקח און דער מהר"ל מפראג, און דער דריטער איז: "הרה"ק אשר היה סמוך לדורותינו מפורסם ברוח קדשו הרב מוהר"פ מקאריץ ז"ל".

## בעלה דמטרוניתא

הרה"ק רבי אייזיקל קאָמאַרנער ברענגט אין "נתיב מצותיך", עס איז געווען אַ מעשה אַז הגאון הקדוש ר' יעקב שמשון משפיטיווקא, ווען ער איז געווען אינעם הייליגן לאַנד, האָט ער געזען אין חלום, ווי די שכינה הקדושה איז כביכול אין געשטאַלט פון אַ פרוי, וואָס וויינט און איז זיך מצטער אויף בעל נעוריה, וואָס זי האָט געהאַט אַ מאַן פון איר יוגענט און ער איז נפטר געוואָרן.

ווען הגה"ק רבי יעקב שמשון האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דעם חלום, האָט ער זיך אָנגערופען פאַר זיינע חברים: עס איז יעצט נישט דאָ אויף דער וועלט, ווער עס זאָל זיין אין די בחינה פון "בעלה דמטרוניתא", נאָר הקדוש רבי פנחס קאָריצער, און זיכער איז ער די נאַכט נסתלק געוואָרן, און רבי יעקב שמשון האָט זיך דערביי קריעה געריסן און געמאַכט די ברכה ברוך דיין האמת.

נאָך אַ שטיק צייט, איז מען געוואויר געוואָרן, אַז רבי פנחס איז טאַקע אין יענע נאַכט נסתלק געוואָרן.

## אלו ואלו דברי אלקים חיים

איינמאָל האָט הרב הקדוש רב ייב"י מאוסטראה מתווכח געווען מיט הרה"ק רבי פנחס קאָריצער, רב ייב"י האָט געהאַלטן אַז די האַרבסטע פירצה פון זייער דור איז, דאָס רעדן אין בית הכנסת בשעת התפלה, און רבי פנחס קאָריצער האָט געהאַלטן אַז די האַרבסטע פירצה פון יענעם דור, איז דאָס וואָס די טעכטער פון די אָרעמעלייט פון די שטאָט אוסטראה פלעגן גיין צו די הייזער פון די גוי'אישע שרים צו פאַרקויפען עסנוואַרג, ווי עופות און פיש, וואָס דורך דעם האָט מען געקענט צוקומען צו יחוד ח"ו. די צוויי צדיקים האָבן זיך אַרום גע'טענה'ט וועלכע איסור איז האַרבער, און יעדער האָט זיך געהאַלטן ביי זיין מיינונג.

ענדליך האָבן זיי מסכים געווען צו עפענען אַ חומש, און פון דעם פסוק וואָס זיי וועלן זען צוערשט, וועלן זיי זיך איבערצייגן ווער איז גערעכט.

איז זיי אונטערגעקומען אַ חומש בראשית, און זיי האָבן עס געעפענט און ביים ערשטן בליק האָבן זיי אָנגעטראָפן דעם

פסוק "הכזונה יעשה את אחותינו", וואָס פון דעם איז לכאורה אויסגעקומען ווי רבי פנחס'ל האָט געהאַלטן. האָט הרה"ק רבי ייב"י זיך אָנגערופען, לאָמיר זען וואָס דער תרגום יונתן זאָגט דערויף, האָבן זיי געזען אַז עס שטייט "תהא מתאמרת בכנישתהון דישראל ערלאין סאובי ברתיה דיעקב" – עס וועט געזאָגט ווערן אין די בתי מדרשים, אַז גוים האָבן מטמא געווען די טאָכטער פון יעקב אבינו.

זעט מען פון דעם אַז די האַרבקייט איז, מען זאָל נישט דערפון רעדן אין די בתי מדרשים, זענען זיי ביידע גערעכט געווען מיט זייער מיינונג אין דעם ענין, ואלו ואלו דברי אלקים חיים. (עשר אורות)

## אַ סגולה צו יראת שמים

הגה"ק משינאָווע זי"ע ברענגט אין דברי יחזקאל פ' מסעי, אַז ער האָט געהערט, אַז הרה"ק רבי אלימלך זי"ע האָט געזאָגט, אַז צו קענען הצה"ק ר' פנחס מקאריץ זי"ע, איז מסוגל צו יראת שמים. (ועיי"ש באריכות).

## עליית נשמה ביים דאַווענען

עס ווערט געברענגט אין אַסאַך ספרי קודש, אַז מען האָט געפרעגט הרה"ק רבי פנחס קאָריצער פאַרוואָס זיין קול ווערט נישט געהערט ביים דאַווענען, און עס ווערט נישט געזען ביי אים קיין שום תנועה און כח און התלהבות.

האָט ער זיי געענטפערט: מיינע ברידער, איר זאָלט וויסן, אַז דער עיקר פון תפלה איז דביקות אינעם בורא כל עולמים, און דער עיקר פון דביקות איז התפשטות הגשמיות. וואָס דאָס איז ממש אַזוי ווי יציאת נשמה פונעם גוף, וואָס אויף דעם זאָגן חז"ל אין מסכת ברכות, אַז עס זענען דאָ עטליכע אופנים וויאַזוי די נשמה שיידט זיך אָפּ פונעם גוף, עס איז דאָ אַ וועג "כפיטורי בפי ושט", וואָס דאָס קומט אָן זייער שווער, די גמרא זאָגט אָבער, אַז מיתת נשיקה קומט אָן זייער גרינג "כמשחל בניתא מחלבא", וועגן דעם זענען דאָ מענטשן וואָס ביים דאַווענען קומט זיי אָן שווער צו צוקומען צו התפשטות הגשמיות, וועגן דעם דאַרפן זיי דאַווענען מיט תנועות, אָבער איך האָב אַן עליית נשמה דורך נשיקה, וועגן דעם ווערט ביי מיר נישט אָנגעזען קיין תנועה. (עשר אורות)

## ער האָט זוכה געווען צו תחיית המתים

הרה"ק רבי דוד משה מטשאָרטקוב זצ"ל האָט דערציילט:

אין די צייט ווען רבי פנחס קאָריצער און רבי ייב"י האָבן אינאיינעם געוואוינט אין אוסטראה, פלעגט רבי פנחס גיין יעדע נאַכט זיך טובל'ן אין די מקוה וואָס איז געווען אין די שטאָט, און אַזוי ווי עס איז שווער געווען פאַר'ן מקוה איד זיך מטריח צו זיין צו גיין יעדע נאַכט עפענען די טיר, האָט ער אויסגעלערענט רבי פנחס'ן אַז ער זאָל אַליין קענען עפענען די טיר.

איינמאָל איז רבי פנחס געגאַנגען ביינאַכט אין מקוה, און די טיר איז אַרויפגעפאַלען אויף אים און ער איז נפטר געוואָרן. ווען הרה"ק רבי ייב"י איז דערפון געוואויר געוואָרן, איז ער געגאַנגען צו די מקוה און ער האָט זיך געשטעלט נעבן אים, און ער האָט אַזוי געזאָגט: רבונו של עולם, איך וועל זיך נישט פון דאָ אַוועקרירן ביז ער וועט אויפשטיין לעבעדיג, און איך בין דיר מבטיח, אַז דו וועסט האָבן נחת פון אים. דערנאָך האָט זיך ר' פנחס אויפגעשטעלט אויף זיינע פיס און ער האָט ווייטער געלעבט (תפארת אדם).

)לויט אַן אַנדערע גירסא, האָט די מעשה פאַסירט ווען ער איז נאָך געווען אַ נסתר און געדינט אַלס מלמד אין פולנאה, און הרה"ק רבי לייב מוכיח וואָס האָט געוואוסט פון זיין גרויסקייט האָט אים צוריק געברענגט צום לעבן, מיט דעם דערמאָנטן נוסח).

## אַזוי איז רבי פנחס קאָריצער נתגלה געוואָרן

די אָנפאַנג פון די התגלות פון הגאון הקדוש רבי פנחס קאָריצער, איז געווען אויף דעם אופן.

בעפאָר ער איז נתגלה געוואָרן, איז ער געווען אַ גרויסער אָרימאַן, און ער איז כסדר געזעסן אין בית המדרש און אָפּגעראָכטן זיין עבודת הקודש. ער און זיינע בני בית זענען געווען איינגעהילט אין הונגער. אָבער רבי פנחס האָט עס נישט געשפירט און ער איז גאָרנישט נתפעל געוואָרן דערפון, און ער האָט אַלעס געליטן באהבה, און געדינט זיין עבודה בזריזות, און וויבאַלד ער איז געווען אַ געוואַלדיגער הצנע לכת, וועגן דעם האָט מען אים נישט געהאַלטן אין שטאָט פאַר אַ בעל מדריגה.

איינמאָל האָט פאַסירט, אַז די אתרוגים פון יענעם יאָר זענען נתקלקל געוואָרן, און די סוחרים וואָס זענען געפאָרן אין די וועלט איינקויפען די אתרוגים אויף יום טוב, זענען אַלע צוריקגעקומען ליידיג, און זיי האָבן דערציילט, אַז עס וועט נישט מעגליך זיין צו באַקומען אַ כשר'ן אתרוג, וואָס מען זאָל קענען דערויף אַ ברכה מאַכן, ווייל כמעט אַלע אתרוגים זענען געלעכערט געוואָרן.

ווען מען האָט דאָס דערציילט אין ביהמ"ד וואו רבי פנחס האָט זיך געפונען, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון זיין הייליג מויל: איך וועל אי"ה האָבן אַ כשר'ן אתרוג צו מאַכן אַ ברכה דערויף".

דאָס איז געווען ווי אַ געלעכטער ביי די אַלע אַרומיגע וואָס האָבן דאָס געהערט, ווייל וויאַזוי קען אַן אָרימער מלמד צוקומען צו אַ אתרוג, אין די צייט ווען עשירים מופלגים האָבן נישט געקענט באַקומען. האָט מען אים נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט וועגן דעם, אָבער ער האָט געהאַלטן אין איין איבער'חזר'ן אַז ער וועט האָבן אַ כשר'ן אתרוג, האָט מען נאָך אַמאָל געלאַכט פון זיינע ווערטער.

ווען עס זענען אָנגעקומען די ימים נוראים, האָט מען אים נאָכאַמאָל געפרעגט וועגן דעם, און ער האָט נאָכאַמאָל געענטפערט, אַז ער וועט האָבן אַ כשר'ן אתרוג, אַזוי אַז מען האָט נאָך אַמאָל געלאַכט פון זיינע ווערטער.

ווען עס איז שוין געוואָרן ערב סוכות, און ער האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין אתרוג, האָט מען זייער געלאַכט פון אים. אָבער ער האָט ווייטער געענטפערט אַז ער וועט האָבן אַן אתרוג. ווען עס איז געוואָרן לייל יום טוב און דער ציבור איז געגאַנגען אין ביהמ"ד דאַווענען מעריב, און די זעלבע צופרי ביי תפילת שחרית, האָט מען אים כסדר געפרעגט, וואָס איז געוואָרן מיט'ן אתרוג? ער האָט אָבער געענטפערט, אַז ער האָפט נאָך צו באַקומען אַן אתרוג, דער קהל האָט דאָך נאָך





נישט געזאָגט "הלל", און מען האָט געלאַכט פון זיינע ווערטער און חלומות.

אָבער ווי שטאַרק זענען זיי פאַרוואונדערט געוואָרן, ווען דער שליח צבור האָט פאַרענדיגט די שמונה עשרה פון שחרית, איז אָנגעקומען צום ביהמ"ד אַן ערל, און ער האָט געברענגט פאַר רבי פנחס אַ גוטן מהודר'דיגן אתרוג און אויך אַ לולב גוט איינגעבונדן מיט הדסים און ערבות. רבי פנחס האָט געמאַכט דערויף די ברכה מיט גרויס שמחה ועליצת הנפש.

נאָך דעם איז מען געוואויר געוואָרן, אַז נאָך אינעם פאַרגאַנגענעם ווינטער האָט זיך רבי פנחס געטראָפען מיט איינעם פון זיינע ידידים פון די שטאָט זאסלאב, וואָס איז געוואוינט געווען צו פאָרן למרחקים וועגן זיין מסחר, האָט אים רבי פנחס געזאָגט, ער זאָל זען צו קויפן פאַר אים אַ שיינעם אתרוג תיכף ווען ער וועט אָנקומען צו אַ פלאַץ וואו מען קען באַקומען אַן אתרוג. דער ידיד האָט זיך געוואונדערט דערויף, מה יום מיומים, אַז ער זאָל תיכף צוגרייטן אַן אתרוג שוין נאָך פסח, רבי פנחס האָט אים אָבער באַפוילן אַזוי צו טאָן. דער ידיד האָט טאַקע מקיים געווען זיינע ווערטער, און ער האָט תיכף געקויפט אַן אתרוג און ער איז צוריק געקומען קיין זאסלאב אום ערב סוכות נאָך מיטאָג. וויבאַלד ער האָט אַליינס נישט געקענט קומען קיין קאָריץ, וועגן דעם האָט ער געשיקט דעם אתרוג דורך אַ גוי, און וויבאַלד ער האָט געוואוסט אַז דער גוי וועט ערשט אָנקומען אַהין אום יום טוב אינדערפרי, וועגן דעם האָט ער שנעל געבונדן דעם לולב מיט די הדסים און די ערבות כהלכתם, און ער האָט עס תיכף געשיקט קיין קאריץ, און השי"ת האָט צוגעפירט, אַז דער שליח איז אָנגעקומען נאָך איידער דער ציבור האָט אָנגעהויבן צו זאָגן "הלל".

דערנאָך איז מען געוואויר געוואָרן די כוונה פון רבי פנחס אין דעם ענין, און אַז ער האָט אויגן צו זען וואָס אַנדערע ווייסן נישט. פון דעמאָלט אָן איז באַוואוסט געוואָרן אין די וועלט זיין געוואַלדיגע גרויסקייט. (בית פנחס)

## זיך צוריקצוהאַלטן פון הנאות עוה"ז איז מסוגל לפרנסה

אין פירוש יבקש רצון אויפ'ן מדרש שוחר טוב אויף תהלים ווערט געברענגט, אַז איינמאָל איז געווען אַ געוויסער בדחן, וואָס האָט שטענדיג געזאָגט אַסאַך ווערטלעך און הלצות, און ער איז געווען זייער אַ געדריקטער אָרימאַן. איינמאָל האָט אים זיין ווייב זייער מצער געווען ווייל זי האָט נישט געהאַט וואָס צו עסן. איז ער געקומען צו רבי פנחס זייער טרויעריג און אים דערציילט זיין גאַנצען מצב. האָט אים רבי פנחס באַפוילן: הער אויף צו זאָגן ווערטלעך און דברי בדחנות, וועסטו האָבן הרווחה אין פרנסה.

האָט אים רבי פנחס מסביר געווען דעם טעם, ווייל "כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה", דאָס מיינט וויפיל הנאות ער וועט האָבן דעם יאָר, און דו מיט דיינע בדחנות ווערטלעך האָסטו הנאה, וואָס מענטשן הערן און לאַכן, און מיט דעם ווערט אויסגענוצט די גאַנצע הנאה און תענוג וואָס עס איז דיר באַשטימט, און עס בלייבט דיר נישט איבער פון וואָס צו קויפן ברויט צו דער זעט, וועגן דעם האַלט זיך צוריק פון דברי בדחנות, וועט דיר בלייבן צו עסן, ודפח"ח.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**






והיה במלאות שבעים שנה
- חלק ג' -

זיבעציג יאר פון דעם

# רבינ'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל בשנת תשי"ב

געקליבענע שילדערונגען, אריגינעלע זכרונות, פון חסידים ואנשי מעשה וואס האבן געהאט די זכי' מיטצולעבן די געהויבענע באזוך.

- חלק ד' -

## שירה חדשה על שפת הים: דער רבי קומט אן קיין ארץ ישראל

מאנטאג צופרי פרשת פנחס תשי"ב, האט דעם רבי'נס שיף געזאלט אנקערן ביים בארטן אין חיפה. טויזנטער אידן זענען ארויסגעפארן פון די שטעט איבער ארץ ישראל קיין חיפה צו מקבל פנים זיין דעם רבי'ן אנקומענדיג קיין ארץ הקודש.

ווען דער שיף האט זיך באוויזן אויפ'ן האריזאנט און האט זיך דערנענטערט צום ברעג, איז דער גאנצער עולם איבערגענומען געווארן מיט א רגש קודש פון שמחה, און מ'האט זיך ארויסגעלאזט אין פייערדיגע טענץ הארט נעבן וואו די שיף האט געדארפט אנקערן.

די געגועי'ן זענען געשטיגן פון מינוט צו מינוט און די אנוועזנדע האבן קוים געקענט ווארטן אז דער רבי זאל ארויסקומען אויפ'ן דעק פונעם שיף און באווייזן זיין הייליגע צורה. מ'האט געלייגט דערויף שטארקע האפענונג, ווייל די סאטמארער חסידים אין ארץ ישראל האבן שוין פון פריער געבעטן דעם גבאי'ן, הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל, ער זאל איבערגעבן פאר'ן רבי'ן אז זיי גייען אויס פאר בענקעניש און קענען נישט אויסווארטן די עטליכע שעה וואס געדויערט ביז מ'קומט ארויס פון שיף.

למעשה האט דער רבי געזאגט אז ער וועט קודם דאווענען אויפ'ן שיף און נאכ'ן דאווענען וועט ער ארויסקומען. דורכאויס די גאנצע צייט האט דער עולם פארגעזעצט צו זינגען און טאנצן אויפ'ן ניגון "קול רנה וישועה באהלי צדיקים". - ומה נהדר היה פני מלך, דומה למלאך ה' צבאות, ווען מ'האט ענדליך זוכה געווען צו זען די הייליגע צורה פונעם רבי'ן. (כ"ק הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצ"ל גאב"ד ירושלים).

## כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך: "דאס איז א מלאך!"

אייגנטליך, איידער דער רבי איז אנגעקומען האט געהערשט א גרויסער פחד ביים עולם. אין אלע צייטונגען האט מען געהעצט אויף א מורא'דיגן פארנעם קעגן דעם רבי'ן וואס קומט אצינד ארויף קיין ארץ ישראל. ווי איראניש איז געווען דער פאקט אז אין ארץ ישראל האבן געוואוינט א נישטיגע צאל פון ארום הונדערט און פופציג סאטמארער חסידים, אבער דאס גאנצע לאנד האט געוואוסט פונעם רבי'ן, און די צייטונגען האבן געגאסן פעך און שוועבל קעגן רבי'ן אויף א מיאוס'ן אופן, מיט שרעקליכע השמצות און גידופין. די סאטמארער חסידים אין ארץ ישראל זענען דעריבער געווען ערנסט באזארגט אז דער באזוך פון רבי'ן אין ארץ ישראל זאל דורכגיין בשלום.

איבערדעם האט דערציילט הרה"ח ר' משה אייזענבערג ז"ל וועלכער האט דאן געוואוינט אין ארץ ישראל ווי פאלגנד:

איך געדענק, ווי מיר האבן אפגעווארט דעם רבי'ן וועלכער איז אנגעקומען מיט דער שיף קיין ארץ ישראל. די שיף האט געאנקערט פארטאגס, גאנץ פרי. דארט ביים בארטן האבן געארבעט פרייע אידן און שונאי הדת. אויפ'ן ארט זענען זיך צוזאמענגעקומען אריבער הונדערט חברה, שלעגערס, בריונים און נידעריגע יונגען, וואס האבן זיך פארמאסטן, חלילה, אויפ'ן ערגסטן. מיר האבן געזען ווי זיי שושקען צווישן זיך מיט א גרייטקייט צוצורירן דעם רבי'ן ח"ו.

דער פחד איז געווען זייער גרויס. מיר זענען געשטאנען און געציטערט, אינגאנצן פארלוירן. מיר האבן שנעל אלארמירט פארשידענע פערזענליכקייטן, ביז עס איז אונז געלונגען אריבערצוברענגען אויפ'ן ארט אן עסקן, ר' יעקב כ"ץ ע"ה. מיר האבן אים דערציילט וואס עס קומט פאר, און עס איז סכנת נפשות. ער האט תיכף אריבערגעברענגט עטליכע פאליציאנטן, און ער אליין איז ארויפגעגאנגען אויף דער שיף אראפצובאגלייטן דעם רבי'ן זי"ע.

ווי נאר דער רבי איז ארויפגעקומען אויפ'ן דעק פון שיף, האט אויסגעבראכן א גרויס התרגשות


בס"ד

וויכטיגע מיטטיילונג פאר

בעלי שמחה!

בעת איר מאכט חתונה אייער קינד, מאכט זיכער אז אייער שמחה ווערט געזעהן דורך אייערע גוטע פריינט און באקאנטע

ווען איר אדווערטייזט אייער חתונה איינלאדענונג אין
"קרית יואל וואכנשריפט"

קענט איר זיין רואיג אז דאס וועט געזען ווערן דורך אלע תושבי קרית יואל רבתי

כדי דאס צו ערמעגליכן פאר יעדן בעל שמחה, האבן מיר איינגעשטעלט דעם ספעציעלן סייז חתונה איינלאדונגען פאר א צוגענגליכן פרייז פון $100

ביטע, לאזט דאס נישט אויף די לעצטע מינוט!

שיקט עס אריין צייטליך אויף אימעיל: Ads@kyweekly.com
פאר סיי וועלכע פראגע רופט אריין אין אפיס: 845.774.6234

ביים ציבור, וואס איז נישט מעגליך אפצומאלן. א גרויסער טייל פון די אידן האבן דעמאלט צום ערשטן מאל געזען דעם רבי'ן נאך די אלע צרות און מיטמאכענישן פון קריג. דאס התרגשות האט מען געקענט טאפן אין דער לופטן. דער פארזאמלטער עולם האבן איינפאך אנגעהויבן צו וויינען, און טרערן האבן זיך געגאסן פון אלעמענ'ס אויגן. דאן האט זיך אויפגעשטעלט הרב החסיד ר' ישראל בריעף ז"ל, און מיט א רירנדער שטימע, געמאכט א ברכת שהחיינו בשם ומלכות, און דער עולם האט געענטפערט א הילכיגן "אמן".

ווען דער רבי איז ארויף אויפ'ן דעק פון שיף, זענען די אויבנדערמאנטע בריונים געווארן אזוי איבערגענומען, אז טייל פון זיי האבן זיך אנגעהויבן צוריקציען ביסלעכווייז אלס מורא און פחד, און די וואס זענען געבליבן דארטן האבן ארויסגענומען די טאש-טיכלעך און ארויפגעלייגט אויף די קעפ אלס צודעק, און זיך צוגעקוקט צום רבי'נס לויטערער און הייליגער צורה מיט א פחד און יראת הכבוד.

אט די זעלבע יונגען וואס האבן פריער געפלאנט צו שעדיגן דעם רבי'ן, זענען אבער פולשטענדיג בטל געווארן מפני הדר גאונו און נכנע געווארן פאר דער קדושה עליונה וואס האט שופע געווען פון דעם צדיק אמת. עס איז איינפאך מקויים געווארן דער פסוק "וראו... כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך".

ענליכס דערציילט הרה"ג ר' מאיר שטערן שליט"א וועלכער איז געווען צווישן די באטייליגטע ביים קבלת פנים:

יענער נסיעה, איז געווען דאס ערשטע מאל וואס דער רבי איז געקומען קיין ארץ ישראל נאך דער גרינדונג פון דער מדינה, און דעריבער איז עס געווען א גרויסער איינשטעל. דער רבי איז דאך געווען כמעט דער איינציגער שר צבא ה' וואס האט געפירט די מערכה כבידה קעגן די ציונים, און אלס רעזולטאט דערפון איז ער געווען אויסטערליש פארהאסט אין דער ציוניסטישער וועלט.

זייער אסאך נאנטע מענטשן האבן פרובירט אפרעדן דעם רבי'ן פון דער נסיעה און צווישן אנדערן אנגעוויזן אז די ציונים, ווי זיי האבן עס שוין באשטעטיגט מערערע מאל, זענען עלול אויף שפיכות דמים פשוטו כמשמעו. דער רבי האט אבער פארט באשלאסן צו פארן, כדי מחזק צו זיין די ערליכע אידן אשר לא כרעו לבעל, ווי אויך צו גרינדן תלמוד תורה'ס אין די פארווארפענע שטעט פון לאנד, וואו עס האט דעמאלט געוואוינט א גרויסער היימישער ציבור, אריינגערעכנט פילע תלמידים וחסידים פונעם רבי'ן.

אינעם טאג ווען דער רבי איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, מאנטאג פ' פנחס, י"ד תמוז, זענען מיר ארויסגעפארן צום האפן אין חיפה מקבל פנים זיין דעם רבי'ן. דארט האט דעם רבי'ן אפגעווארט א גרויסער עולם תלמידים וחסידים און רבנים מפורסמים. פון דער אנדערער זייט האב איך באמערקט א גרופע פרייע יונגען, וואס איז דארט אויך געשטאנען און געווארט. איך האב פארשטאנען אז זיי זוכן נישט צו כאפן א בליק אויפ'ן רבי'נס הייליגע צורה, און איך האב זיך דערפאר צוגעריקט נאעט צו זיי געוואויר צו ווערן זייער ציל.

צו מיין שרעק האב איך אויפגעכאפט ווי די יונגען שמועסן אז זיי גרייטן זיך צו אנטפאנגען דעם רבי'ן מיט שטיינער, מיט וועלכע זיי ווען אים באווארפן ווי נאר ער וועט אפשטייגן פון דער שיף. מיין טאטע דער גבעת שאול'ער רב זצ"ל וועלכער איז דארט געשטאנען האט זיך אויך זייער געזארגט פאר'ן רבי'נס וואוילזיין, און מיר האבן נישט געוואוסט וויאזוי דאס וועט זיך אויסלאזן.

אט האט די שיף געאנקערט און דעם רבי'נס הייליגע צורה האט זיך באוויזן אויפ'ן דעק. דער גאנצער עולם איז אריינגעפאלן אין א געוואלדיגן התרגשות און התרוממות הנפש, און אויפאמאל האב איך באמערקט ווי יענע פרייע יונגען זענען זייער ערנסט געווארן. זיי האבן ארויסגענומען פון טאש טיכלעך און אנגעטון אויפ'ן קאפ במקום א קאפל און אינגאנצן איבערגענומען פון פחד און יראת הכבוד זיך איינגעקוקט אויפ'ן רבי'נס הייליגער צורה.

שטייענדיג דארט דערנעבן האב איך אויפגעכאפט ווי זיי רעדן צווישן זיך אינגאנצן פארכאפט: "דאס איז נישט קיין מענטש -- דאס איז א מלאך!"

ווי מיין טאטע האט בייגעוואוינט די השפעה פונעם רבי'נס צורה, האט ער זיך צו מיר אנגערופן מיט התרגשות, אז אצינד האבן מיר געזען בחוש ווי עס איז מקויים געווארן די ווערטער פון פסוק: "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך".

ס'איז אוממעגליך צו שילדערן דאס געוואלדיגע התרגשות וואס האט ארומגענומען דעם עולם, וואס איז שוין דארט געשטאנען און געווארט שעות פריער, בשעת דעם רבי'נס שיף איז צוגעשווימען צום האפן. די שמחה וואס האט דאן געהערשט ביים עולם איבער דער זכי' מקבל פנים צו זיין דעם צדיק הדור האט בוקע רקיעים געווען און מ'האט פשוט נישט געוואוסט וואו זיך אהינצוטאן פאר גרויס איבערגענומענקייט. דאס השתוקקות און התרגשות איז באזונדער שטארק געווען ביי די תלמידים וחסידים פון ארץ ישראל, וואס האבן זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה, מיט אלע צרות וואס דאס האט געברענגט, נישט


בעזהשי"ת
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה
ברוב שבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את מעלת כבודכם לבוא ולהשתתף
בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו
הבחור החתן המופלג בתוי"ש
נפתלי יודא נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
דינה רחל תחי'
שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ד' לסדר "ושמחת בכל הטוב" (כי תבא)
י"ח אלול תשפ"ב לפ"ק הבעל"ט (ולמספ' SEP. 14)
קבלת פנים בשעה 6:00 חופה בשעה 7:00
באולם עטרת חי' שרה
106 SOUTH MADISON AVE
SPRING VALLEY NY. 10977
ואי"ה ביום שמחתכם נשוב לכם כגמולכם הטוב בל"ע
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום
הורי החתן
ישראל ברוך פאגעל וב"ב
קרית יואל יצ"ו
הורי הכלה
יוסף צבי גראס וב"ב
מאנסי יצ"ו
עטרת זקנים בני בנים ותפארת בנים אבותם
גם אנו מצטרפים בקריאה של חיבה להזמינכם
להשתתף בשמחת כלולת נכדינו היקרים שיחיו
יצחק אייזיק שמואל פאגעל וב"ב
פאנטשיאל יצ"ו
משה אהרן זינגער וב"ב
מאנסי יצ"ו
מרים חי' שרה דאנציגער
אשת הרה"ח ר' יואל ז"ל
קרית יואל יצ"ו
אידל גראס
אשת הרה"ח נפתלי ז"ל
ברוקלין יצ"ו
לאה זינגער
אשת הרה"ח צבי אלימלך ז"ל
העלי' לתורה תתקיים אי"ה
בשבת קודש פרשת כי תצא
בביהמ"ד תולדות צבי ספינקא
2 Taitch Ct.
זמן תפלת שחרית בשעה 9:45
קידושא רבא אחר התפלה


בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה
בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו
הבחור החתן המופלג בתוי"ש
כמר יעקב מתתי' הכהן נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
מרת אסתר דינה תחי'
שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ג' לס' "ושמחת בכל הטוב" (כי תבא)
י"ז אלול שנת תשפ"ב לפ"ק
ולמספרם SEP 13
קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00
באולם עטרת מייזעלס
3 Y-D GOLDBERGER DR, MONROE NY 10950
ואי"ה ביום שמחתכם נשיב לכם כגמולכם הטוב בל"נ
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום
הורי החתן
משה הערש כהנא וב"ב
מאנסי יצ"ו
הורי הכלה
דוד יודא יואל הענדלער וב"ב
קרית יואל יצ"ו
שבת שבע ברכות
תתקיים אי"ה
בשבת קודש
פרשת כי תבא
11 Satmar Dr.

זוכה געווען צו זען דעם רבי'ן.

מיין טאטע ז"ל איז געווען צווישן די תלמידים פונעם רבי'ן וואס האט שוין יארן נישט געהאט די געלעגנהייט צו זען דעם רבי'ן און זיך מסתופף זיין בצילו. ער איז דעמאלט טאקע געווען מלא התרגשות אויף אן אופן וואס איז שווער צו שילדערן, און ווי נאר דער רבי איז אראפגעקומען פון שיף און מיין טאטע האט געזען צורת קדשו, האט ער מיט טרערן אין די אויגן געמאכט א 'שהחיינו' בשם ומלכות.

מיין טאטע האט מיר דעמאלט באטאנט, אז אין שולחן ערוך (או"ח סי' רכ"ה) ווערט געברענגט אז א 'שהחיינו' מאכט מען ווען מ'האט א שמחת הלב. "איך געדענק נישט צי איך האב שוין געהאט אמאל אזא שמחת הלב ווי יעצט ווען איך האב געזען דעם רבי'נס הייליגע צורה", האט ער געזאגט.

# בשערי ארץ הקודש: ביים האפן-שטאט 'חיפה'

נאכ'ן אראפשטייגן פון דער שיף, ווען מען איז אריבער דעם גרעניץ-קאנטראל, האט דער רבי געהייסן איינוועקסלען פינף הונדערט אמעריקאנער דאלארן אויף ארץ ישראל'דיגע געלטער, כדי צו קענען ווייזן אז מ'וועט האבן גענוג דארט מיט וואס צו לעבן, אזוי ווי עס איז געווען דעמאלט איינגעפירט לויט'ן געזעץ אז מען האט געדארפט ווייזן נאך ביי דער גרעניץ ווי אזוי מען וועט לעבן אין דער צייט וואס מען וועט ווייל'ן אין ארץ ישראל.

פון דארט איז דער רבי צוגעפארן צום הויז פונעם אחוזה'ער רב, הגה"צ ר' יחיאל יהודה אייזיקסאהן זצ"ל, איידעם פון הגה"ק בעל עצי חיים זי"ע, וועלכער האט געוואוינט אין הר הכרמל נעבן חיפה. דארט האט מען געלייענט אין דער תורה און צוגעענדיגט דאס דאווענען.

נאכ'ן דאווענען האט דער רבי געשמועסט מיט'ן אחוזה'ער רב ז"ל און מיט די ארומיגע. ביי יענער געלעגנהייט, האט דער רבי ערקלערט די אורזאך פארוואס ער האט געוואלט דאווענען דווקא אויפ'ן ים, ווי פאלגנד: וויבאלד דער ים וואס איז נאענט צום בארטן געהערט שוין צו ארץ ישראל, אבער עס איז נאכנישט אונטער דער הערשאפט פון די ציונים, דעריבער אז עס האט זיך אים געמאכט אזא געלעגנהייט האט ער געוואלט דאווענען אויף אזא פלאץ, האלטנדיג אז דאס פלאץ איז באזונדערס צוגעפאסט פאר קבלת תפילות.

# דער אפשטעל ביי דער באן-סטאנציע אין בני ברק

אין די נאכמיטאג שעות האט מען זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג פון חיפה קיין ירושלים.

אונטערוועגנס פון חיפה קיין ירושלים האט זיך די באן אפגעשטעלט אין די באן סטאנציע נעבן בני ברק, וואו עס האבן אפגעווארט הונדערטער בני ברק'ער אידן וועלכע זענען געקומען מקבל פנים זיין דעם רבי'ן זי"ע. דער רבי זי"ע איז געבליבן אויף די באן און האט זיך אוועקגעשטעלט ביים פענסטער, און דער עולם איז אריבער איינציגווייז שלום נעמען פון רבי'ן זי"ע.

עס האט דערציילט הרה"ח ר' יצחק באנעט ז"ל וועלכער איז געווען צווישן די מקבלי פנים אין בני ברק:

בשעת דער עולם איז אריבערגעגאנגען שלום נעמען פון רבי'ן בין איך אריינגעטאנצן אינעווייניג אין די באן דורך א פענסטער נעבן וואו דער רבי איז געשטאנען, אזוי ארום איז מיר אויסגעקומען צו שטיין הארט נעבן רבי'ן אויפ'ן באן.

יענעם יאר איז געווען א שמיטה יאר, און דאן האט דער רבי כמעט נישט געגעסן קיין פרוכט פון ארץ ישראל צוליב די חששות פון שמיטה. זייענדיג אויף די באן נעבן רבי'ן האט מיך באמערקט מיין שוועגערין (וועלכע איז געווען א שוועסטער פון ש"ב דער גבעת שאול'ער רב זצ"ל), וועלכע איז געשטאנען אויף די באן נעבן די רעביצין ע"ה. מיין שוועגערין האט געהאט א פירות געשעפט אין בני ברק וואס איז געווען פארלעסליך ביי יעדן צוליב זייער פרומקייט און אויסגעהאלטנקייט. און זעענדיג אז איך שטיי נעבן רבי'ן זי"ע האט זי איבערגעגעבן פאר די רעביצין ע"ה א קויש מיט טרויבן וואס זי האט מיטגעברענגט פון איר געשעפט, און איר געבעטן זי זאל דאס מיר איבערגעבן כדי איך זאל דאס איבערגעבן פאר'ן רבי'ן.

די רעביצין ע"ה האט מיר איבערגעגעבן דעם קויש מיט טרויבן, און זי האט מיר אנגעזאגט אז די שיריים זאל איך גראד צוריקברענגען צו איר. ווען איך האב איבערגעגעבן די טרויבן פאר'ן רבי'ן זי"ע האט דער רבי זיך אנגערופן אז לכתחילה וויל ער נישט עסן קיין פרוכט פון ארץ ישראל צוליב די חששות פון שמיטה. האב איך געזאגט פאר'ן רבי'ן אז די טרויבן קומט פון מיין ברודער'ס געשעפט וועלכע איז ביי יעדן שטארק פארלעסליך. פונקט איז דאן געשטאנען נעבן דעם רבי'ן מיין שוועגערינ'ס ברודער הגה"צ דער גבעת שאול'ער רב זצ"ל וועלכער איז געווען פון די גאר נאענטע תלמידים פון רבי'ן זי"ע נאך פון






ארשיווע, און ער האט זיך אנגערופן צום רבי'ן זי"ע: רבי, איך נעם אחריות אז דער רבי קען עסן פון די טרויבן. און ער האט שטארק ממליץ געווען פאר'ן רבי'ן אויף זייער אפגעהיטנקייט און זייער גרויס זהירות במיוחד אויף פירות שביעית, דער רבי האט איינגעשטימט דערצו און ער האט גענומען אייניגע טרויבן און האט טועם געווען דערפון. ווי איך האב דעמאלט אויפגעפאסט האט דער רבי געגעסן נאר די אינעווייניגסטע טייל פון די טרויבן 'תוכו אכל וקליפתו זרק'.

דאס איז אבער געווען אן אויסנאם, ווייל אין אלגעמיין האט דער רבי כמעט גארנישט געגעסן פון ארץ ישראל און מען האט כמעט אלעס וואס מען האט נאר געדארפט דורכאויס די פאר וואכן – אזעלכע מאכלים וואס האבן זיך געקענט גרעניצן מיט א חשש בעניני שביעית – מיטגעברענגט פון אמעריקע. אויף דעם גאנצן וועג האט מען זיך געשלעפט מיט גרויסע קאנטעינערס מיט עסנווארג.

און נישט נאר דער רבי אליין, נאר אויך די באגלייטער, די רביצין, ר' יוסף אשכנזי ע"ה, און להבחל"ח דער הויז בחור ר' חיים יחזקאל שטיין הי"ו, האט דער רבי געוואלט אז זיי זאלן עסן בלויז פון דעם וואס מען האט מיטגעברענגט פונדערהיים.

נאך אן אויסנאם-פאל איז געווען, ווען דער רבי איז שפעטער געווען באזוכן אין כפר גדעון, וואס אלע איינוואוינער דארט זענען געווען ערליכע אידן, שומרי שמיטה, און אויך דעם רבי'נס חשוב'ער תלמיד הרה"צ ר' יעקב משה קרעמער זצ"ל האט דארט געוואוינט. האט דער רבי דעמאלט יא ערלויבט פאר זיינע באגלייטער צו עסן פון די טרויבן און מילך פון דארט.

# בשעריך ירושלים: די קבלת פנים אין ירושלים

דאן האט די באן פארגעזעצט דער וועג קיין ירושלים. אנקומענדיג קיין ירושלים, האט שוין אפגעווארט דארט, נאך פאר'ן אריינגאנג צו ירושלים, דאס ירושלימ'ער בי"ד, הגה"צ ר' פנחס עפשטיין זצ"ל ראב"ד, הגה"צ ר' ישראל יצחק רייזמאן זצ"ל, הגה"צ ר' דוד יונגרייז זצ"ל, אינאיינעם מיט טויזנטער מענטשן וועלכע זענען ארויסגעקומען מיט געזאנג און טענץ אויפצונעמען דעם רבי'ן מיט'ן פאסיגן כבוד.

דער קבלת פנים איז פארגעקומען נעבן דעם "שערי צדק" שפיטאל, וואו דער רבי איז אויפגענומען געווארן דורך טויזנטער חסידים מיט גרויס התרגשות און התלהבות. עס איז געווען אן אויסערגעווענליכע געדרענג ווען טויזנטער אידן האבן זיך געשטופט צו כאפן א בליק צו זען די הייליגע צורה פון רבי'ן.

ס'איז מערקווירדיג וואס עס ווערט דערציילט אין ספר מנחת אברהם פון הרה"ח ר' אברהם יצחק דייטש ע"ה, מחשובי אנ"ש אין בני ברק (וועלכער האט אפגעשריבן די תורות און דרשות וואס דער רבי האט געזאגט ביי זיינע באזוכן אין ארץ ישראל), אז ווען דער רבי איז דאן אנגעקומען אין ירושלים ביים שערי צדק שפיטאל, איז דארטן געווען פארזאמלט א ריזיגער עולם וועלכע זענען געקומען זען דעם רבי'ן. אויך ר' אברהם יצחק האט זיך דארט אריינגעשטופט, ער איז געקראכן העכער די טיר כדי ער זאל קענען גוט זען דעם רבי'נס פנים. אזוי ווי ער האט דאן געזען דעם רבי'ן דאס ערשטע מאל זייט די מלחמה, האט ער פון גרויס שמחה מיט התרגשות געמאכט הויך א ברכת "שהחיינו" בשם ומלכות, וואס האט דעם רבי'ן באריירט, ווען איינער פון די אנוועזנדע האט אים געפרעגט צי מ'ברויך מאכן די ברכה, האט ער געענטפערט, "אויב דו פרעגסט א שאלה, דארפסטו נישט מאכן קיין ברכה".

אין ספר זכור לדוד פון הרה"ג ר' דוד פרענקיל ז"ל פון בני ברק (דף רמ"ח) ווערט דערציילט, אז ווען דער רבי איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, און האט איבעראל באקומען א הערליכן קבלת פנים ווי עס פאסט פאר אזא גברא רבה, איז איינער אריין צום חזון איש זצ"ל מיט א טענה וואספארא חילול ה' עס קומט פאר, ווען חסידים לויפן ארום אין די גאסן מיט א רבי'ן בקול רעש גדול! האט דער חזון איש געשמייכלט און האט אים געענטפערט במתק לשונו: "דאס איז א חילול השם? אדרבה, דאס איז א קידוש השם!. פארוואס ביזטו נישט געקומען מיר דערציילן נאך פריער פון דעם קידוש השם?"...

עס לייגט צו דערויף הגה"צ רבי מנשה פילאפף שליט"א רב ביהמ"ד טיב לבב אז ווען די שמועה פון דעם הערליכן קבלת פנים איז אנגעקומען צום חזון איש זצ"ל, האט דער חזון איש רעאגירט אז דער סאטמארער רב איז זוכה צו דעם גרויסן כבוד פון יהדות החרדית אין ארץ ישראל, אלס שכר מן השמים, ווייל בשעת די הקמת המדינה ווען דער שם שמים איז נתחלל געווארן דורך די מייסדי המדינה, האט קיין איין גדול זיך נישט געוואגט ארויסצוקומען אין די עפענטליכקייט זיך אנצונעמען פאר'ן כבוד שמים המחולל צו באקעמפן די מדינה, וואס איז געשטיצט געווארן פון די גאנצע אידישע וועלט, נאר בלויז דער סאטמארער רב איז ארויס מיט א מחאה אין די עפענטליכקייט, און ער האט דערפאר געליטן גרויסע בזיונות. דעריבער באצאלט מען אים פון הימל צו באקומען דעם גרעסטן כבוד, צו וואס קיין אנדערער האט נישט זוכה געווען.

פון דארט איז דער רבי געפארן צו זיין אכסניא אין "צפני" האטעל" וואו טויזנטער אידן זענען אדורכגעגאנגען שלום נעמען פון רבי'ן.

פארזעצונג קומט אי"ה









(פארזעצונג פון פריער)

# די מאזשינא ליניע א קוואל פון בטחון פאר די פליכטלינגען

ארום 11 אזייגער אינדערפרי האב איך זיך ענדליך דערשלאגן צו מיין רייע. איך האב איבערגעגעבן מיין פייערטעפל צו א צווייטן און איך בין אריין אין פאליציי-ביורא.

מ'האט מיך גענומען אויף א פארהער און נאך א לאנגער חקירה ודרישה האט מען מיר געלאזט וויסן אז איך ווער באטראכט ווי אן אומלעגאל אריינגעקומענער אויסלענדער און אלס אזעלכער וועל איך קריגן א ספעציעלן פאס אויף וואוינרעכט אין ווילנע, אבער אויף ארויסצופארן אין דער פראווינץ מוז איך קריגן א ספעציעלע ערלויבעניש פון דער פאליציי.

איך האב אויסגעפילט די "ליידימאס", געלייגט מיינע פינגער צייכענס און באקומען מיין פאס.

מיד פון שפרינגן "קדוש" שעה'ן לאנג מיט די פיס און א דורכגעפרוירענער פון דער מורא'דיגער קעלט, בין איך אין גרויס איילעניש, אוועק אהיים אין ישיבה אריין.

אין ישיבה האב איך אפגעכאפט דעם אטעם, געקומען צו זיך פון דער מורא'דיגער קעלט און ביז איך האב זיך דערווארימט איז געווארן נאכט.

אין אוונט האבן מיר אנגעשטעלט די ראדיא. די ראדיא האט געמאלדן:

"אלפרעד בירזשא, דער גובערנאטאר פון לעמבערג איז געפונען געווארן טויט אין זיין האטעל צימער אין מונקאטש, אונגארן. נעבן זיין קערפער האט מען געפונען א בריוו מיט אינסטרוקציעס פאר דער אויסטיילונג פון די 1500 דאלאר וועלכע ער האט געהאט מיט זיך.

"אלעקסאנד פריסטאר, געוועזענער פרעמיער פון פוילן און נאענטסטער קאלעגע פון מארשאל פילסודסקי איז באגאנגען זעלבסטמארד".

די דאזיגע נייעס מאכט א פיינליכן רושם אויף די פארזאמעלטע. ישיבה בחורים וואס שטייען ביי דער ראדיא און לעכצן נאך חדשות וועגן א פראנצויזיש-ענגלישער איבערפאל אויף נאצי דייטשלאנד; די ראדיא טוט זיי צוליב, זי לאזט וויסן:

"עדווארד בענעש, געוועזענער פרעמיער פון טשעכא סלאוואקיע, געפינט זיך איז פאריז אין פארבינדונג מיט א פלאן צו פארמירן א טשעכישען לעגיאן וועלכער וועט קעמפען זייט ביי זייט מיט די פראנצויזן קעגן דייטשלאנד.

"א טערקישע מיליטערישע קאמיסיע איז אנגעקומען קיין לאנדאן, זי איז באגעגענט געווארן ביים וואקזאל פון א גרויסער ענגלישער דעלעגאציע אנגעפירט פון פעלדמארשאל בוירדוואוד".

די לעצטע נייעס דערפרייט אונז אלעמען און עס אנטוויקלט זיך צווישן אונז א דיסקוסיע. מיר שפעקולירען: וועלן ענגלאנד און פראנקרייך באפאלן דייטשלאנד, אדער וועלן זיי פארנארן די נאציס צו דער מאזשינא ליניע וואו די נאציס וועלן, בלי שום ספק, קריגן א מפלה.

טייל האלטן אז זיי וועלן אריינדרינגן קיין דייטשלאנד און וועלן אפילו נישט דערלאזן די נאציס צו דער מאזשינא ליניע, בעת אנדערע האלטן פארקערט: אז זיי וועלן זיי "פארנארן" צו דער מאזשינא ליניע און ביי אט דער אויסערגעוועגליכן ליניע וועלן די דייטשן אזוי לאנג קעמפן ביז די ארמיי זייערע וועט אויסגעשעפט ווערן און דעמאלט וועלן די אליאירטע ארמייען זיך אוועקלאזן אין א פרייען מארש קיין בערלין.

לויט זייער חשבון קומט אויס אז ווען נישט די מאזשינא ליניע וואלטן די נאציס באפאלן פראנקרייך פונקט ווי זיי זענען באפאלן פוילן: ווען נישט די מאזשינא ליניע וואלטן די נאציס באהערשט די וועלט אין איין שמע ישראל!...

און נישט נאר די ישיבה-בחורים האבן זיך סומך געווען אויף דער מאזשינא ליניע, נאר גאנץ ווילנע האט געהאלטן אז פראנקרייך וועט ראטעווען די וועלט פון נאציזם, פראנקרייך מיט איר צויבער-ליניע וועט לייזן דאס מלחמה-פראבלעם.

די מאזשינא ליניע איז צו יענער צייט געווען שטארק פאפולער אין ווילנע, כמעט אין אלע קינא-הייזער האט מען געוויזן די וואונדער פון דער מאזשינא ליניע. די קינאס זענען געווען געפאקט סיי פון היגע איינוואוינער, סיי פון פליכטלינגען וועלכע זענען געשטאנען אין לאנג-שורה'דיגע רייען ארום די קינא-הייזער.

אין מאמענטן פון טרויער און פארצווייפלונג פלעגן זיך פליכטלינגען אריינכאפן אין קינא און מיט א פארכאפטן אטעם באטראכטן דעם לייווענט אויף וועלכען מ'האט דעמאנסטרירט די וואונדער פון דער צויבער-ליניע, "זאת נחמתי בעניי!" האט מיר א פליט געזאגט קומענדיג פון קינא און האט אויסגעלאזט: דער אויבערשטער שיקט די רפואה פאר דער מכה. לעבן זאל פראנקרייך!

חדשים לאנג האט די מאזשינא ליניע געשפייזט מיט בטחון די פליכטלינגען. צוליב דער אילוזיע אליין וואס די מאזשינא ליניע האט געגעבן די געפלאגטע אין ליטע האט זי זיך פארדינט איר זכות הקיום. זי האט די פליכטלינגען פשוט דערהאלטן ביים לעבן; די מאזשינא ליניע האט פארענטפערט אלע קשיות, זי האט געלייזט אלע פראבלעמען, זי האט אפילו פארטונקעלט די ראדיא-נייעס.

אין איין שיינעם טאג האט די ראדיא געמאלדן אז סאוועט-רוסלאנד איבט אויס א דרוק אויף ליטע אז זי זאל ארויסטרייבן אלע פליכטלינגען וועמענס אנוועזענהייט אין לאנד זי באטראכט פאר שעדליך פאר די סאוועטישע אינטערעסן. און קלאנגען האבן זיך געטראגן אינדערלופטן אז



א ספעציעלע סאוועטישע קאמיסיע איז פאר דעם צוועק אנגעקומען קיין קאוונע.

דעם זעלבן טאג האט די סאוועטישע ראדיא געמאלדן אז ליטווישע סאלדאטן האבן ארעסטירט א סאוועטישן סאלדאט וואס האט פאטראלירט ביים גרעניץ און האבן אים צו'מזיק'ט אן א פארוואס, אן א פארווען און אין מינוטן ארום האט די ליטווישע ראדיא זיך אנטשולדיגט פאר דער סאוועטען-רעגירונג און האט פארשפראכן אויסצופארשען דעם ענין און באשטראפן די שולדיגע.

אין ביידע מעלדונגען האבן מענטשן געזען אן ערענסטן סכסוך צווישן די סאוועטען און ליטע, א סכסוך וואס קען פירן צו דער אקופאציע פון ליטע מצד די סאוועטען.

פליטים וואס האבן געהאט בדעה אויסצוואוואנדערן פון ליטע קיין ארץ ישראל אדער אמעריקע זענען געווען באזארגט, מחמת פון די סאוועטען איז אוממעגליך אויסצוואוואנדערן קיין אויסלאנד.

די זעלבע פליטים האבן זיך אבער בארוהיגט מיט'ן בטחון אז ווען די נאציס וועלן ארייננכאפן "א פארציע" ביי דער מאזשינא ליניע, וועלן די רוסן אפנעמען דער חשק צו קריכן קיין ליטע און דעמאלט וועט מען במילא פארשפארן צו פארן קיין אמעריקע אדער ארץ ישראל, מחמת ענגלאנד און פראנקרייך וועלן איינשטעלן א דעמאקראטישע ארדנונג אין פוילן.

בקיצור: די מאזשינא ליניע האט פארענטפערט אלע קשיות און האט פארהיילט אלע וואונדן.

דער "דזשאוינט" האט מער וויניגער באזארגט די פליכטלינגען מיט א דאך איבער'ן קאפ, מיט הלבשה און מיט חיונה, אלץ האט זיך סטאביליזירט און די פליכטלינגען האבן אין ווילנע געפונען א מקום-מנוחה.

די חדשים זענען זיך געלאפן אסאך פליכטלינגען האבן באקומען דורכ'ן "דזשאוינט" בריוו פון זייערע קרובים אין אויסלאנד, פון דייטשן אקופירטן געביט, אויך איך האב באקומען א בריוו פון מיינע עלטערן פון דוקלא. איך האב זיך גע'חדוש'ט, נישט פארשטאנען ווי אזוי מיינע עלטערן זענען צוריק מגולגל געווארן קיין דוקלא נאכ'ן גירוש.

די ראדיא האט דערווייל געבראכט א ידיעה אז די סאוועטען פארלאנגען פון ליטע נייע קאנצעסיעס און אז דער ליטווישער אויסערן-מיניסטער איז אפגעפלויגען קיין מאסקווע פארהאנדלען מיט די סאוועטען.

טאג איין טאג אויס, האט די ראדיא געבראכט אזוינע ידיעות פון וועלכע איך האב געדרונגען אז סוף כל סוף וועלן די סאוועטען מאכן א סוף צו ליטעס זעלבסטשטענדיגקייט און איך האב באשלאסן אויסצוואוואנדערן פון ליטע אויף א לעגאלן אדער אומלעגאלן אופן.

בין איך אוועק צום גאון ר' חיים עוזר און האב אים געבעטן אז ער זאל זיך משתדל זיין הן לטובת מיר פערזענליך, הן לטובת די בערך 50 תלמידים פון אונזער ישיבה: אז ער זאל פאר אונז ערלעדיגן וויזעס קיין אמעריקע אדער סערטיפיקאטען קיין ארץ ישראל.

דער גאון האט מיך בארוהיגט און האט מיר געוויזן קאפיעס פון בריוו וואס ער האט געשריבן קיין ארץ ישראל און קיין אמעריקע. וועגן וויזעס און סערטיפיקאטן.

פון דעם גאון בין איך אוועק צו דער פאליציי און האב אויסגעוווירקט אן ערלויבניש צו פארן קיין קאוונע.

אין קאוונע האב איך זיך געזען מיט'ן פוילישן קאנסול און ער האט מיך פארזיכערט אז גאר בקרוב וועלן די פוילישע לעגיאנען וואס געפינען זיך אין פראנקרייך ארייננמארשירן קיין דייטשלאנד צוזאמען מיט דער פראנצויזישער ארמיי, אזוי אז עס האט נישט קיין סיבה צו עמיגרירען.

איך האב זיך צוריקגעקערט קיין ווילנע. פון ווילנע האב איך זיך שריפטליך געווענדעט קיין ניו יארק צו הרב מרדכי בוימעהל און קיין קאלומבוס אהייא צו מיינעם א קרוב הרב מרדכי הירשפרונג. איך האב זיי געבעטן אז זיי זאלן מיך באזארגן מיט א פערמיט. עטליכע וואכן דערויף האב איך פון זיי באקומען א נעגאטיווען ענטפער: אז עס באדארף נעמען חדשים לאנג אויף צו קריגן א דערלויבעניש פאר א וויזע קיין אמעריקע.

אינדערצווישן איז קיין ווילנע אראפגעקומען הרב שלום יצחק לעוויטאן פון שוועקשנא, (ליטע) וועלכער האט מיט יארן צוריק אנגעהאלטען א רבנות-שטעלע אין אסלא, נארוועגיע.

הרב לעוויטאן האט מיר פארגעשלאגן אז איך זאל זיך, אויף זיין רעקאמענדאציע. ווענדן צו דער דארטיגער קהילה "עדת ישראל" אז זיי זאלן מיך ארויספאדערען אלס רב.

איך האב זיך גלייך געווענדעט אהין און אין עטליכע וואכן דערויף האב איך באקומען א ענטפער אז זיי האבן דערלאנגט אן אפליקאציע און זיי האפן אז אין די נאנטע טעג וועלן זיי מיר ארויסשיקן די נויטיגע פאפירן.

די דאזיגע ידיעה האט מיך שטארק דערמוטיגט און איך האב מיט גרויס אומגעדולד ארויסגעקוקט אויף די פאפירן.

אנשטאט די פאפירן איז עטליכע טעג שפעטער געקומען א ראדיא באריכט וואס האט געלויטעט אז היטלער האט געווארענט נארוועגיע אז זי שטעלט אין געפאר איר צוקונפט דורכדעם וואס זי ערלויבט אז ענגלאנד זאל שיקן קריגס-מאטעריאלן צו פינלאנד דורך איר טעריטאריע און אין געציילטע טעג ארום איז געקומען א פרישע ידיעה: אז דייטשלאנד איז איבערגעפאלן נארוועגיע.

פון מיין רייזע קיין נארוועגיע האט זיך אויסגעלאזט א בוידעם.




**בריוו פון הרב הירשפרונג צו הרב מרדכי בוימעהל ווי ער בעהט צו אים באזארגן מיט א וויזע**

צווישן די ווערטער דערמאנט ער זייער ידידות מאז ומקדם: "זוכר אתה
בודאי את הפלפול שכתבת אלי בשנת תרפ"ה בענין..."

שפעטער שילדערט הרב הירשפרונג די גרויסע צרות וואס ער און זיינע חברים פון ישיבת
"חכמי לובלין" גייען אריבער, ביים אנטלויפן פונעם ברענענדיגן אייראפע: "בעת הזאת
בשעה שנשארתי גלמוד בדד, וכל רעי נפזרו לכל רוח וקודר אתהלך בלחץ..."

דאן בעהט ער זיך פאר הילף אים צו ערלעדיגן שריפטן קיין אמעריקא אדער קאנאדע:
"חוסו נא עלינו - גזירת גלות מרחפת על ראשנו - מי יודע מה יהי סופנו..."

# די פליכטלונגען קוויקען זיך מיט חלשות

די ישיבה בחורים זיצן איבער די גמרא'ס און לערנען, דער קאפ איז אבער נישט ביים לערנען, קוקן זיי מיט די אויגן אין דער גמרא און מיט די אויערן צו דער ראדיא.

פון דער ראדיא הערט זיך דאס קול פון דעם נארוועגישן קעניג. מיר פארשטייען נישט זיין לשון, אבער זיין קול קלינגט הארציג און מיר הערן זיך צו מיט פארכאפטען אטעם צו די אומפארשטענדליכע רייד וואס קומען פון א קעניגס מויל, וועמענס לאנד איז אטאקירט געווארן פון א ווילדן שונא.

שפעטער ווערט דעם קעניגס רעדע איבערגעזעצט פון א קאמענטאטאר און מיר ווערן געוואויר אז דער נארוועגישער קעניג חדוש'ט זיך אויף די נאציס, ער פארשטייט נישט פארוואס די נאציס זענען באפאלן זיין לאנד.

דער קעניג באקלאגט זיך אויף די נאציס אז זיי זענען כפוי-טובה'ניקעס, און זיי זענען משלם רעה תחת טובה; אז אין דער לעצטער וועלט מלחמה האט נארוועגיע אדאפטירט עטליכע טויזענט דייטשישע יתומים וועמענס עלטערן זענען געפאלן אין שלאכט.

די יתומים וועלכע געפינען זיך נאך איצט אין לאנד - באקלאגט זיך דער קעניג - זענען אויפגעהאדעוועט און דערצויגן געווארן אין נארוועגיע אויפ'ן חשבון פון נארוועגישע בירגער וועלכע האבן זיי אדאפטירט.

"די יתומים - דאס איז דער פינפטער קאלום וועלכער וועט פארלייכטערן די נאציס דאס דעראבערען פון נארוועגיע" באמערקט איינער פון די ישיבה בחורים און די איבעריגע בחורים זענען מיט אים מסכים.

די ידיעות פון דעם נארוועגישן פראנט זענען נישט קיין פריילינע, די נאציס האלטן אפ נצחונות.

עס איז קרוב צו פסח. די ישיבה בחורים טרייסטן זיך אז דער יום טוב פסח, דער זמן חרותנו, איז מסוגל צו נצחונות איבער אידישע שונאים.

דער פסח איז שוין אריבער, כמעט גאנץ ווילנע דוכנ'ט ביי דער ראדיא; אלע ערווארטן פון דער ראדיא די גליקליכע מעלדונג איבער אן ענגליש-פראנצויזישער אינוואזיע אויף דייטשלאנד, אבער די ראדיא פראוועט ליצנות און טוט אפ שפיצלעך; זי מעלדעט איבער אן איבערפאל פון די נאציס אויף האלאנד און בעלגיע...

די דאזיגע ידיעה טרעפט אונז ווי א דינער אינמיטן העלן טאג. פאר גרויס שרעק און איבערראשונג פארמאכן איינינע ישיבה בחורים די גמרות און לאזן זיך אוועק אין קינא אויפסניי באטראכטן די מאזשינא ליניע...

די מאזשינא ליניע ווירקט ווי א גוטער טאניק און פיל ישיבה בחורים און סתם פליכטלינגען נעמען דרייען מיטן גראבן פינגער; אז דער איבערפאל אויף בעלגיע איז... אדרבא ואדרבא!... דער איבערפאל אויף בעלגיע איז א נייער באוויז אויף דער אויסגעהאלטענקייט פון דער השערה, אז די אליאירטע סטראטעגיע איז צו דערנענטערן די נאצי ארמייען צו דער מאזשינא ליניע.

אין געציילטע טעג ארום האט די ראדיא געמאלדען אז די בעלגישע ארמיי האט קאפיטולירט, אז דער בעלגישער קעניג איז געפאנגען געווארן, אז די האלענדישע קעניגן ווילהעלמינא איז אנטלאפן קיין אויסלאנד און די דייטשע ארמיי איז אריין קיין פראנקרייך.

שרעק, אומעט און פארצווייפלונג האבן גענומען ארייינברענגן אומארדענונג אין די רייען פון די מאזשינא-אפטימיסטען. די ראדיא האט בייגעטראגען איר חלק אויף צו פאנאנדערטראגן די שרעק; זי האט געמאלדן וועגן א ריזיגער צאל פראנצויזישע גענעראלן, אפיצירן און ארמייער וואס זענען אריינגעפאלן אין געפאנגענשאפט צו די נאציס. די מאזשינא-אפטימיסטען האבן אפגעלאזט העגט און פיס, איינינע פון זיי האבן אפילו געזוכט זיך צו טרייסטן דערמיט, וואס "די מאזשינא ליניע וועט נאך באווייזן איר כוח" אבער די ראדיא האט זיך ארייינגעמישט מיט א נייער ידיעה; אז דורך בעלגיע קען די נאצי ארמיי אויסמיידן די מאזשינא-ליניע.

די שרעק האט זיך גענומען פאנאנדערטראגן מיט א מורא'דיגען אימפעט, מיט יעדן פרישן ראדיא באריכט האט זיך די שרעק פארגרעסערט, יעדער באריכט האט אנגעיאגט א פחד און א מורא. איין טרייסט איז געווען אז די סאוועטען וועלן אויס מורא פאר די צו גרויסע נאצי-נצחונות, אפברעכן די באציאונגען מיט די נאציס, אבער אויך די דאזיגע טרייסט איז אויסגערינען; די ראדיא האט זיך ארייינגעמישט און האט צונישט געמאכט די השערה וועגן א סאוועטישען קאנפליקט מיט די נאציס, זי האט געמאלדן אז דער סאוועטישער טענקער "סאכאלין" איז אנגעקומען קיין קאנסטאנצא מיט א קארגא פון צען טויזענט טאָן ראפינירטע אויל פאר די נאציס און אין טעג ארום האט א צווייטער באריכט געמאלדן אז פאריז איז געפאלן.

די מאזשינא-ליניע - דער מקור פון אלע גוטע האפענונגען - האט באנקראטירט!

מיט'ן פאלן פון פאריז איז ביי די פליכטלינגען אויסגעלאשן געווארן יעדער פונק פון האפענונג. פארביטערטע, אנטוישטע, אן אויסזיכטן אויף אן אויסוועג צו דער לאגע, האבן זיך די פליכטלינגען, באהערשט פון א מורא'דיגן יאוש, ארומגעשארט איבער די ווילנער גאסן.

פאר גרויס צער און פארצווייפלונג זענען פילע פליטים ארונטער פון זינען און זענען אפגעפירט געווארן אינעם שטאטישן משוגעים אנשטאלט.

(פארזעצונג קומט אי"ה)


תושבי קרית יואל
שהשמחה במעונם
עטרת מאיר צבי
ATERES MEIR TZVI
ברכת מזל טוב

להולדת הבנים
ר' שמואל שטיין הי"ו
ר' ישראל משה אונגאר הי"ו
ר' אליעזר (ברי"ש) וואלדמאן הי"ו
ר' משה הלל וויינגארטען הי"ו
ר' אליעזר יודא ווייס הי"ו
ר' שמחה ישראל ווייס הי"ו
ר' יחזקאל (ברי"מ) ווערצבערגער הי"ו
ר' יוסף (ברי"י) כ"ץ הי"ו
ר' אלכסנדר ישראל לאנדא הי"ו
ר' ישראל טובי' לאנדא הי"ו
ר' משולם איסר לעווי הי"ו
ר' מרדכי אלי' מאסרי הי"ו
ר' משה מרדכי סרוגא הי"ו
ר' יואל (ברי"י) פארגעס הי"ו
ר' אלי' (בר"ח) פארקאש הי"ו
ר' הערשל פריעד הי"ו
ר' שמואל פריעד הי"ו
ר' משה יוסף (ברי"ש) פריעדלענדער הי"ו
ר' אפרים צבי פריעדמאן הי"ו
ר' שמעון רובינשטיין הי"ו
ר' יוסף פנחס שווארץ הי"ו
ר' אברהם זאנוויל שמילאוויטש הי"ו

להולדת הבנות
הר"ר מרדכי פאנעט שליט"א
ר' משה יצחק בלייך הי"ו

ר' יחזקאל שרגא (ברח"צ) גאלדבערגער הי"ו
ר' משה האלפערט הי"ו
ר' געציל הערש הערשקאוויטש הי"ו
ר' שמואל טייטלבוים הי"ו
ר' אברהם חיים לעווי הי"ו
ר' יודא מאשקאוויטש הי"ו
ר' אלי' (בר"ח) פארקאש הי"ו
ר' לייבוש (בהר"ר יחזקאל) פרענקל הי"ו - תאומות
ר' חיים ראובן עקשטיין הי"ו
ר' שבתי קעסטענבוים הי"ו
ר' יואל אלי' קאהן הי"ו
ר' מרדכי קרויס הי"ו
ר' משה הלל קרויס הי"ו
ר' יחיאל שטיינמעץ הי"ו

להכנסת בניהם לעוה"מ
ר' יואל גאנץ הי"ו
ר' יואל דעססער הי"ו
ר' יושע מאשקאוויטש הי"ו
ר' יואל הערשקאוויטש הי"ו
ר' יואל (בראי"ד) לאנדא הי"ו
ר' אברהם שאול יעקב פריעדמאן הי"ו
הר"ר שמעון עוזר שווארטץ שליט"א
ר' ישראל מרדכי שטערן הי"ו

לנישואי צאצאיהם
ר' דוד שלמה עקשטיין הי"ו
ר' אברהם יושע גפן הי"ו
ר' יצחק מנחם סרוגא הי"ו
ר' שמואל מאיר האלצער הי"ו
ר' פינחס יאקאבאוויטש הי"ו
ר' יואל שטאלצבערג הי"ו
ר' יצחק כ"ץ הי"ו
ר' יואל (בר"ה) יאקאבאוויטש הי"ו
ר' יעקב אלימלך ראזענטאל הי"ו
הר"ר יואל טעסלער שליט"א
ר' אלכסנדר זושא ניימאן הי"ו
הרה"ג אהרן יודא כ"ץ שליט"א
הר"ר פנחס ליפשיץ שליט"א
הר"ר יואל (בר"א) מארקאוויטש שליט"א
ר' הערשל לויפער הי"ו
ר' יוסף כהנא הי"ו
ר' חיים משה האס הי"ו
ר' נחום אלעזר מאשקאוויטש הי"ו
ר' יקותיאל מאלח הי"ו
ר' אברהם (בר"צ) פייערשטיין הי"ו
ר' זלמן לייב שפיטצער הי"ו
ר' שמעון ישראל ראטענבערג הי"ו
ר' יום טוב בערגער הי"ו
ר' דוד אלי' ניישטאדט הי"ו
ר' יואל שטיינמעץ הי"ו
ר' ליפא האלפערט הי"ו
ר' הערש אלימלך קליין הי"ו
ר' יעקב כ"ץ הי"ו
ר' שמואל דוד פרידריך הי"ו
ר' אהרן דרעזדנער הי"ו
ר' פנחס מענדלאוויטש הי"ו
ר' אברהם שלמה פערענץ הי"ו
ר' שלמה לייב קרויס הי"ו

לנישואיהם
ר' אלי' מרדכי סרוגא הי"ו
ר' שמעון יאקאב הי"ו
ר' שלמה יאקאבאוויטש הי"ו
ר' אשר אנשיל כ"ץ הי"ו
ר' אברהם שמואל יצחק יאקאבאוויטש הי"ו
ר' משה ארי' טעסלער הי"ו
ר' שמעון כ"ץ הי"ו
ר' ארי' לייבוש ליפשיץ הי"ו
ר' זלמן לייב לויפער הי"ו
ר' אהרן עוזר האס הי"ו
ר' שלמה ראובן מאלח הי"ו
ר' מענדל פייערשטיין הי"ו
ר' דוד יושע ראטענבערג הי"ו
ר' יואל בערגער הי"ו
ר' יוסף דוב ניישטאדט הי"ו
ר' הילל ראובן האלפערט הי"ו
ר' יושע כ"ץ הי"ו
ר' שמואל אליעזר כ"ץ הי"ו
ר' יצחק טובי' דרעזדנער הי"ו
ר' חיים בערגער הי"ו
ר' יעקב שעהנברון הי"ו
ר' חיים מרדכי פערענץ הי"ו

לאירוסי צאצאיהם

| | | |
|---|---|---|
| הרה"ג יואל פאשקעס שליט"א, וויליאמסבורג | יוסף שאול הי"ו | ר' משה מאיר (בר"מ) טייטלבוים הי"ו, קרית יואל |
| ר' נתן ברוינער הי"ו, וויליאמסבורג | פתחי' צבי הי"ו | ר' דוד שטוהל הי"ו, קרית יואל |
| ר' אברהם עזריאל גוטמאן הי"ו, מאנסי | בנימין הי"ו | ר' יואל (בהרח"י) רובין הי"ו, קרית יואל |
| ר' אליעזר הערש הערשקאוויטש הי"ו, קרית טאהש | שמואל זאנוויל הי"ו | ר' יואל (ב"ר פישל) סופר הי"ו, קרית יואל |
| ר' אברהם שמואל לעבאוויטש הי"ו, קרית יואל | שלמה עוזיאל הי"ו | ר' משה יצחק פריעדמאן הי"ו, מאנסי |
| ר' יואל (ב"ר יודא לייב) מאשקאוויטש הי"ו, קרית יואל | יצחק הי"ו | ר' דוד (בהרמ"צ) קליין הי"ו, קרית יואל |
| ר' יואל (ב"ר יעקב לייב) מאשקאוויטש הי"ו, קרית יואל | משה זאב הי"ו | ר' יואל מיטטעלמאן הי"ו, מאנטרעאל |
| ר' משה (בהר"א) סימאן הי"ו, קרית יואל | חיים הי"ו | ר' יעקב אליעזר גראד הי"ו, קרית יואל |
| ר' משה חיים אלעזר פירטה הי"ו, קרית יואל | אליעזר הי"ו | ר' מאיר יעקב טייטלבוים הי"ו, וויליאמסבורג |
| ר' אברהם בנימין קאהן הי"ו, מאנסי | מנחם מענדל הי"ו | ר' אברהם ישעי' שלום קנאפפלער הי"ו, קרית יואל |
| ר' אליעזר זוסיא (ברי"מ) קליין הי"ו, וויליאמסבורג | יעקב הי"ו | ר' נפתלי הירצקא וויינבערגער הי"ו, קרית יואל |
| ר' אשר ראאב הי"ו, קרית יואל | נתן אלי' הי"ו | ר' אלטר איתמר טובי' ווייס נ,י, קרית יואל |
| ר' ליפא שטיינבערג הי"ו, קרית יואל | יצחק שמואל הי"ו | ר' יושע פישער הי"ו, וויליאמסבורג |
| ר' יושע יודא שעהר הי"ו, מאנסי | שמואל הי"ו | ר' מנשה פעלדמאן הי"ו, קרית יואל |

חתונות • פדיון הבן • סעודת מצוה
תנאים • בר מצוה • שבע ברכות
אהערגעשטעלט!
עטרת מאיר צבי
ATERES MEIR TZVI
STANDARD • PREMIUM • DELUXE
פאר באשטעלונגען און פאר מער אינפארמאציע רופט היינט
845-781-2288



בע"ה
בע"ה
JEWELRY MASTER
Fine Jewelry & Diamonds
52 Bakertown Rd.
BUSINESS CENTER II
845-782-6365
FOR PVT APPTS. PLEASE CALL
845-248-8644
Sun-Thurs: 11am-6:30pm / Fri. 11am-1pm
for special hours call: 845-248-8644